בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת עקב תשפ"ו

**פון י"ב אב - ביז י"ח אב**

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א
ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 9119-907 (646)**

## זונטאג - י"ב אב

הרה"ק רבי יחיאל אפרים פישל ב"ר חנוך העניך הכהן זי"ע, (לעווין), **אב"ד מאליניץ.**

## מאנטאג - י"ג אב

הגה"ק המפורסם רבי נתן נטע ב"ר שלמה זי"ע, (שפירא), **בעל מגלה עמוקות, מקראקא.**

הגה"ק רבינו מרדכי ב"ר אברהם זי"ע, (בנעט), **בעל מגן אבות, בעל פרשת מרדכי, אב"ד ניקלשבורג.**

## דינסטאג - י"ד אב

הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר אהרן זי"ע, (פריעדמאן), **בעל אך פרי תבואה, מליסקא.**

"הנקרא **ר' הערשעלע ליסקער**"

## מיטוואך - ט"ו אב

הרה"ק רבינו המקובל רבי עמרם ב"ר אפרים זי"ע, (בן דיוואן), **המקובל האלקי ממארוקו.**

הרה"ק רבי מאיר נתן ב"ר חיים זי"ע, (הלברשטאם), **מצאנז.**

## דאנערשטאג - ט"ז אב

הרה"ק רבי מנחם מענדל ב"ר משה אברהם דוד זי"ע, (לעזער), **בעל שובע שמחות, מטארנא, אב"ד סטריזוב.**

## פרייטאג - י"ז אב

הרה"ק רבי אברהם מרדכי ב"ר בנימין זאב יעקב זי"ע, (הורוויץ), **מפינטשוב.**

## שבת קודש - י"ח אב

הרה"ק רבי שלמה חנוך ב"ר יחזקאל הכהן זי"ע, הי"ד, (ראבינאוויטש), **בעל שבחי כהן,**
**האדמו"ר האחרון מראדומסק.**

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט י"ב אב**

**הרה"ק רבי יחיאל אפרים פישל ב"ר חנוך העניך הכהן זי"ע, (לעווין), אב"ד מאליניץ**

ער איז געבוירן אין שטאט פשיסחא, **בשנת תקפ"ג**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי חנוך העניך לעווין בעל חשבה לטובה מאלכסנדר** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי פנחס אב"ד ליטומארסק** זי"ע,
בן אחר בן פון הגה"ק **רבינו שבתי כהן בעל הש"ך** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת חנטשי פייגא** ע"ה,
בת **הנדיב הגביר הר"ר יעקב מפשיסחא** ז"ל.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד תם וישר, א גאון וחריף מופלג בתורה ובחכמה, און א בקי בתורה ש"ס ופוסקים, איש טוב, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה, ואוהב את המקום, אויך איז ער געווען א איש החסד נפלא, ער האט אויסגעטיילט גרויסע סכומים פון זיין אייגן געלט פאר ארימע לייט, און עוסק געווען צוזאמען צו שטעלן גאר גרויסע סכומים פאר צדקה.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת לאה** ע"ה,
בת הגביר **רבי צבי הירש קוזלובסקי** ז"ל.

גאנץ אנפאנג האט ער געוואוינט אין שטאט מאליניץ וואס איז געווען די שטאט, וואס די פרוי הצדקת החסידה מרת תעמעריל ע"ה האט אויס געהאלטן, זי איז געווען א גרויסע עשירה, און זי האט זייער מעריץ געווען דעם דרך החסידות, און האט גאר אסאך צדיקים אויס געהאלטן יארן לאנג, און ווען זי האט איבער געגומען דעם שטאט מאליניץ איז דער שטאט מורא'דיג געוואקסן אין תורה, הונדערטער גאונים און צדיקים האבן דארט געוואוינט און עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה,

א שטיק צייט איז ער געזעצן אין שטאט רודה וואס דארט האט געדינט אלס רב הרה"ק **רבי שמחה בונם מפשיסחא** זי"ע, וואס האט גאר אסאך צדקה וחסד געטון דורך די צדקת תעמעריל ע"ה, שפעטער ווען רבי שמחה בונם איז אריבער קיין פשיסחא, האט איבער גענומען דאס רבנות הרה"ק רבי איציקל מווארקא זי"ע.

דער שווער זייענדיג א גרויסע עושר האט דאן אפגעקויפט דעם כפר מאליניץ פון תעמעריל און נאך א גביר, און אלס נדן האט ער דעם כפר געגעבן פארן איידעם רבי יחיאל זי"ע, און ער האט אנגעהויבן אויף בויען דעם שטאט צו אן עיר ואם בישראל, ער האט געזארגט סיי פאר פרנסות פאר אידן וואס האבן דארט געוואוינט, און אויך האט ער אסאך כוחות אריין געלייגט און מרביץ תורה זיין פאר די אידן וואס האבן דארט געוואוינט, און זייער שנעל האט זיך דער שטאט אנגעפילט מיט אידן בני תורה און ערליכע סוחרים, און נאך א יאר האבן שוין דארט געוואוינט קרוב צו 100 משפחות.

רבי יחיאל אפילו זייענדיג עוסק מיט א מסירת נפש פאר די שטאט מענטשן, איז מיט די אלע זאכן געזעצן און געלערנט און עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה, און ער איז דאן באוויסט געווארן אלס א גאון עולם, גאר אסאך גרויסע גאונים וגדולים פון פולין האבן זיך מפלפל געווען בתורה מיט דעם גאון וגדול בתורה.

ער האט דארט אין שטאט אויף גישטעלט א הערליכע ביהמ"ד, ווי די אידן פון שטאט האבן געלערנט כמעט 24 שעה א טאג, ביי חצות איז נאך געהערט געווארן דעם קול התורה פונעם ביהמ"ד, און ביי 2 אזייגער פארטאגס האט מען שוין ווייטער געהערט דעם קול התורה, אלע שטעט ארום האבן געהאט א געוואלדיגע יראת הכבוד פאר רבי יחיאל, און אים מכבד געווען צוליב זיין גדלות בתורה ובחסידות במעשים בחכמה ובתבונה, און ער האט דעם שטאט מאליניץ געפירט מיט א מוראדיגע שטארקייט, אז מען זאל זיך דארט פירן אלס לויט די הלכה און לויט די גדרי התורה.

דער שטאט איז גאנץ שנעל באוויסט געווארן אלס דעם פלאץ ווי גאונים און גדולים בדור האבן זיך באזעצט, אידן דארט אין שטאט האבן עוסק געווען במסחר א קליין חלק פון טאג, און

מערסטענס פונעם טאג און אויך פין די נאכט, האבן רוב פון די אידן מקדיש געווען לתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה.

אויך פלעגט דער טאטע הרה"ק רבי חנוך העניך מאלכסנדר זי"ע קומען אויף שבתים צום שטאט מאליניץ ווי ער האט געפירט דעם שבת מיט א געוואלדיגע דערהויבענקייט, דאן איז די שטאט געווארן א מרכז לחסידות, דער טאטע האט דארט געפירט זיינע הייליגע טישן צוזאמען מיט די אידן פון שטאט און עס איז געווען מעין עולם הבא.

אויך זענען גאר אסאך גדולים און רבנים פונעם דור געקומען דארט אין שטאט אלס א קור ארט, וואס דאן זענען די גדולים איין געשטאנען ביי רבי יחיאל פישל אינדערהיים, און ער האט זיי גאר שיין מכבד געווען און צו געטיילט גרויס כבוד.

דער רבי יחיאל פישל אפילו זייענדיג א גרויסער עושר, איז ער אבער געפארן צו זיינע רבי'ס מיט א פשוטן פערד אין וואגן, און זיך מסתופף געווען ביי זיי ווי א פשוטע חסיד.

ער איז געווען איינע פון די גרעסטע בעל צדקה אין פולין, וואס פון איבעראל האט מען זיך געוואנדן צו אים פאר צדקה וחסד, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א גרויסער גאון און גדול בתורה, אבער ער האט גאר שטארק פראבירט צו באהאלטן זיין גדלות בתורה מיטן עוסק זיין אין זיינע צדקה צוועקן.

אויך די רעבעצין הרבנית הצדקת מרת לאה ע"ה וואס איז אויפגעוואקן אונעם הויז פון איר טאטע, וואס איז געווען א גרויסער גביר, און עס האט איר קיינמאל גארנישט געפעלטביים טאטן אין שטוב, איז איר שטוב אייביג געווען אפען פאר יעדן איד, גאר אסאך ארימעלייט זענען געקומען צו זיי אין שטוב יעדן טאג צו עסן צופרי און ביינאכט, און די רעבעצין האט דארט ביי זיך אין שטוב אויף געשטעלט א קאך, וואס האט געווירבעלט בייטאג און ביינאכט, צו מאכן זיכער אז עס איז דא גענוג עסן פאר יעדן איד וואס האט געברויכט.

אויך האט זי געהאט פרויען וואס זי האט זיי באצאלט צו זיין ביי איר אין שטוב, צו פאריכטען שיך און קליידער פון ארעמעלייט וואס זענען געקומען איינשטיין ביי איר אין שטוב, כמעט וואס א ארימאן איז נישט ארויס פון איר שטוב אן האבן געגעסן צו די זעט, און אויך נישט ארויס בעפאר מען האט פאראכטן די קליידער.

יעדער האט געוויסט פון איר גרויס צדקת, קיינמאל האט זי נישט אויף געהויבן איר קול אויף א ארימאן אפילו ווען מען האט גאר אסאך געשטערט די מנוחה ביי איר שטוב, נאר האט מיט א שמייכל און צופרידנקייט אלעס צו געשטעלט פאר יעדן איינעם.

אויך האט די רעבעצין זיך אפ געגעבן מיטן ביהמ"ד און שוהל, און געמאכט זיכער יעדע נאכט אז אלעס אין שוהל איז אויפן בעסטן פארנעם, און געמאכט זיכער אז די לומדים פון שטאט זאלן קענען זיצן און עוסק זיין בתורה אימגעשטערט, און טאקע מיט די אלע זאכן איז אויס געוואקסען גאר גרויסע גאונים פון דעם שטאט מאליניץ.

דער שטאט מאליניץ איז געווען באוויסט אלס א שטאט וואס יעדער דארט איז געווען איין גרויסע משפחה, און אלס מנהיג איז געווען רבי יחיאל פישל און זיין רעבעצין, וואס האבן זיך געזארגט אויף יעדע זאך פונעם שטאט.

רבי יחיאל פישל האט געזארגט פאר די אידן אז זיי זאלן אלע האבן פרנסה, און די אידן וואס זענען דעם גאנצן טאג געזעצן על תורה ועבודה האט רבי יחיאל געזארגט אז עס זאל אלעס זיין ביי זיי אין שטוב, אויך האט ער אויף געשטעלט א תלמוד תורה און חינוך לבנים ווי מען האט מיט די קינדער געלערנט תורה אויפן דרך המסורה מדורות הראשונים.

די רעבעצין האט געזארגט פאר די חינוך הבנות, אויך האט זי געזארגט פאר די קראנקע אידן פון שטאט אז זיי זאלן קענען געהיילט ווערן און די משפחות זאלן קענען ווייטער אנגיין.

אויך איז זי געווען די מאמע פאר די יתומים און יתומות, און בכלל פאר יעדן צובראכענע איד האט זי געהאט א אפען אויער, און אלע אנדערע געברויכן פון שטאט, עד כדי כך אז אידן פלעגן

דעם שטאט מאלינייץ רופן מיטן נאמען "ירושלים הקטנה" פון פולין.

י"ח אדר בשנת תר"ל איז זיין טאטע הרה"ק רבי חנוך העניך מאלכסנדר זי"ע נסתלק געווארן, און דער זוהן רבי יחיאל פישל איז געווען באמת ראוי איבער צו נעמען דאס רבנות אין שטאט אלכסנדר, צוליב זיין גדלות בתורה און זייענדיג א גרויסער גאון בתורה.

מיט דעם אלעם האט ער דעם שטאט מאלינייץ נישט געוואלט איבער לאזן, און בכלל נישט געוואלט נעמען קיין רבנות שטעלע, נאר געוואלט לעבן א באשיידען לעבן און ארויס העלפן אידישע קינדער, און ער האט זיך קיינמאל נישט פארעכענט אלס א רב, מיט דעם אלעם האבן די אידן אין שטאט מאלינייץ דעם גאון געהאלטן אלס זייער רב פון שטאט.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק **רבי פנחס יעקב הכהן לעווין** זי"ע,
הרה"ק **רבי מענדיל הכהן לעווין** זי"ע.

זומער בשנת תרנ"ז האט ליידער אויס געבראכן א גרויסע מגיפה אין די מדינות פולין, פון וואס גאר אסאך אידישע קינדער פון שטעט ארום זענען ליידער ר"ל געשטארבן, און די מגיפה האט זיך דער נענטערט צום שטאט מאלינייץ אויך, יענעם יאר איז אויס געפאלן תשעה באב אויף א מוצאי שבת קודש.

גלייך נאכן זאגן **מגילת איכה**, איז דער רב רבי יחיאל פישל ארויף אויפן בימה אין ביהמ"ד, און גערופען זיין זוהן הרה"ק רבי פנחס יעקב זי"ע, **און געהייסן אז ער זאל מאכן הבדלה ברבים, און גוזר געווען אז יעדער אין שטאט זאל אויספאסטן צוליב דעם סכנה פונעם מגיפה.**

אבער דעם קומענדיגען טאג איז אנגעקומען דעם בשורה לא טובה אז ביי אים אין שטאט זענען אפאר אידן אן געשטעקט געווארן מיטן מחלה פון די מגיפה, דאן האט דער צדיק אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל, און געזאגט בזה"ל, "**רבון העולמים, הריני מוסר את נפשי לכפרת ישראל**".

יענעם טאג איז געווען י"א מנחם אב, און דער צדיק איז אריין געפאלן אין בעט און קראנק געווארן, און ביינאכט י"ב מנחם אב יצאה נשמתו הטהרה און די מגיפה האט זיך אפ געשטעלט.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ב מנחם אב בשנת תרנ"ז**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **זארנובצה**, און אויפן מציבה האט מען געשריבן בזה"ל "**מסר נפשו בעד כפרת ישראל**".

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**אין ספר חשבה לטובה ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי יחיאל אפרים פישל ממאלינייץ זי"ע איז געווען באקאנט אלס א געוואלדיגער **בעל צדקה וחסד**, וואס פלעגט ממש אלעס אוועקגעבן פאר אנדערע, איינמאל איז אריבערגעקומען אן ארעמאן קיין מאלינייץ און האט זיך באקלאגט פאר'ן רב, **אז ער נויטיגט זיך אין א גרויסער סומע געלט כדי חתונה צו מאכן א קינד**, דער רב האט אים געוואלט שטארק העלפן, אבער אין יענעם מאמענט האט ער נישט געהאט קיין איין רענדל אין קעשענע.

וואס האט דער צדיק געטון, ער האט זיך דערמאנט אז זיין רעבעצין, הרבנית לאה ע"ה, **פארמאגט עטליכע ווערטפולע חפצים און צירונג, אן קיין שום קווענקלניש האט ער גענומען די חפצים און זיי איבערגעגעבן פאר'ן ארעמאן**, און געזאגט פארן ארימאן, אז ער זאל עס קענען פארקויפן און פון דעם וועט ער אי"ה קענען חתונה מאכן זיין קינד, ווען די רעבעצין האט עס באמערקט, האט זי געפרעגט דעם רב וויאזוי מען טוט אזא זאך, האט ער געענטפערט מיט זיין גרויסער תמימות און צדקות, "**די גמרא זאגט דאך, אז א מענטש דארף משכן זיין אלעס וואס ער האט כדי צו ראטעווען אן אנדערן איד, קען דען זיין א גרעסערע שמחה ווי דאס**".

• • •

**אין ספר כרם החסידות ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי יחיאל ממאלינייץ זי"ע אלס זון פונעם אלכסנדר רבי'ן, דער הייליגער חשבה

לטובה זי"ע האט דער צדיק רבי יחיאל געהאט אן אומגעהויערע מורא'דיגע התבטלות צו זיין פאטער, כאטש ער אליין איז שוין געווען א בארימטער רב אין מאליניץ און א גאון עצום, **פלעגט ער זיך פירן פארענט פון זיין פאטער ווי א פשוט'ער חסיד**.

ווערט דערציילט, אז יעדעס מאל ווען ער פלעגט פארן קיין אלכסנדר צו זיין פאטער, פלעגט ער אפשטייען א קילאמעטער פאר'ן שטאט, אויסשפאנען די פערד פונעם וואגן, און אליין שלעפן אדער גיין צופוס די גאנצע איבעריגע וועג אויס דרך ארץ און קדושת המקום, ווען די חסידים האבן אים געפרעגט פארוואס ער טוט דאס, האט ער געענטפערט מיט א פשטות, "**אז מען גייט צו א רבין וואס איז א מרכבה לשכינה, ציטערן מיינע ביינער, ווי קען איך זיצן באקוועם אויף א וואגן**".

• • •

**אין ספר רועה נאמן ווערט געברענגט**, אז די חסידים פלעגן פארציילן, אז זיין גאנצע הנהגה אין מאליניץ איז געווען באהאלטן פון די אויגן פון מענטשן, ער האט נישט געוואלט מען זאל וויסן פון זיין גרויסקייט אין תורה און קבלה, ער פלעגט זיצן אין א זייטיג שטיבל אין די נאכט שעה'ן און עוסק זיין בתורה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, איינמאל האט איינער פון די מקורבים באמערקט דורך א שפאלט אינעם טיר א מורא'דיגע מראה.

דער מאליניצער רב זיצט איבערגעבויגן איבער די ספרים, און זיין פנים האט געברענט ווי א פלאם, **בשעת ער רעדט ארויס ווערטער וואס זענען נישט געווען פארשטענדליך פאר א פשוט'ן מענטש**, ווען דער רב האט באמערקט אז מען קוקט אויף אים, האט ער גלייך צוגעמאכט דעם ספר, **זיך גענומען קלאפן מיט די פינגער אויפ'ן טיש, און אנגעהויבן זינגען א פשוט'ן ניגון**, כדי צו מאכן דעם רושם כאילו ער זיצט סתם אזוי און פארברענגט די צייט, אלץ כדי צו אנטלויפן פון דעם כבוד און בלייבן באהאלטן.

• • •

**אין קונטרס שמועות חסידים לבית אלכסנדר ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אנגעקומען א צעבראכענער חסיד קיין מאליניץ, וואס האט שוין יארן לאנג געזוכט א שידוך פאר זיין עלטסטער טאכטער און נישט געהאט קיין שום ישועה, דער איד איז אריין מיט א קוויטל צום מאליניצער רב, און געוויינט מיט ביטערע טרערן און געבעטן א ברכה, דער צדיק האט אים אנגעקוקט מיט גרויס רחמנות און געזאגט, "**פאר אהיים מיט א רואיג הארץ, דער אייבערשטער וועט העלפן אז ביז א קורצע צייט וועט זיך אלעס אויסצאלן אויפ'ן בעסטן וועג**".

קומענדיג אהיים, האט ביי דעם חסיד פארסירט א גאר וואונדערליכע זאך, א גביר פון א צווייטע שטאט האט פלוצים פארגעשלאגן זיין זון פאר דעם חסיד'ס טאכטער, און ער האט אפילו צוגעזאגט צו דעקן די גאנצע חתונה און געבן א שיינע נדן, ווען דער חסיד איז צוריקגעקומען קיין מאליניץ אפגעבן א יישר כוח, האט ער געפרעגט דעם רב, **וויאזוי איז די ישועה אנגעקומען אזוי שנעל**, האט אים דער צדיק רבי יחיאל אפרים פישל געענטפערט מיט זיין גרויס עניוות, "**איך האב גארנישט געטון, נאר אזוי ווי מיין גרויסער פאטער, דער אלכסנדר רבי דער הייליגער חשבה לטובה זי"ע האט מיר געלערנט, אז ווען א איד שרייט אויס זיין צער פאר א צווייטן, און יענער פילט זיין ווייטאג מיט אן אמת, עפנט דאס גלייך די שערי שמים, איך האב פשוט מיטגעוויינט מיט דיין צער, און דאס האט אויסגעבעטן די ישועה**".

• • •

**עס ווערט דערציילט דורך די זקני חסידי פולין**, אז איינמאל אינמיטן א קאלטן ווינטער, האט דער מאליניצער רב געמוזט פארן אויף א נסיעה, דער וועג איז געווען שווער, באדעקט מיט טיפע שניי, און די פערד פונעם בעל עגלה האבן זיך קוים געקענט באוועגן, דער בעל עגלה, א פשוט'ער ארעמער איד, איז געווען זייער ארומגענומען מיט דאגה ווייל ער האט מורא געהאט אז די פערד וועלן חלילה שוואך ווערן און ער וועט פארלירן זיין איינציגע פרנסה.

זעענדיג זיין צער, האט דער צדיק רבי יחיאל אפרים פישל זי"ע ארויסגעקוקט פונעם וואגן און געזאגט פאר'ן איד, "**זארג דיך נישט, זאג מיט מיר עטליכע קאפיטלעך תהילים מיט אמונה און דער באשעפער וועט אונז שוין היטן**", זיי האבן אינאיינעם געזאגט תהילים, און פלוצים האבן די פערד באקומען א נייע קראפט און אנגעהויבן

לויפן שנעל און גרינג איבער דעם גאנצן שניי, ביז זיי זענען אנגעקומען בשלום צום ארט, דער בעל עגלה האט דעמאלט געזען, **אז דער רב איז נישט נאר א גרויסער לומד, נאר א קדוש וואס זיין דיבור איז משפיע ישועות אויף פשוט'ע מענטשן.**

• • •

**די איינוואוינער פון שטאט מאליניץ האבן דערציילט**, אז אלס רב אין מאליניץ, האט דער צדיק רבי יחיאל אפרים פישל זי"ע איינגעפירט א מנהג וואס קיינער האט נישט געוואוסט דערפון, יעדע וואך פלעגט ער אליין ארומגיין שטילערהייט צו די בעקערס און סוחרים אין שטאט, **און באצאלן פאר מעל, פלייש און פיש פאר משפחות וואס האבן חתונה געמאכט קינדער און האבן נישט געהאט קיין פרוטה מיט וואס אריינצוברענגען דעם שבת.**

אבער ער האט אנגעזאגט די סוחרים מיט א שטרענגן פארבאט, **אז זיי טארן בשום אופן נישט אויסזאגן פאר די משפחות ווער עס האט באצאלט פאר די סחורה, כדי די ארעמע לייט זאלן זיך נישט פילן דערנידערט אדער פארשעמט**, ערשט נאך זיין הסתלקות אום י"ב אב בשנת תרנ"ז, ווען די סוחרים האבן שוין נישט באקומען די געלטער, האט זיך ארויסגעשטעלט די גרויסע מאס צדקה וואס דער צדיק האט יארן לאנג געטון בסתר כדי מחי' צו זיין אידישע נפשות.

• • •

**אין ספר רועה נאמן לבית אלכסנדר ווערט דערציילט**, אז אינעם שטעטל מאליניץ איז געווען א אידישער בחור וואס מען האט פארשיקט דינען אין די רוסישע ארמיי אויף לאנגע יארן, דער בחור איז געווען זייער צעבראכן, און פאר ער איז אוועקגעגאנגען איז ער אריין נעמען א ברכה פונעם מאליניצער רב רבי יחיאל אפרים פישל זי"ע.

דער צדיק רבי יחיאל אפרים פישל האט אים אנגעקוקט מיט גרויס רחמנות, אים ארומגענומען מיט ליבשאפט און געזאגט, "**געדענק איין זאך, וואו דו וועסט נאר זיין, היט אפ שבת קודש און כשרות כפי יכלתך, און דער אייבערשטער וועט דיר שוין היטן**", דער רב האט אים איבערגעגעבן א קליין סידור'ל און א שטיקל שמירה געלט, נאך עטליכע חדשים איז דער בחור אנטלאפן פון די מיליטער אינמיטן א קאלטן ווינטער נאכט, **ווייל ער האט נישט געוואלט פארשוועכן דעם שבת קודש**, ער איז געלאפן מיילן לאנג אין די וועלדער ביז ער איז אנגעקומען צוריק קיין מאליניץ איינגאנצן פארפרוירן און אויסגעשעפט, זוכן א באהעלטעניש פונעם מיליטער וואס האט אים געזוכט.

ווען די חסידים האבן מורא געהאט אים אריינצונעמען ווייל עס איז געווען סכנה נפשות פאר יעדן וואס באהאלטן א סאלדאט, האט דער צדיק רבי יחיאל אפרים פישל געזאגט מיט א פעסטקייט, "**דער בחור האט זיך מוסר נפש געווען פאר'ן שבת, וויאזוי קענען מיר אים איבערלאזן פאר די וועלף**", דער רב האט אים באהאלטן אין זיין אייגענעם קעלער פאר עטליכע וואכן, אים אליין געברענגט ווארעמע עסן יעדן טאג, ביז די סכנה איז אדורך און מען האט אים געקענט ארויסשמוגלען פארשטעלטערהייט צו א זיכערן ארט.

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר חשבה לטובה ווערט דערציילט**, אז וויבאלד דער צדיק רבי יחיאל אפרים פישל איז געווען דער זון פונעם אלכסנדר רבין דער הייליגער חשבה לטובה זי"ע, האבן די חסידים אים געוואלט אפגעבן גרויס כבוד יעדן מאל ער איז געקומען צו פארן קיין אלכסנדר, דער צדיק פלעגט אבער אנטלויפן פון כבוד ווי פון פייער, איינמאל, ווען ער איז אנגעקומען קיין אלכסנדר אויף שבת, האבן די יונגע חסידים אנגעהויבן זיך שטיפן ארום אים אפצוגעבן שלום.

ווען ער האט דאס געזען, איז ער שנעל אריין אין א זייטיגן פשוט'ן שטיבל, זיך ארויפגעצויגן דעם קאפעלע איבער די אויגן **און אנגעהויבן זאגן תהילים בקול רם מיט אן איינפאכן נוסח, ווי א פשוט'ער איד**, כדי די חסידים זאלן מיינען אז ער איז סתם א פשוט'ער מענטש און אים אפלאזן, דער פאטער דער הייליגער חשבה לטובה, וואס האט דורכגעזען זיין גרויסע חכמה און באהאלטענע קדושה, האט שפעטער געזאגט פאר די מקורבים, "**מיין פישל מיינט אז ער קען זיך באהאלטן פון די וועלט דורך זיין פשטות, אבער זאלט איר וויסן, אז זיין גאנצע תמימות איז פול מיט אן אש קודש, און די תפילות וואס ער דאווענט שטילערהייט זענען מחי' די גאנצע וועלט**".

• • •

**אינעם קובץ כרם החסידות ווערט דערציילט,** אז עס איז געווען איין יאר, ווען עס האט געהערשט א שווערע טריקעניש אין די גאנצע געגנט ארום מאליניץ, די פעלדער זענען געווען אויסגעטריקנט, און די דאגה ביי די ארטיגע פארמערס און די אידישע סוחרים איז געווען מורא'דיג גרויס, ווייל אן קיין תבואה וועט חלילה זיין א שווערער הונגער איבערן ווינטער, די אידן און סוחרים פונעם שטאט זענען געקומען צום רבין און געבעטן מיט טרערן אז ער זאל מתפלל זיין פאר רעגן.

דער צדיק רבי יחיאל אפרים פישל האט זיך פארשלאסן אין זיין חדר, און ער האט געלערנט שעה'ן לאנג אן קיין אויפהער מתוך דבקות עצומה, ערשט פארנאכטס איז ער ארויסגעקומען און געזאגט פאר די חסידים, "**דער אויבערשטער וויל אונז משפיע זיין גוטס, אבער מיר מוזן ווייזן אז מיר זענען גרייט זיך איבערצוגעבן איינער פאר'ן צווייטן**", און דער צדיק האט מעורר געווען די אידן פון שטאט, אז מען ברויך אנהייבן מער טון חסד איינער מיטן צווייטן.

ער האט גלייך געהייסן ארויסנעמען די לעצטע פעקל פון מעהל וואס איז געווען אין זיין שטוב, **און דער צדיק האט עס צעטיילן פאר די ארעמסטע משפחות אין שטאט**, נאך איידער די חלוקה האט זיך געענדיגט, האט זיך דער הימל באדעקט מיט שווארצע וואלקנס און עס האט אנגעהויבן גיסן א געבענטשטער רעגן וואס האט אנגעפילט די קוואלן, און די חסידים האבן געזען דערפון, **אז דער רב האט אראפגעברענגט די ישועה דורך דעם כוח פון צדקה וחסד וואס ער האט משפיע געווען**, אבער דער צדיק האט נישט נאר געפאדערט פון אנדערע צו טון צדקה וחסד, נאר ער האט אליין עוסק געווען אין די מצוה מיט א מורא'דיגע איבערגעגעבנקייט.

• • •

**אין ספר תפארת חנוך ווערט דערציילט**, אז נאך די הסתלקות פון זיין פאטער דער הייליגער חשבה לטובה זי"ע אום כ"ז אדר בשנת תרל"ד, פלעגט רבי יחיאל אפרים פישל יעדעס יאר פארן קיין אלכסנדר צום יארצייט מיט א געוואלדיגע הכנעה און ציטערניש, איין יאר, צוליב די שווערע וועטערס און פארשלאסענע וועגן, האט דער צדיק זיך זייער פארשפעטיגט מיטן קומען צום יארצייט און עס האט שוין אויסגעזעהן אז ער וועט שוין נישט אנקומען צום יארצייט פונעם טאטן אין צייט.

דער בעל עגלה האט מורא געהאט ווייטער צו פארן ווייל עס זענען געווען שמועות איבער רויבער וואס דרייען זיך אויף די וועגן אין די וועלדער אין די שפעטע נאכט שעה'ן, האט אים רבי יחיאל אפרים פישל געזאגט, "**פאר שנעלער און האב נישט קיין מורא, דער פאטער וואס ליגט אין אלכסנדר היט אונז אויפ'ן וועג**", ווען זיי זענען אדורך דעם טיפן וואלד, האבן זיי פלוצים דערזען **א גרויס ליכט וואס האט אויפגעשיינט פארענט פון דעם וואגן און געוויזן דעם וועג גרינג און זיכער**, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין אלכסנדר נאך מבעוד יום פונעם יארצייט, און דער בעל עגלה האט דערציילט פאר די חסידים, **אז ער האט קיינמאל נישט געזען אזא קדושה און שמירה ווי ביי דעם מאליניצער רב**.

**יארצייט י"ג אב**

**הגה"ק המפורסם רבי נתן נטע ב"ר שלמה זי"ע**
**(שפירא)**
**בעל מגלה עמוקות, מקראקא**

ער איז געבוירן אין פולין, **בשנת שמ"ה**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי שלמה שפירא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי נתן נטע שפירא בעל מבוא שערים אב"ד הוראדנא** זי"ע, נאך וועם ער האט באקומען זיין הייליגע נאמען,
בן הגה"ק **רבי שמשון שפירא אשכנזי מפוזנא** זי"ע,
א אייניקל פון הגה"ק **רבי נתן ב"ר יחיאל בעל הערוך הראשון** זי"ע,
ולמעלה בקודש ביז **דוד מלך ישראל חיי וקיים** ע"ה.

צדיקים האבן געזאגט, אז די משפחה נאמען "**שפירא**" איז ממקורו קדוש, און עס איז געקומען צו די משפחה פון די הייליגע בעלי תוספות אין דייטשלאנד, וואס זיי האבן פון דארט געשטאמט, וואס זענען געווען פון די הרוגי "**אשפירה**", וואס האבן זיך מוסר נפש געווען על קידוש השם.

ער איז געווען א גאון הגאונים וחריף נפלא און א בקי בש"ס ופוסקים, ער איז געווען א איש אלקים קודש הקדשים וטהור נורא מאוד, ער איז געווען א בעל מקובל גדול ונורא, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום, און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער האט געהאט א מלאך המגיד וואס האט מיט אים געלערנט תורת הנסתר, אויך שטייט אויף די מצבה בזה"ל, "**הוא שאומרים עליו שדיבר אתו אליהו ז"ל פנים אל פנים**", אויך האט ער אין זיין לעבן גאר אסאך עוסק געווען אין תעניתים און סיגופים אויף א גאר דערהויבענע אופן.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת רוזא** ע"ה,
בת הגביר הרה"צ **רבי משה יעקובוביץ** זי"ע, וואס איז געווען פון די גרויסע פרנסי ונכבדי העיר,
בן **הר"ר יעקעליס** ז"ל, א ברודער פון הגה"ק **רבי אייזיק יעקעליס מקראקא** זי"ע, וואס האט געבויעט דעם באקאנטן שוהל אין קראקא,
בן הגה"ק **רבי משה עברליש** זי"ע,
חתן הגה"ק **רבי אריה לייב הכהן ראפאפארט** זי"ע,
דער זיידע פון הגה"ק **רבי אברהם בעל שו"ת איתן האזרחי מלבוב** זי"ע.

זיין שווער הגה"ק רבי משה יעקובוביץ זי"ע, האט פארן איידעם אויף געבויעט א הערליכע ביהמ"ד מיט א מקו', ווי דער גאון האט עוסק געווען בתורה ועבודה יומם ולילה און זיך דארט מייחד געווען עם קונו מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה וטהרה.

בשנת שע"ז זייענדיג נאר 32 יאר אלט, האט מען דעם גאון דעם מגלה עמוקות באקרוינט מיטן טיטל **ראש ישיבה אין קוזמיר קראקא**, אויפן פלאץ פון דעם גרויסן בעל מקובל הרה"ק **רבי משה מרדכי מרגליות** זי"ע, וואס פון אים האט ער גאר אסאך געלערנט קבלה און תורת הנסתר, וואס דרך אגב ליגט זיין רבי דער גאון המקובל רבי משה מרדכי מרגליות זי"ע אויך אינעם ביה"ח הישן אין קראקא, נישט ווייט פונעם הייליגען רמ"א זי"ע.

דער שטעלע אלס ראש ישיבה און דרשן איז דאן געווען א גרויסע טיטל מיט א גרויסע פליכט, ער איז דאן געווארן דער מרביץ תורה פאר הונדערטער תלמידים גאונים און גדולים בתורה, אויך איז ער געווען דער **בעל דרשן אין שוהל אין קראקא.**

און דאס אלס האט דער הייליגער מגלה עמוקות געטון אן נעמען קיין געלט, צוליב וואס זיין שווער איז דאך געווען א גרויסער עושר, און האט אים אויס געהאלטן מיט וואס ער האט געברויכט, און ער האט זיך אוועק געגעבן פאר די אידן פון שטאט מיט א מסירת נפש ממש שלא על מנת לקבל פרס, און ווי זיין זוהן האט זיך אויסגעדריקט מיט די ווערטער, "**מיהב יהיב, משקל לא שקיל**".

ער איז שוין דאן געווארן באוויסט ביי זיך אין שטאט און אויך אין די שטעט ארום מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה, ער איז געווען באוויסט אלס א יחיד בדורו מיט זיין געוואלדיגע גאונות בתורה, ער האט ממש געקענט גאנץ ש"ס ופוסקים בעל פה מיט די ראשונים און אחרונים, אבער אויך

איז ער געווען א גדול בתורת הנסתר אויף א גאר הויכע מדרגה, ער איז דאן געווען באוויסט אלס איינע פון די גרעסטע בעלי מקובלים בדורו, און דער הייליגער מגלה עמוקות זי"ע איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט.

אויך איז ער דארט אין קראקא געווען גאר נאנט מיטן גאון הגה"ק **רבי יואל סירקיש בעל הב"ח** זי"ע, וואס האט אויך געדינט אלס ראש ישיבה אין א שטאט נאנט צו קראקא, און די צוויי גדולים און גאונים בתורה, האבן גאר אסאך עוסק געווען סיי אין תורת הנגלה און אויך אין תורת הנסתר.

ער איז דאן געווארן מפורסם אלס א קדוש וטהור און פון די גדולי מקובלים בדורו, טויזענטער תלמידים האבן זיך מדבק געווען אין דעם גאון וקדוש, און פון זיין ישיבה זענען ארויס געקומען תלמידים גדולים און גאונים בתורה, אויך האט דער גאון אפ געראכטן **תיקון חצות יעדע נאכט** און מקונן געווען אויפן חורבן בית המקדש און אויף דעם לאנגען גלות און צרות פון כלל ישראל.

אויך איז באקאנט די הייליגע חיבורים וואס דער גאון דער הייליגער מגלה עמוקות האט מחבר געווען און זיינע הייליגע דברי תורה, און עס איז באוויסט אז ער האט מחדש געווען **252 אופנים** אויף **ואתחנן** אויפן פסוק "**רב לך**" וואס איז בגימטריה **252**, און אויך האט ער מחדש געווען איבער **1000 פירושים** אויף קליינעם "**א**" פון **פרשת ויקרא**.

אויך קען מען זעהן וואס זיין זוהן הגה"ק המקובל רבי שלמה שפירא זי"ע איז מעיד אויף זיין הייליגען טאטן אין די הקדמה אויפן ספר מגלה עמוקות בזה"ל, "**אבי רבינו הגה"ק, לא הניח דבר גדול מעשה מרכבה, ודבר קטן הויות דאביי ורבא, וקא גמר לכולי ש"ס ופוסקים, אמור יאמר בפה מה שכתב בספר**".

אויך האט דער זוהן מעיד געווען אין די הקדמה צום ספר מגלה עמוקות, אז איין נאכט וואס דער טאטע האט אפגעראכטן תיקון חצות, און דער גאון וקדוש האט געוויינט מיט בכיות און מתפלל געווען בקול עצוב, אז מען זאל שוין זוכה זיין, אז דער באשעפער זאל שוין אויפשטעלן דעם סוכת דוד הנופלת, האט זיך דאן מגלה געווען צום טאטן אליהו הנביא ז"ל, און געזאגט בזה"ל, "**שמלאכי השרת משתמשים בניגון זה ומקוננים בפמליה של מעלה על החורבן**".

הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע האט געזאגט, **אז דער כח פון דעם הייליגען מגלה עמוקות איז געווען אזוי גרויס, אז ווען מען איז נאר געקומען מזכיר זיין א חולה אדער א מקשה לילד, האט מען שוין באקומען דעם ישועה און מען איז גלייך געהאלפן געווארן**.

ביים גאון איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, ער האט מיט די געלט וואס ער האט געהאט גאר אסאך געטון צדקה וחסד, ער האט גאר אסאך ארימע משפחות אויס געהאלטן בדרך כבוד, אויך האט ער גאר אסאך עוסק געווען בכבוד התורה, ער האט אריינגעגעבן א הערליכע ספר תורה ביי זיך אין שוהל, וואס ער האט דעם ספר תורה באצירט מיט א טייערע קרוין און טאץ, אויך דעם ארון קודש האט ער באצירט למען כבוד התורה.

פון זיינע באקאנטע תלמידים איז הגה"ק **רבי שבתי כהן בעל הש"ך** זי"ע, וואס איז שפעטער מפורסם געווארן אלס א גאון הדור און א קדוש וטהור.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק **רבי שלמה** זי"ע, חתן הגה"ק **רבי שמואל אליעזר הלוי איידליס בעל המהרש"א** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי משה** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי יצחק** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי ישראל** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי יהודה לייב** זי"ע,<br>
בתו **מרת חוואליש** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי צבי** זי"ע, בן הגה"ק **רבי אברהם חיים שור בעל תורת חיים** זי"ע,<br>
בתו **מרת יוטלה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי ישכר בעריש ב"ר ישכר** זי"ע,<br>
בתו **מרת דאבריש** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי ישעיה אשכנזי מהילדסהיים** זי"ע,<br>
בתו **מרת ליפשא** ע"ה,<br>
בתו **מרת יוטל** ע"ה.

גאר אסאך גדולים און גאונים זענען געווען יוצאי חלציו ובתוכם.

הגה"ק **רבי יונתן אייבשיץ מפראג** זי"ע,
הרה"ק **רבי אליעזר ליבר מבארדיטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי פנחס שפירא מקאריץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי מרדכי מנעשכיז** זי"ע,
הרה"ק **רבי מנחם מענדל מרימנוב** זי"ע,
הגה"ק **רבי אריה ליב צינץ בעל גט מקושר** זי"ע,
הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
הגה"ק **רבי יהודה לייב שפירא מחכמי לובלין** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלמה הכהן בעל תפארת שלמה מרדומסק** זי"ע.

ליידער האט די וועלט נישט זוכה געווען אז דער גרויסער גאון זאל מעריך ימים זיין, און ער איז נסתלק געווארן זייע**נדיג נאר 48 יאר אלט**.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ג מנחם אב בשנת שצ"ג**, ומנחתו כבוד איז אין **ביה"ח הישן אין שטאט קראקא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**עס ווערט דערציילט**, אז בימיו פונעם הייליגען מגלה עמוקות זי"ע, איז געווען ביי אים אין שטאט א עושר, וואס אויפן וועג צום ביהמ"ד האט ער געטיילט צדקה פאר ארימע לייט, און צווישן די וואס פלעגן יעדן טאג נעמען נדבות איז געווען א נוצרי א גוי, איין טאג איז דער גוי דער נוצרי געקומען, **און מגלה געווען פארן עושר, אז די גוים פון דעם דערנעבענדיגן שטאט גרייטן זיך צו באפאלען די אידן פון שטאט קראקא, און ח"ו אויס הרג'נען אלע אידן פון שטאט**, און דער גוי האט געבעטן, אז מען זאל קיינעם נישט זאגן, אז ער האט מודיע געווען פאר די אידן דערוועגן.

דער עושר איז געקומען צום הייליגען מגלה עמוקות, און דערציילט וועגן דעם סכנה און געפאר אין וואס די אידן פון שטאט זענען, האט דער הייליגער מגלה עמוקות זי"ע געהייסן, אז א גאנצע קבוצה פו אידן פון דעם שטאט, **זאלן זיך אנטון מיט ווייסע קליידער און זיך אנטון מיטן טליתים, און יעדער זאל האלטן ליכט אין די הענט, און ווען די גוים וועלן אנקומען אין שטאט זאל מען זיי גיין מקבל פנים זיין**.

כך הוה, ווען די גוים זענען אנגעקומען אין שטאט, האבן די אידן געקליידעט מיט די ווייסע קליידער מקבל פנים געווען מיט די ליכט די גוים, און פאר די גוים איז באפאלען א שרעקליכע פחד, ווייל זיי האבן געמיינט אז די מתים פונעם בית הקברות זענען אויף געשטאנען.

און די גוים זענען אנטלאפן מיט די נשמה אין די האנט, און א גרויסע חלק זענען צוטרעטן געווארן אין א גרויסע חלק זענען אריין געפאלן אונעם טייך ויסלה און זענען דער'הרג'עט געווארן, **כן יאבדו כל אויביך ד'**.

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער טורי זהב זי"ע** וואס איז געווען רב אין שטאט לבוב, געקומען צו זיין שווער דער הייליגער ב"ח זי"ע קיין קראקא, און דער גאנצער שטאט איז ארויס מקבל פנים זיין דעם איידעם דער הייליגער טורי זהב זי"ע, חוץ דער הייליגער מגלה עמוקות איז נישט ארויס מקבל פנים זיין דעם הייליגען טורי זהב.

די גדולים אין קראקא האבן אין דעם געזען א שרעקליכע פגימת כבוד פונעם הייליגען טורי זהב, און נאך דריי טאג וואס דער מגלה עמוקות איז נישט געקומען מקבל פנים זיין דעם טורי זהב, איז געווען ערב שבת קודש.

האבן די גדולים אפגעמאכט צווישן זיך, אז ביז נאך שבת אויב קומט נישט דער הייליגער מגלה עמוקות געבן שלום פארן טו"ז, וועט מען אים אריין לייגען ר"ל אין א חרם, פארן פוגע זיין בכבודו פונעם טו"ז.

ביי שלש סעדות האט מען מגלה געווען פארן מגלה עמוקות, אז די גדולים ווילן אים לייגן ר"ל אין חרם, האט ער זיך צוגעיאגט מיט שלש סעודות, און געהייסן פאר איינע פון זיינע תלמידים, אז ער זאל אריבער גיין צום ב"ח און זאגן, אז דער מגלה עמוקות האט געהייסן אז מען זאל גלייך מבטל זיין

דעם חרם, און דערנאך איז דער מגלה עמוקות אריבער געקומען צום ב"ח און מסביר געווען וואס דא גייט פאר.

ער האט געזאגט פארן טו"ז, אז אויבן אין הימל האט מען אים דעם טו"ז מנדה געווען צוליב א חטא, אבער ווען דער טו"ז האט געזאגט פארן מגלה עמוקות, אז ער האט דורך געקוקט אלעס וואס ער האט געטון, און ער זעט נישט די סיבה פארוואס מען האט אים מנדה געווען.

האט דער הייליגער מגלה עמוקות געזאגט, אז בשעת ווען ער איז ארויס געפארן פונעם שטאט לעמבערג, איז דארט געווען א פרוי אן אלמנה, וואס האט פראבירט זיך מזכיר זיין ביים טו"ז, אז זי האט א משפחה מיט קינדער און האט נישט קיין פרנסה, אבער דער הייליגער טו"ז האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט, און דערפאר איז געווארן א רעש אויבן אין הימל, **און מען האט דעם טו"ז מנדה געווען פאר 30 טאג**, און היינט איז געווען דעם דרייסיגסטן טאג, און דערפאר האט ער נישט געוואלט קומען שלום נעמען ביז יעצט.

• • •

**ווערט דערציילט, אז ווען דער הייליגער ב"ח זי"ע** האט געוואלט ארויס געבן זיין הייליגען חיבור, האט ער עס נישט געוואלט ארויס געבן, נאר אויב ער האט א הסכמה פונעם הייליגען מגלה עמוקות, אבער דער הייליגער מגלה עמוקות האט זיך כסדר ארויס געדרייט פון געבן א הסכמה.

איין טאג האט דער הייליגער ב"ח געשיקט א שליח, און געבעטן אז ער זאל פרעגן פון דעם מגלה עמוקות, פארוואס ער וויל נישט שרייבן דעם הסכמה, און אויב עס איז עפעס נישט גוט מיטן חיבור, זאל ער אים זאגן אפשר קען מען דאס נאך פארעכטן, האט דער הייליגער מגלה עמוקות געזאגט, אז **ער האט געהערט א כריז בשמי מעלה, אז אויב ער וועט געבן אן הסכמה אויפן חיבור, וועט דער ב"ח דארפן נאכדעם נסתלק ווערן**, און ער וויל אז דער דור זאל נאך זוכה זיין צו האבן דעם הייליגען ב"ח אויף די וועלט, אז ער זאל קענען באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה.

האט דער הייליגער ב"ח געזאגט פארן מגלה עמוקות, **בהדי כבשי דרחמנא למה לך, איך בין אראפגעקומען אויף די וועלט ארויס צו געבן דעם חיבור**, און דאן האט דער מגלה עמוקות טאקע געגעבן דעם הסכמה, און טאקע אפאר יאר שפעטער איז דער הייליגער ב"ח ליידער זייער שוואך געווארן און איז נסתלק געווארן פון די וועלט.

• • •

**הרה"ק רבי משולם פייש בעל עבודת עבודה מטאהש זי"ע האט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער מגלה עמוקות זי"ע איז געווען רב אין שטאט קראקא, האט ער א שטיק צייט זיך געוואלט אוועק ציען פונעם גרויסן שטאט קראקא, און זיך באזעצן אין א קליין שטעטל, כדי ער זאל דארט קענען עוסק זיין בתורה ועבודת השם אום געשטערט, ווייל זייענדיג רב אין שטאט קראקא, האט דאס אוועק גענומען גאר אסאך צייט פונעם גאון צו קענען עוסק זיין בתורה.

איין טאג איז צום מגלה עמוקות זי"ע געקומען א דין תורה, א עושר און א ארימאן האבן פאר געלייגט זייערע טענות פארן רב, דער עושר האט דערציילט, אז דער ארימאן האט געהאט א בעקעריי פון וואס ער האט געצויגען זייער א שוואכע פרנסה, און דער עושר האט געמאכט א געשעפט מיטן ארימאן, אז ער זאל פארשליסן זיין בעקעריי, און זאל זיך זעצן עוסק זיין בתורה דעם גאנצן טאג, און דער עושר וועט אים געבן פרנסה.

אבער יעצט האט דער ארימאן געזאגט, אז ער וויל זייער צוריק ציען פונעם געשעפט, און דער ארימאן האט געזאגט פארן מגלה עמוקות זי"ע די סיבה פארוואס ער וויל צוריק ציען פונעם געשעפט, ווייל ווי לאנג ער האט געארבעט אינעם בעקעריי, האט ער די גאנצע טאג אפילו פאר א רגע נישט פארגעסן פונעם רבוש"ע, ווייל ווען ער האט געמאלן די ווייץ און איין געקנעטן די טייג, האט ער כסדר מתפלל געווען צום באשעפער, אז די ברויט זאל אויס קומען גוט, און אזוי איז דאס געווען דעם גאנצן טאג.

אבער יעצט וויבאלד ער זיצט און איז עוסק בתורה דעם גאנצן טאג, און די פרנסה באקומט ער פונעם עושר, וואס באמת דאנקט ער דעם עושר פאר זיין גענאדע פון געבן די פרנסה בניקל, אבער יעצט האט ער שוין נישט דעם שויתי ד' לנגדי

תמיד יעדע רגע, און דערפאר וויל ער צוריק גיין ארבעטן אין זיין געשעפט.

ווען דער הייליגער מגלה עמוקות זי"ע האט געהערט די ווערטער פונעם ארימאן, האט ער געזאגט, אויב אין דעם שטאט קראקא געפינט זיך אזאנע אידן, וואס זייער איינציגסטע זארג איז צו געדענקען דעם שויתי ד' לנגדי תמיד, וויל איך דווקא בלייבן וואוינען אין דעם שטאט, און דער מגלה עמוקות זי"ע איז טאקע געבליבן דארט וואוינען ביז צו זיין הסתלקות.

• • •

**נאכן הסתלקות פונעם הייליגען מגלה עמוקות זי"ע**, איז געקומען א יונגערמאן וואס קיינער האט נישט געוויסט ווער ער איז, צו איינע פון די גבאי חברה קדישא, און געזאגט, אז נעבן דעם מגלה עמוקות אין ביה"ח איז דא א ליידיג פלאץ, און ער איז גרייט צו באצאלען א הון רב, אז מען זאל אים לייגן נאך די 120 נעבן דעם מגלה עמוקות.

דער גבאי האט פאר דעם יונגערמאן געזאגט, די ווייסט ווער עס ליגט דא, ער איז דער גדול הדור א קדוש עליון און א מחבר ספרים נפלאים, ווי אזוי פאלט אייך איין צו פארלאנגען אזא חשובע פלאץ, און מסביר געווען וואסערע חשובע פלאץ דאס איז, און דער גבאי האט בשום אופן נישט געוואלט מסכים זיין צום געשעפט, אבער דער איד האט זיך נישט מייאש געווען, נאר איינגעבעטן און מסכים געווען ארויף צו ריקן דעם פרייז, און די חברא קדישא האבן זייער געברויכט די געלט צו קענען אויס האלטן דעם ביה"ח.

האט דער גבאי אפגעמאכט ביי זיך, אז ער וועט נעמען דאס געלט פונעם יונגערמאן, און וויבאלד דער גבאי איז דאך שוין אלט געווען, און דער יונגערמאן וועט דאך נישט אזוי שנעל שטארבן, וועט דער גבאי נישט שרייבן דעם געשעפט וואס ער האט געמאכט מיטן יונגערמאן אין די פנקס פונעם קהלה, און אזוי ווען דער יונגערמאן וועט נפטר ווערן, וועט מען נישט וויסן פון דעם געשעפט, און מען וועט אים נישט לייגן נעבן דעם מגלה עמוקות.

אבער דעם קומענדיגען טאג איז דער יונגערמאן נפטר געווארן, דער גבאי האט נישט געוויסט וואס ער זאל דא טון, פון איין זייט האט ער דאך גענומען דאס געלט פון דעם איד, אבער פון די צווייטע זייט איז דאך נישט קיין כבוד צו לייגן א פשוטע מענטש נעבן דער גרויסן גאון דער הייליגער מגלה עמוקות.

האט דער גבאי אפגעמאכט, אז ער וועט לייגן דעם איד אויף אן אנדערן פלאץ, און דאס געלט האט ער דאך געגעבן פאר א גוטע צוועק, וואס גייט דאך פארן ביה"ח, און אזוי האט ער טאקע געטון.

ביינאכט איז דער נפטר געקומען צום גבאי מיט טענות, היתכן ער האט נישט איין געהאלטן וואס מען האט אפ געמאכט, און ער האט דעם גבאי גערופן צו א דין תורה ביים בית דין של מעלה, דער גבאי האט זיך דערוועקט און געטראכט אז דאס איז דאך נאר א חלום, אבער די קומענדיגע נאכט האט זיך דאס איבער גע'חזר'ט, איז ער דעם קומענדיגן טאג אריבער צום הייליגען ב"ח און געפרעגט וואס ער זאל טון.

האט דער הייליגער ב"ח געזאגט, אז ער זאל פאר דעם נפטר זאגן, אז אויב וויל ער גיין צו א דין תורה, זאל ער קומען דא ביי דעם ב"ח אין ביהמ"ד פאר א דין תורה, און דער נפטר האט צו דעם מסכים געווען, און דעם קומענדיגן טאג האט מען אין ביהמ"ד צוגעגרייט א פלאץ מיט א מחיצה פארן נפטר.

צום באשטימטן צייט האט מען געהערט א קול ווי דער נפטר קומט אן, און דער ב"ח האט געהייסן פארן נפטר זאל פארלייגן זיינע טענות, און דאן האט דער ב"ח געפרעגט דעם גבאי אויב דאס איז אמת, האט דער גבאי געזאגט אז עס איז אמת, אבער ער האט בכלל נישט געטראכט פון לייגן דעם נפטר אויף דעם פלאץ, ווייל עס איז דאך נישט לפי כבודו פונעם הייליגען מגלה עמוקות.

און אויך האט דער גבאי געזאגט, אז דער נפטר האט אים קיינמאל נישט מגלה געווען זיין נאמען, האט דער ב"ח געבעטן, אז דער נפטר זאל אים מגלה זיין דעם נאמען, כדי מען זאל זעהן אויב עס איז א כבוד ער זאל ליגן נעבן אזא גרויסע גדול בתורה, אבער דער נפטר האט בשום אופן נישט געוואלט מגלה זיין דעם נאמען.

האט דער הייליגער ב"ח גע'פסק'נט, אז אזוי ווי ער האט טאקע באצאלט פארן פלאץ, ברויך מען אים דארט לייגן, אבער וויבאלד אונז ווייס מיר נישט ווער ער איז צו וויסן אויב עס איז א כבוד אז ער זאל ליגן נעבן דעם מגלה עמוקות, וועט מען אויפגראבן דעם קבר נעבן דעם מגלה עמוקות, און אויב ער איז ראוי דארט צו ליגן, זאל ער אליין אריבער גיין צו דעם קבר.

לפלא דעם קומענדיגן טאג האט מען געטראפן דעם קבר פון דעם נפטר ליידיג, און נעבן דעם מגלה עמוקות איז געווען פארמאכט דעם קבר כאילו איינער איז דארט באגראבן געווארן, האבן די חברא קדישא אויף געשטעלט א מצבה אויפן קבר מיט די ווערטער, "**פה נטמן האברך לא נודע מיהו יעיד עליו רעו**".

• • •

**אין ספר סדר הדורות ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער מגלה עמוקות זי"ע פלעגט יעדע נאכט אויפשטיין חצות לילה, זיך אראפזעצן אויף דער ערד און באוויינען דעם חורבן בית המקדש מיט גרויס געוויין ביי תיקון חצות, און דערנאך עוסק געווען אין סתרי תורה ביז אינדערפרי.

איין מאל האט דער שמש פונעם הייליגן מגלה עמוקות באמערקט **אן אויסערגעוויינלעכע ליכטיגקייט וואס קומט ארויס פון דעם רבי'נס חדר אינמיטן די נאכט**, ער האט זיך דערנענטערט און א קוק געטון דורך דעם שליסל-לאך, און ער האט געזען דעם רבי'ן לערנען קבלה, ווען קעגנאיבער אים זיצט אן אלטער מאן מיט גאר שיינע קליידונג וואס האט געשיינט ווי די זון, און זיי לערנען אינאיינעם.

דער שמש, וואס האט נישט געקענט אויסהאלטן דעם גרויסן פחד פון דעם הייליגן אנבליק, האט גלייך גע'חלש'ט און אומגעפאלן אויף דער ערד, אינדערפרי, ווען דער הייליגער מגלה עמוקות האט געעפנט די טיר און געזען דעם שמש ליגן אויף דער ערד.

האט ער אים אויפגעוועקט, און די רבי האט אים געזאגט, "**וויסן זאלסטו וואס דו האסט די נאכט געזען, דאס איז געווען אליהו הנביא וואס קומט לערנען מיט מיר יעדער נאכט, אבער איך באפעל דיר אז די זאלסט דאס נישט דערציילן פאר קיינעם כל זמן איך לעב**", דער שמש האט טאקע געהאלטן דעם סוד, און הערשט נאך די פטירה פונעם רבי'ן האט ער דאס מגלה געווען.

• • •

**אין ספר תפארת הגדולים ווערט דערציילט**, אז אין די צייטן פונעם הייליגן מגלה עמוקות איז פארגעקומען א שווערע קטרוג אין הימל אויף די אידן אין פוילן, און עס איז ארויס א שווערע גזירה אויף כלל ישראל, דער מגלה עמוקות האט דאס געזען מיט זיין רוח הקודש, און ער האט מחליט געווען צו נוצן דעם כוח התורה מבטל צו זיין די גזירה.

יענע וואך האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים אין די ישיבה א מורא'דיגע שיעור אויף פרשת ואתחנן, וואס דארט האט ער אנגעהויבן מפרש זיין די תפילה פון משה רבינו **מיט די באקאנטע רנ"ב (252) אופנים**, און ביי יעדן אופן וואס ער האט געזאגט, האט ער געעפנט **שערי שמים און צובראכן נאך א קליפה און נאך א גזירה פונעם שונא**.

די תלמידים האבן דערציילט, אז בשעת'ן זאגן די אופנים האט זיין פנים געברענט ווי א פלאם פייער, און מען האט געקענט שפירן ווי די גאנצע וועלט ציטערט.

ווען ער האט געענדיגט זאגן די רנ"ב אופנים, האט ער זיך אויסגעדרייט צו די תלמידים און געזאגט, "**וויסן זאלט איר, אז מן השמים האט מען מיר געגעבן די רשות צו זאגן נאך הונדערטער אופנים אויף די תפילה, אבער איך האב געזען, אז מיט די רנ"ב אופנים איז שוין די גזירה אינגאנצן בטל געווארן און די רחמים זענען אראפגעקומען אויף די אידן, דעריבער האב איך זיך אפגעשטעלט**".

• • •

**אין ספר טיב גיטין ווערט געברענגט**, אז עס איז באקאנט, אז דער הייליגער מגלה עמוקות איז געווען דער ראש ישיבה אין קראקא יארן נאך דעם הייליגן רמ"א רבי משה איסרליש זי"ע, איינמאל האט דער הייליגער מגלה עמוקות געפרעגט א גאר שווערע קשיא אין די ישיבה, א קשיא וואס האט אויפגעטרייסלט די תלמידים און קיינער האט נישט געקענט געפינען קיין תירוץ.

נאך א ווײלע האט זיך דער מגלה עמוקות אנגערופן צו די תלמידים און געזאגט, "**וויסן זאלט איר, אז די זעלבע קשיא האט שוין דער הייליגער רמ"א געפרעגט מיט יארן צוריק דא אין די ישיבה. אבער עס איז דא א חילוק צווישן מיין קשיא און זיין קשיא, דער הייליגער רמ"א האט געפרעגט די קשיא דא אונטן אויף דער ערד, און מען האט אים געענטפערט דעם תירוץ מן השמים, אבער איך האב געהערט די קשיא אלס א קשיא וואס מען פרעגט אין די ישיבה של מעלה, און איך האב אראפגעברענגט דעם קשיא און תירוץ צו אייך דא אויף די וועלט**", דערמיט האבן די תלמידים געזען ווי זיין נשמה האט שטענדיג געשוועבט אין די העכערע וועלטן אפילו בשעת'ן לערנען דעם פשוט'ן פשט און נגלה דא בעולם הזה.

• • •

**אינעם ספר קרני אור ווערט געברענגט**, אז איינמאל ערב שבת קודש, פארנאכטס, איז אן ארימער קבצן אריינגעקומען אין די שטאט קראקא, ער האט אויסגעזען ווי א פשוט'ער מענטש, צוריסן און באהאלטן, ער איז געגאנגען אין בית המדרש זוכן אן אכסניה א פלאץ ווי איינצושטיין אויף שבת, אבער די גבאים האבן אים נישט געוואלט געבן קיין שיין פלאץ ווייל ער האט אויסגעזען גאר פשוט.

ווען דער הייליגער מגלה עמוקות איז אריינגעקומען אין בית המדרש פאר קבלת שבת, האט ער גלייך דערשפירט מיט זיין רוח הקודש א קדושה עילאית וואס באגלייט דעם גאסט, ער איז צוגעגאנגען צו אים מיט גרויס יראת הכבוד, אים געגעבן א ווארעמען "שלום עליכם", און אים איינגעלאדן צו זיך אויף שבת.

ביים שבת טיש האט דער מגלה עמוקות באפוילן פאר די בני בית ארויסצוגיין פונעם חדר, און ער איז געבליבן זיצן מיטן גאסט אליין פאר שעות ארוכות, און די משפחה האט געהערט דורך די טיר ווי זיי שמועסן אין סתרי תורה רזים ונפלאות וואס קיין אויער האט נאך נישט געהערט, נאך שבת איז דער גאסט נעלם געווארן, און דער מגלה עמוקות האט דעמאלטס מגלה געווען פאר זיינע מקורבים, "**וויסן זאלט איר, אז דער איד איז איינער פון די ל"ו צדיקים נסתרים וואס די וועלט שטייט אויף זיי, און ער איז געקומען קיין קראקא נאר כדי מיר מגלה צו זיין געוויסע סודות התורה וואס זענען נאך קיינמאל נישט אראפגעקומען אויף דער וועלט**".

• • •

**אין ספר עטרת תפארת ווערט געברענגט**, אז ווי עס איז באקאנט אז דער הייליגער מגלה עמוקות זי"ע האט זייער מאריך געווען אין זיינע ספרים מפרש צו זיין די כוונות און די סודות פונעם באקאנטן פיוט "**לכה דודי**" וואס איז נתחבר געווארן דורך דעם מקובל **רבי שלמה אלקבץ** זי"ע אין צפת.

ווערט דערציילט אין די ספרי תולדות, אז איין מאל פרייטאג צו נאכטס ביי קבלת שבת, ווען דער מגלה עמוקות האט געזונגען "**לכה דודי**" מיט אן אומבאגרייפליכע דביקות און קדושה, האט ער זיך פלוצלינג אפגעשטעלט אינמיטן און געבליבן שטיין פארטראכט פאר א לאנגע ווײלע מיט פארמאכטע אויגן, ווען זיין פנים שיינט ווי א פלאם פייער, נאכן דאווענען האבן די מקורבים אים געפרעגט וואס דאס איז געווען, האט דער מגלה עמוקות זיי מגלה געווען, "**בשעת איך האב געזונגען די ווערטער, האב איך געזען מיט מיין רוח הקודש ווי דער הייליגער אריז"ל קומט אראפ פון הימל באגלייט מיט א פמיליא של מעלה, נאר כדי צו הערן ווי מיר דא אין קראקא זאגן דעם פיוט מיט די ריכטיגע כוונות הנסתרות וואס ער האט מגלה געווען פאר די וועלט**".

• • •

**אינעם ספר מגדול עוז ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער מגלה עמוקות זי"ע איז געווען באקאנט מיט זיין מורא'דיגע התמדת התורה, מען דערציילט, אז ער פלעגט זיצן פאר גאנצע טעג און נעכט צוגעבונדן צום ספר, ביז ער האט משיג געווען העכערע דרגות פון תורה וואס אנדערע דארפן יארן צו לערנען.

איינמאל איז איינע פון די גדולי הדור אריינגעקומען אין זיין חדר און אים געפרעגט א גאר שווערע און קאמפליצירטע קשיא אין חכמת הקבלה, א זאך וואס האט פארנומען די מוחות פון די גרעסטע חכמים אינעם דור שוין א לאנגע צייט, **דער הייליגער מגלה עמוקות האט פארמאכט די אויגן פאר איין איינציגע רגע, און גלייך נאכדעם געעפנט די אויגן און אנגעהויבן זיס אויסשמועסן**

**און פארענטפערן די קשיא מיט גאר טיפע רמזים און סודות, אזוי ווי איינער וואס לייענט עס אפ פונעם ספר.**

ווען דער גאסט האט זיך געוואונדערט וויאזוי מען קען משיג געווען אזא עמוק'דיגע תורה אין איין רגע, האט דער הייליגער מגלה עמוקות אים געזאגט, "**וויסן זאלסטו, אז ווען א מענטש איז מקיים דעם 'והגית בו יומם ולילה' מיט א ריינעם מח און אהבת התורה, עפנט מען אים מן השמים דעם 'מעיין המתגבר', אין יענע רגע וואס איך האב פארמאכט די אויגן, האב איך זוכה געווען צו זען די אותיות פון די תורה פליען אין די לופט, און די נשמה פון משה רבינו אליין האט מיר אויסגעלערנט דעם סוד פונעם תירוץ**".

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז איינמאל אינמיטן די נאכט האט זיך א גנב אריינגעבראכן אין די גרויסע שול אין שטאט קראקא און גע'גנב'ט די טייערע זילבערנע כלי קודש, די קרוין פונעם ספר תורה, און די לייכטער.

אינדערפרי ווען די גבאים זענען אנגעקומען און געזען דעם חורבן, איז די שטאט אריינגעפאלן אין א גרויסן צער, ווייל די כלים זענען געווען אלטע ירושות פון דורות פארדעם.

ווען דער הייליגער מגלה עמוקות איז אריינגעקומען דאווענען, האט ער געזען דעם צער פון די קהילה, ער האט זיך פארטראכט פאר א מינוט, און דערנאך געזאגט פארן שמש, "**גיי ארויס איצט צו די טויערן פון די שטאט, דו וועסט דארט זען א גוי וואס פירט א וואגן אנגעלאדן מיט שטרוי, זאג אים אין מיין נאמען, אז ער זאל גלייך אראפנעמען די גאנצע שטרוי און צוריקגעבן די זילבערנע כלים וואס ליגן באהאלטן אינדערמיט**".

דער שמש איז שנעל געלאפן און האט טאקע געטראפן דעם וואגן פונקט ווי דער רבי האט געזאגט, ווען דער גנב האט געהערט אז דער גרויסער רב פון קראקא ווייסט פונקטליך וואס ער האט געטון, איז ער אראפגעפאלן פאר גרויס שרעק, אראפגענומען דעם שטרוי, און די כלי קודש זענען צוריקגעברענגט געווארן כהרף עין צו די שול מיט גרויס שמחה.

• • •

**אין ספר נפלאות גדולות ווערט דערציילט**, אז איין יאר אין די פרילינג טעג, ווען די שנייען האבן זיך צעלאזט, איז דער באקאנטער טייך "**ווילסא**" וואס לויפט דורך די שטאט קראקא, אריבער די ברעגן און עס האט זיך אנגעהויבן א גרויסע פארפלייצונג אינעם שטאט, דאס וואסער האט אנגעהויבן פארפלייצן די גאסן און געשעפטן, און די אידישע הייזער וואס זענען געווען נאנט צום טייך זענען געווען אין א גרויסער סכנה חרוב צו ווערן, די אידן זענען גלייך געלאפן צום הייליגן מגלה עמוקות מיט געוויין און געבעטן אז ער זאל ראטעווען די שטאט.

דער מגלה עמוקות איז ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט די קהילה קעגנאיבער דעם שטורמישן טייך, ער האט ארויסגענומען א קליין שטיקל קליידונג אדער א קמיע וואס ער האט אנגעשריבן מיט הייליגע שמות, עס אריינגעווארפן אינעם טייך, און אויסגערופן, "**השם למבול ישב! שטעל זיך אפ און גיי צוריק צו דיין ארט**", ווי נאר די רייד זענען ארויס פון זיין הייליג מויל, האט זיך דאס וואסער פלוצלינג בארוהיגט, די כוואליעס זענען איינגעשלאפן, און דאס וואסער האט זיך צוריקגעצויגן, איבערלאזנדיג די שטאט, די גוים פון די שטאט וואס האבן דאס געזען, האבן אויך מודה געווען אין זיין געוואלדיגן כוח און ארויסגעוויזן גרויס כבוד פאר די אידן.

**יארצייט י"ג אב**

**הגה"ק רבינו מרדכי ב"ר אברהם זי"ע, (בנעט)**
**בעל מגן אבות, בעל פרשת מרדכי**
**אב"ד ניקלשבורג**

ער איז געבוירן אין שטאט שורגע אין אונגארין, **בשנת תקי"ג**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי אברהם ב"ר יהודה אשכנזי** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי צבי הירש אשכנזי בעל חכם צבי** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת פראדל** ע"ה,
מגזע הגה"ק **רבי נפתלי הכהן כ"ץ בעל סמיכת חכמים מפוזנא** זי"ע.

ער איז געווען איינע פון די גדולי התורה בדורו, ער איז געווען א בקי נפלא וחריף עצום בש"ס ופוסקים וכל רז לא אניס ליה, ער איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד, אלע גדולים און גאונים וצדיקים בדורו האבן דעם גאון וקדוש גאר שטארק מעריך געווען, אלע האבן מעיד געווען כאיש אחד אויף זיין גוואלדיגע גדלות בתורה און זיין אויסגעווענליכע קדושה וטהרה, דער גאון איז געווען א למדן נפלא, ווי עס דערציילט איינע פון זיינע שמשים, וואס האט דעם גאון באדינט 22 יאר, אז דעם גאון האט ער קיינמאל נישט געטראפן שלאפן, ווייל ער האט זיך מיט א מסירת נפש ממש מקריב געווען פאר תורה און עבודת השם יומם ולילה מיט א גוואלדיגע התמדת התורה.

גאר אסאך תורה און עבודת השם האט דער גאון קונה געווען פון זיין הייליגען טאטן רבי אברהם זי"ע, שוין זייענדיג גאר יונג האט מען געזען אז דא וואקסט א גדול בישראל, ער האט שוין דאן עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א מסירת נפש, און זיך כמעט נישט געלייגט אין קיין בעט, מען האט שוין דעם גאון דאן גערופן מיטן טיטל "**עילוי**".

וויבאלד זיינע עלטערן האבן נישט געהאט קיין פרנסה, האט איינע פון נכבדי העיר מוה"ר **גבריאל פארקברייטער** ז"ל וואס האט געוואוינט אין שטאט ניקלשבורג, אריין גענומען דעם יונגען גאון צו זיך אין שטוב, כדי ער זאל קענען ווייטער עוסק זיין בתורה, און אפילו זייענדיג גאר יונג, איז ער געגאנגען לערנען ביים גאון הגה"ק **רבי גרשון פולליץ אב"ד ניקלשבורג** זי"ע.

שפעטער איז דער גאון אריבער לערנען ביי הגה"ק **רבי יעקב קצינלינבויגן אב"ד איטנגען** זי"ע, און אביסל שפעטער איז ער אריבער לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי יוסף שטיינהארט בעל זכרון יוסף אב"ד פיורדא** זי"ע, יענע צייט איז דער גאון גאר שטארק געשטיגן אין תורה ועבודת השם, גרויסע גאונים וגדולים בתורה האבן זיך שוין דאן מפלפל געווען מיטן גאון אין גאר שווערע סוגיות, ער האט שוין דאן אנגעהויבן שרייבן זיינע גאר טיפע חידושים על התורה והגדה של פסח און חידושי הלכות.

ביי די 18 יאר אלט בשנת תקל"ג, איז דער גאון געפארן לערנען אין שטאט **פראג**, וואס איז דאן געווען א עיר ואם בישראל, דארט האבן דאן געוואוינט פון די גרעסטע גאונים וגדולים בתורה, דאן האט א גביר וקצין פון שטאט פראג מוה"ר **רבי מאיר קארפלעס** ז"ל אריין גענומען דעם גאון צו זיך אין שטוב, און ער האט דארט מקדיש געווען א שטוב ווי דער גאון רבי מרדכי זאל קענען זיצן יומם ולילה און נאר עוסק זיין בתורה.

דארט האט דער גאון זוכה געווען זיך מפלפל זיין מיט די גרעסטע גאונים בדורו ובתוכם, הגה"ק **רבי יחזקאל לאנדא בעל הנודע ביהודה מפראג** זי"ע.

בשנת תקל"ה האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת שרה פינקל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי גומפל פרוסטיץ מניקלשבורג** זי"ע.

די משפחה פונעם שווער איז געווען מפורסם אלס א משפחה מיוחסות פון שטאט ניקלשבורג, אויך האט דער צדיק זוכה געווען דאן צו לערנען ביים גאון וצדיק הרה"**ק רבי שמעלקא מניקלשבורג** זי"ע, וואס דער הייליגער צדיק מניקלשבורג האט גאר שטארק מעריך געווען דעם תלמיד רבי מרדכי זי"ע, אויך האט ער דארט געלערנט צוזאמען מיט אנדערע צדיק הדור ובתוכם הרה"ק **החוזה**

**מלובלין** זי"ע, הרה"ק **רבי משה לייב מסאסוב** זי"ע, הרה"ק **המגיד מקאזניץ** זי"ע.

איך ווערט דערציילט, אז דאן האט ער זוכה געווען זיך צו טרעפן מיט הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע, וואס איז יענע צייט געקומען זיך אן נעמען פארן כבוד פון רבי שמעלקא מניקלשבורג זי"ע, ווען די מתנגדים האבן גע'רודפ'ט דעם צדיק רבי שמעלקא.

דאן האט דער צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע מוסר געזאגט פאר רבי מרדכי, אז ער זאל נישט עוסק זיין אין קיין תעניתים און סגופים, ווייל זיין תורה איז גאר שטארק חשוב אין הימל, און די תעניתים שטערן אים פון לערנען.

נאך די חתונה האט דער צדיק מרבה געווען בקדושה ובטהרה, ער איז דאן געזעצן און עוסק געווען בתורה יומם ולילה ממש, ער האט זיך דאן אפ געטיילט פון אלע תענוגי עולם הזה, ער פלעגט דאן עוסק זיין בתעניתים וסגופים נפלאים, ער פלעגט ממש פאסטן משבת לשבת, און די גאנצע צייט עוסק געווען בהתמדת גדולה בתורה ועבודת השם ולא פסיק פומיה מגירסא.

זייענדיג נאר 20 יאר אלט, האט מען דעם גאון געוואלט אויף נעמען אלס רב און אסאך גרויסע שטעט, אבער דער גאון האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין פאסטן, ווי לאנג ער קען נאכנישט גאנץ ד' חלקי שולחן ערוך טור בית יוסף און דעם פירוש הב"ח בעל פה, און דערפאר האט ער אפ געזאגט די אלע רבנות פאסטן'ס, און ווייטער עוסק געווען בתורה בהתמדה גדולה.

בשנת תקל"ח ביי די 23 יאר אלט, האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס **דומ"ץ אין שטאט ניקלשבורג**, דאן האט נאך געדינט אלס רב דארט אין שטאט ניקלשבורג, דער גרויסער גאון וקדוש רבי שמעלקא מניקלשבורג זי"ע, אבער א' אייר בשנת תקל"ח, איז דער צדיק רבי שמעלקא זי"ע נסתלק געווארן, האט מען דאן אויף גענומען אלס רב און ממלא מקום דעם גאון הגה"ק **רבי גרשון חיות אב"ד ניקלשבורג** זי"ע, דער רב האט דעם גאון רבי מרדכי גאר שטארק מחבב געווען און גאר שטארק באוואונדערט זיין גדלות בתורה וקדושה.

דארט איז דער נאמען פונעם גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע מפורסם געווארן אלס איינע פון די גדולים בדורו, ווי באוויסט איז דער רב רבי גרשון חיות זי"ע געווען מפורסם אלס א גרויסע בעל מקובל און א בקי בחכמת הנסתר.

עס ווערט דערציילט גאר גרויסע זאכן וואס דער גאון רבי גרשון זי"ע האט אויף געטון בשעת דער גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע איז געווען צווישן די דיינים אין שטאט ניקלשבורג, **איינע פון די מעשיות איז געווען, ווען די צדיקים האבן ארויס גענומען א דיבוק פון א אידישע מיידל**.

בשנת תקמ"ה האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס רב אין שטאט **לונדענבורג**, און בשנת תקמ"ז האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **שוסבורג**, אין יעדע שטאט ווי דער גאון איז אנגעקומען האט מען אים אויף גענומען מיט גרויס כבוד, און מען האט אים גאר שטארק מכבד געווען, אויך האט דער גאון וקדוש גאר אסאך אויף געטון פאר די שטעט, און אריין געברענגט תורה און קדושה אין די אידן פון שטאט.

בשנת תקמ"ט ט"ו אדר איז דער גאון וקדוש רבי גרשון חיות זי"ע נסתלק געווארן, און בשנת תק"ן האט מען אויף גענומען דעם גאון וקדוש רבי מרדכי בנעט זי"ע, אלס ממלא מקום אין שטאט ניקלשבורג, ער האט דארט אויף געשטעלט זיין גרויסע ישיבה, און דאן איז דער שטאט ניקלשבורג געווארן א מקום תורה, גרויסע גאונים וגדולים בתורה זענען דאן געקומען לערנען ביים גאון הדור רבי מרדכי בנעט זי"ע.

ער האט פון זיין ישיבה ארויסגעגעבן גרויסע גדולים וצדיקים בדורו ובתוכם.

בנו הגה"ק **רבי ישעי' בנעט אב"ד קאלוב** זי"ע,
בנו הגה"ק **רבי נפתלי בעל אמונת ישראל אב"ד שאפפע** זי"ע,
הגה"ק **רבי צבי הירש אופנהיים אב"ד טעמעשוואר** זי"ע,
הגה"ק **רבי יהודה אסאד בעל דברי מהרי"א מסערדאהעלי** זי"ע,
הגה"ק **רבי מנחם מענדל בנעט דומ"ץ פאקש** זי"ע,
הגה"ק **רבי משה מרדכי בנעט אב"ד שטאמפי** זי"ע,

הרה"ק **רבי שמחה בונם בונהארד בעל קול שמחה מפשיסחא** זי"ע,
הגה"ק **רבי שמעון ווינער אב"ד סענט-גורד** זי"ע,
הגה"ק **רבי שלמה קוועטש בעל חכמת שלמה אב"ד פיזלינג** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש בעל אך פרי תבואה אב"ד ליסקא** זי"ע,
הגה"ק **רבי עמרם רוזנבוים הנקרא ר' עמרם חסידא** זי"ע.

דארט אין שטאט ניקלשבורג האט מען דעם גאון גאר שטארק מכבד געווען, אויך די מלוכה האט גאר שטארק מכבד געווען דעם גאון, ער האט ארויס געריפן גרויס יראת הכבד אויך ביי די גוים פון שטאט, און בשנת תקנ"א האט די מלוכה ארויס געלייגט א געזעץ, אז ווער עס וויל ווערן רב אין שטאט, מיז דאס דורך גיין דעם גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע, ער איז דאן געווען גאר נאנט מיט די מלוכה, און גאר אסאך געפויעלט פאר די אידן פון די מדינה.

ער האט דאן געהאט א אפען טיר ביי די שרים פון די מדינה, ומרדכי היהודי נעשה גדול ליהודים, מען האט דארט אין די מדינה גארנישט געטון אן זיך קודם דורך רעדן מיטן גאון הדור, אויך האט דער גאון דאן פארפאסט א תפילה לכבוד דעם קיסר פראנץ יאזעף דער ערשטער וואס איז געווען קיסר אויף עסטרייך.

אבער אפילו זייענדיג אזויפיל עוסק אין ענייני הכלל, האט דער גאון ווייטער עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט יענע צייטן עוסק געווען אין תעניתים און סגופים און זיך מטהר געווען די רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו עד להפליא.

דער גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע האט זיין גאנץ לעסן עוסק געווען בצדקה וחסד אויף גאר א געהויבענע מדרגה, זיין גמילות חסדים האבן אפילו די גרויסע גאונים מפליא געווען, אז אזא גדול הדור וואס האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים דעם גאנצן טאג, האט אויך געטראפן צייט צו עוסק זיין אין צדקה וחסד.

גאר גרויסע סכומים האט דער צדיק וקדוש צוזאמען געשטעלט פאר עניים און נצרכים, אסאך שטובער זענען געווארן אויס געהאלטן דורך דעם צדיק וקדוש, און גאר אסאך יתומים און יתומות האט ער אליין חתונה געמאכט, אויך האט ער דאן עוסק געווען צו פויעלען ביי די מלוכה צו קענען דריקן ספרי קודש, וואס אין זיין זכות זענען היינט דא גאר אסאך ספרי קודש וואס מפיהם אנו חיים.

דער צדיק וקדוש האט זיין גאנץ לעבן לוחם געווען קעגן די מתחדשים און רפורמים, וואס האבן ליידער אראפ געפירט גאר אסאך פון כלל ישראל פונעם ריכטיגען וועג, און צוזאמען מיט רעו וידידו הגה"ק **רבי משה סופר בעל החתם סופר מפרעשבורג** זי"ע האט דער צדיק וקדוש געראטעוועט א גרויסע חלק פון כלל ישראל, אז זיי זאלן ווייטער ממשיך זיין דעם דרך ישראל סבא וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, אויך האט דער צדיק גאר אסאך לוחם געווען אויפן לערנען לימודי חול מיט קינדער, וואס דאס איז דאן געווען זייער איינגעריסן ביי כלל ישראל.

בשנת תקס"ב האבן גרויסע שטעט ובתוכם **פרשבורג** און **קראקא**, געוואלט אויף נעמען דעם גאון פאר רב ביי זיי אין שטאט, אבער דער גאון איז געווען גאר שטארק מקושר מיט זיינע תלמידים און די שטאט מענטשן פון ניקלשבורג, און דערפאר האט דער גאון אפ געזאגט די אלע שטעלעס, און ער איז געבליבן אין שטאט ניקלשבורג.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים.

**ספר ביאור מרדכי,**
**ספר מחשבת מרדכי, דרשות על התורה,**
**ספר מגן אבות, על מלאכת שבת,**
**ספר דברי מרדכי, על הלכות איסור והיתר,**
**ספר תכלת מרדכי, דרשות על הש"ס,**
**חידושי מהר"ם בנעט, חידושים על הש"ס,**
**ספר גדולת מרדכי, שו"ת,**
**ספר פרשת מרדכי, שו"ת.**

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בנו הגה"ק **רבי ישעי' בנעט אב"ד קאלוב** זי"ע,
בנו הגה"ק **רבי נפתלי בעל אמונת ישראל אב"ד שאפפע** זי"ע,
בנו הגה"ק **רבי יעקב בעל גדולת מרדכי מאבריל** זי"ע.

ליידער בשנת תקס"ד איז דער גאון געווארן שטארק נישט געזונט, און די דאקטוירים האבן אים אן געזאגט, אז דאס מרביץ תורה זיין פאר זיינע תלמידים וואס איז געווען מיט א געוואלדיגע איבער געגעבענקייט און דאס פאר לערנען בעיון נפלא, שאדט פאר זיין געזונט, און מען האט אים געבעטן אז ער זאל נאכלאזן צו פירן זיין ישיבה און פאר לערנען פאר זיינע תלמידים.

אבער דער גאון האט נישט געוואלט אפילו הערן וואס די דאקטורים זאגן, ווייל ביי אים איז געווען איין זאך פאר די אויגן, "**כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלַיְלָה**", און דער גאון מיט זיין געוואלדיגע ליבשאפט צו זיינע הייליגע תלמידים, האט ווייטער ממשיך געווען מיט זיין הרבצת התורה אויף גאר א געהויבענע דרגה, און ער האט אין זיינע תלמידים אריין געברענגט א געוואלדיגע אהבת התורה, אז אן תורה איז נישט דא קיין לעבן.

אבער ליידער בשנת תקפ"ט ווען דער גאון איז געווען 76 יאר אלט, האט זיך ליידער גובר געווען זיין מחלה און דער גאון איז געווארן גאר שוואך, און די דאקטורים האבן זיך געבעטן צום גאון, אז ער זאל אריבער גיין קיין קארלסבאד פאר זיין געזונט, און ליידער י"ג אב בשנת תקפ"ט האט דער גאון וקדוש צוריק געגעבן זיין אויס געלייטערטע נשמה ליוצרה, בעפאר זיין הסתלקות האט דער גאון געבעטן, **אז מען זאל אים אריבער טראגן נאך זיין פטירה קיין ניקלשבורג**.

אבער די מושלי העיר אין שטאט ליכטענשטאט וואס איז נעבן דעם שטאט קארלסבאד, האבן נישט געוואלט לאזן טראגן דעם גוף קדוש קיין ניקלשבורג, נאר אויב מען וועט ח"ו פאלמעסן דעם גוף קדוש, דערפאר בלית ברירה, האט מען דעם צדיק וקדוש באערדיגט אין שטאט ליכטענשטאט.

אלע גדולים און גאונים פון גאנץ סלובקיה זענען געקומען באגלייטן דעם גאון הדור למנחת עולמים, גרויסע הספדים האבן די גדולי הדור געזאגט אויף דעם גאון וצדיק, ווערט דערציילט, אז ביי די לוי' האט הגה"ק **רבי מאיר מגלונא** זי"ע מספיד געווען דעם גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע, **און פון גרויס צער איז דער גאון רבי מאיר זי"ע צוזאמען געפאלן און נסתלק געווארן**, און דאס האט נאך מער אריין געברענגט דעם גרויסן צער פון פארלירן צוויי גדולים אין איין טאג.

ווערט דערציילט, אז בשעת מען האט געמאכט דעם טהרה אויפן גרויסן גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע, זענען די חברא קדישא ממש נשתומם געווארן, **זעענדיג ווי דער גאון האט אונטער זיינע בגדים געהאט אנגעטון א זאק, וואס מיט דעם האט זיך דער גאון מסגף געווען זיין גאנץ לעבן, אבער ער האט דאס באהאלטן פון יעדן איינעם**.

דאן האבן צענדליגע אידן געוואלט קויפן א חלק פון דעם זאק אלס סגולה, אז מען זאל זיי באהאלטן לאחר מאה ועשרים שנה אין דעם זאק, און פון די געלט וואס מען האט פון דעם געמאכט, האט מען אויס געהאלטן די אייניקלער וואס זענען ליידער געווען יתומים און יתומות.

בערך 7 חדשים נאכן הסתלקות, האט מען אויס געפועלט ביי די מלוכה, אז מען זאל קענען דערפילן דעם רצון פונעם גאון וקדוש, צו ברענגען זיין גוף קדוש קיין ניקלשבורג, אבער ווען די חברא קדישא פון שטאט ניקלשבורג האבן געוואלט מפנה זיין דעם גוף קדוש, האבן די אידן פון שטאט ליכטענשטאט נישט געוואלט מוותר זיין אויפן גוף פונעם צדיק.

דאן איז מען אריבער צום הייליגען חתם סופר מפרשבורג זי"ע, און מען האט אים געבעטן אז ער זאל מכריע זיין וואס מען זאל טון, דאן האט דער הייליגער חתם סופר זי"ע דערציילט, אז דער גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע איז געקומען צו אים אין חלום, **און מגלה געווען, אז מען האט אין הימל גוזר געווען אויף אים צוליב עפעס א פגם, אז ער זאל מיזן באערדיגט ווערן אין שטאט ליכטענשטאט פאר א קורצע תקופה**, אבער יעצט האט ער געבעטן אז מען זאל אים מפנה זיין קיין ניקלשבורג.

דאן האט מען מיט גרויס כבוד אריבער געפירט י' אדר בשנת תק"ץ דעם גוף קדוש פונעם גאון וצדיק רבי מרדכי בנעט זי"ע קיין ניקלשבורג, און דארט האט מען באערדיגט דעם גאון סמוך ונראה צו זיין רבין הרה"ק רבי שמעלקא מניקלשבורג זי"ע.

עס איז ידוע וואס דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט געזאגט, אז דער גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע האט געזאגט בעפאר זיין הסתלקות, **אז אויב ווער מען ברויכן א ישועה זאל מען קומען צו זיין ציון**.

און דער חתם סופר זי"ע האט געזאגט, אז ביים ציון קדשו פונעם גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע, **זענען די שערי שמים אייביג אפען ביז ביאת הגואל**, און דארט קען מען אייביג פועל'ן גרויסע ישועות, און אידן דערציילן גאר גרויסע מופתים און ישועות וואס מען האט געזען זייענדיג משתטח אויפן ציון פון דעם גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע.

אויך איז ראטזאם צו שרייבן די ווערטער וואס דער הייליגער חתם סופר זי"ע שרייבט אין זיין הספד אויפן גאון וקדוש רבי מרדכי בנעט זי"ע בזה"ל, "**יום הספד מר על צדיק גדול הדור רבן של ישראל כבוד מהו' מרדכי בנעט זצ"ל, שהנהיג מדינתו ארבעים שנה ופרנס כל ישראל בתורה ויראת ד' וגדר גדריהם, מארי דכולא תלמודא, לא הניח דבר גדול ודבר קטן, הי' אב לישראל ובן יחיד לשכינתא קדישא, צדיק וגדול הדור, דער רבן של ישראל וועלכער האט געפריט זיין מדינה פערציג יאר מיט תורה און יראת שמים און גודר געווען זייערע גדרים, ער איז געווען א טאטע פאר אידן און א בן יחיד פינעם שכינה הקדושה**".

נסתלק לגנזי מרומים **י"ג מנחם אב בשנת תקפ"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **ניקלשבורג**.

זכותו הגדול יגן עלינו<br>ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**לגבי דאס געוואלדיגע התמדת התורה** פון דעם גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע ווערט דערציילט, אז דער גאון הגה"ק רבי יעקב קאפיל חריף אב"ד ווערבוי זי"ע איז געקומען לערנען אין שטאט פיורדא, נאכדעם וואס דער גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע האט זיך אוועק געצויגען פון דארט, און דער גאון רבי קאפיל איז איין געשטאנען אינעם זעלבן שטוב ווי רבי מרדכי בנעט האט קודם געוואוינט.

איין טאג האט דער גאון רבי קאפיל געהערט, ווי די פרוי די בעלת הבית פונעם הויז רעדט צו איר מאן און איז זייער משבח די התמדה פון דעם בחור וואס האט זיך יעצט אריין געצויגען ביי זיי אין שטוב, אבער די פרוי זאגט פאר איר מאן, **די התמדה קומט אבער נישט צו צי די התמדה פונעם בחור מרדכי וואס האט דא געוואוינט בעפאר**.

דער גאון ר' קאפיל האט זייער געוואלט וויסן וואס די פרוי האט געמיינט מיט די ווערטער, האט ער געפרעגט די בעלת הבית אויב זי קען אים זאגן וואס זי מיינט צו זאגן מיט די התמדה פונעם בחור מרדכי וואס האט קודם דא געוואוינט, האט די פרוי דערציילט, אז די גאנצע צייט וואס דער גאון רבי מרדכי בנעט האט געוואוינט אין דעם צימער, **האט מען כסדר געברויכט זיך אום קוקען אויף אים און מאכן זיכער אז ער עסט און שלאפט**.

ווייל זיין התמדת התורה איז געווען אזוי גרויס, אז עס האט זיך כמה פעמים געקענט מאכן, אז עס האט פאסירט ערב שבת קודש, אז דער בחור האט פון גרויס התמדת התורה פארגעסן צו מקבל שבת זיין, **און מען האט אים געברויכט זאגן אז דער שבת קודש איז דא**.

• • •

**אין ספר מליצי אש ווערט געבערענגט**, אז אינעם סידור פונעם גאון וקדוש רבי מרדכי בנעט זי"ע האט מען געטראפן, אז דער גאון וקדוש רבי מרדכי האט געשריבן אלס א דערמאנונג פאר זיך, **אז ער האט געמאכט א נדר יעדן טאג, אז ער וועט נישט הנאה האבן פון די וועלט נאר כדי צו קענען זיך דערהאלטן ביים לעבן**.

און הגה"ק רבי שמואל רוזענבערג בעל באר שמואל אב"ד אונסדארף זי"ע האט דערציילט, אז ווען מען האט דערציילט פארן הייליגען חתם סופר זי"ע די נדר וואס דער רבי מרדכי בנעט זי"ע האט געמאכט בחייו, האט **דער הייליגער חתם סופר** געזאגט בזה"ל, "**די נדר אליין איז נישט אזא גרויסע חידוש, ווייל מען האט שוין געהערט פון יחידי סגולה וואס האבן נישט געוואלט נהנה זיין פון די וועלט**".

"**אבער דאס וואס ער האט געמאכט א נדר, אז ער וועט נאר עסן כדי חייו, נאר וויפיל ער ברויך צום**

**לעבן, דאס איז שוין א גרויסע חידוש, און דאס מיז זיין אז דער גאון וקדוש רבי מרדכי בנעט זי"ע האט געהאט רוח הקודש ממש, ווייל אויב וואלט ער געגעסן ממש א משהו מער ווי ער ברויך, וואלט ער דאך עובר געווען אויפן נדר, און אויב וואלט ער געגעסן א משהו ווייניגער, וואלט ער דאך נישט געקענט לעבן, וואס דאס איז דאך צומצום כחוט השערה, און דאס צו קענען טון מיז מען האבן רוח הקודש"**.

• • •

**הגה"ק רבי שלמה קוועטש זי"ע** א תלמיד מובהק פון רבי מרדכי בנעט זי"ע האט דערציילט, אז הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות חוץ לדרך הטבע דורך א ברכה אדער ביים געבן צדקה פארן גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע, איינמאל האט דער תלמיד רבי שלמה געפרעגט דעם רבין, ווי אזוי ארבעט עס, **אז נאכדעם וואס מען איז זיך מזכיר ביים רבין, ווערן אידן געהאלפן מיט פרנסה און געזונט**.

האט דער הייליגער גאון רב מרדכי בנעט זי"ע געזאגט מיט זיין גרויס עניוות און מיט א געוואלדיגע פשטות פארן תלמיד, "**עס שטייט דאך אין פסוק (תהילים קמ"ה י"ט) רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה, אז דער גרויסער באשעפער טוט צוליב די וואס האבן מורא פון אים, און דאס קען דאך יעדער איד טון, מורא האבן פון השי"ת, וועט דאך ממילא זיין רצון יראיו יעשה, וועט דער גרויסער באשעפער דערפילן די בקשה"**.

• • •

**אויסער דאס גאונות אין נגלה פון דעם צדיק וקדוש רבי מרדכי בנעט זי"ע**, איז ער אויך געווען א גרויסער בעל מקובל און א גרויסער בעל מופת, מען דערציילט נאך, אז רבי מרדכי'ס שמש פלעגט זיך פירן, אז יעדע נאכט, ווען עס פלעגט שוין ווערן שפעט, פלעגט ער פארשליסן דעם טויער פון רבי מרדכי'ס הויז פאר די נאכט.

איינמאל האט ער פארמאכט דעם טויער, אין א ווייلע ארום גיט ער א קוק, **און ער זעט אז ס'איז אפען**, פארמאכט ער עס נאכאמאל גוט און פרובירט עס עטליכע מאל צו עפענען, ביז ער זעט אז עס איז גוט פארשלאסן, אבער אין א קורצע ווייلע ארום זעהט ער ווידער אז די טיר איז אפען, און אזוי האט זיך דאס איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל.

עס איז אויפ'ן שמש געפאלן א גרויסע פחד, און ער איז געלאפן צו רבי מרדכי דאס צו דערציילן, רופט זיך אן רבי מרדכי פאר'ן שמש, "**שרעק זיך נישט, עס איז גארנישט, נאר איך האב היינט פארגעסן צו לערנען א פרק משניות פארן נשמה פון פלוני בן פלוני צו זיין יארצייט**", און באלד האט רבי מרדכי ארויסגענומען א משניות און זיך גענומען לערנען משניות, און ווען ער האט געענדיגט לערנען, רופט ער אויס צום שמש, "**גיי פארשליס יעצט דעם טיר, קיינער וועט שוין נישט עפענען**", און אזוי איז טאקע געווען.

• • •

**אמאל האט פאסירט א גרויסע נס פארן גאון וקדוש רבי מרדכי בנעט זי"ע**, רבי מרדכי איז אמאל געקומען קיין וויען, אין דעם שטאט וויען האבן די גוים פיינט געהאט אידן, וואס דעריבער האבן אידן נישט דארט געוואוינט, און ווען א איד האט געדארפט זיין אין די שטאט צוליב זיינע געשעפטן, האט ער גענעכטיגט אין א האטעל מיט גרויס שרעק, און ווען רבי מרדכי איז אנגעקומען אין די שטאט איז שוין געווען שפעט, און ער האט געמוזט בלית ברירה בלייבן דארט נעכטיגן אינעם האטעל פונעם שטאט.

אינמיטן די נאכט האט רבי מרדכי געזען זיין פאטער אין חלום, זיין פאטער וואס האט שוין נישט געלעבט איז צו אים געקומען מעולם העליון, און אים אן געזאגט, **אז ער זאל גלייך אויפשטיין און אוועק גיין פון האטעל**, רבי מרדכי האט זיך אויפגעוועקט מיט שרעק, ווייל דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס זיין פאטער קומט צו אים אין חלום, רבי מרדכי האט געקלערט אז ס'איז נאר א חלום, און איז צוריק איין געשלאפן.

עס האט נישט לאנג געדויערט און ער האט ווידער גע'חלומ'ט דעם משונה'דיגן חלום, און דאס מאל האט אים דער פאטער שטארק געשאקלט און אויף אים געשריגן אז ער זאל שנעל אוועק גיין, רבי מרדכי האט ווייטער געטראכט, אז "**דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין**", אבער דאן האט דער פאטער אים אן געכאפט מיט כח ביי זיין האנט, און **האט אים ארויס גענומען פון בעט, און דורכ'ן פענסטער ארויס געשלעפט אויף די גאס**.

אינמיטן די גאס האט רבי מרדכי זיך אויפגעוועקט פון שלאף, און זיך ארומגעקוקט

נישט גלייבנדיג וואס זיינע אויגן זעהן, ווי אזוי איז ער אנגעקומען אהער, האט ער זיך געוואונדערט, ער איז געשטאנען אינמיטן די נאכט און געציטערט פון קעלט און שרעק, און אויף זיין קערפער איז נישט אנגעטוען מער ווי זיין נאכט העמד, רבי מרדכי איז אזוי געשטאנען דארט אינגאנצן צעטומעלט, ער האט בכלל נישט געטראכט אז זיין פאטער איז געווען אזא איד וואס קען טוען מופתים, און ער האט געטראכט צו זיך ווער איז ער, אז עס זאל געטוען ווערן פאר אים אזא נס.

אבער נאך איידער ער איז געקומען צו זיך, האבן זיך אוועק געשטעלט קעגן אים די שומרים פון די שטאט, און אים געפרעגט וואס ער טוט אויף די גאס אזוי שפעט אין די נאכט, זייענדיג כמעט אן א לבוש אויפ'ן קערפער, רבי מרדכי האט אין אנפאנג נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, און ער האט באשלאסן צו דערציילן דעם אמת.

די ערשטוינטע שומרים האבן געהערט זיין משונה'דיגן חלום, און האבן אים געפרעגט זיין נאמען און וואו ער וואוינט, האט רבי מרדכי געענטפערט, "**איך בין א פרעמדער דא אין די שטאט**", און ער האט געגעבן דעם נאמען פונעם האטעל וואו ער שטייט איין, און די ערציילונג פון דעם איד איז געווען ביי זיי משונה'דיג און נישט גלויבליך, אבער ווייל דער מאן האט ביי זיי אויסגעזען צו זיין אן ארנטליכער און אמת'ער, האבן זיי מסכים געווען צו גיין מיט אים אין האטעל.

צוזאמען מיט די שומרים איז רבי מרדכי אריין אין זיין צימער, און דארט אויף זיין בעט האבן זיי געפונען א קערפער פון א מענטש באדעקט מיט בלוט, און דער בעל הבית פונעם אכסניא ווען ער האט געהערט די געשרייען פון די שומרים, איז ער געקומען צו לויפן מיט א בהלה, און אזוי ווי ער זעהט דעם טויטן קערפער אויפן בעט, הייבט ער אן שרייען מיט יאמערליכע קולות און וויינט ביטער, "**אוי ווי, וואס האב איך דא געטון, מיין אייגען זון האב איך גע'הרג'עט, און נישט דעם איד וואס איך האב געוואלט, האב איך דא גע'הרג'עט**".

די שומרים האבן דעם בעל אכסניא בארואיגט און דאן האבן זיי אים געבעטן ער זאל דערציילן וואס דא איז פאר געקומען, דערציילט דער בעל אכסניא, "**איך בין געוואויר געווארן אז דער איד איז א גרויסער עושר, ס'האט זיך מיר פארגלוסט זיין געלט, און איך האב באשלאסן אים ח"ו צו הרג'נען אינמיטן שלאף, אבער ווייזט אויס אז דערווייל איז מיין זון אהיים געקומען, און איך האב נישט געהערט אז ער איז אריין געקומען, אזוי ווי ס'איז געווען שפעט**".

"און נאכדעם ווי ער האט פארברענגט און גע'שיכור'ט, האט ער אודאי מורא געהאט אז איך וועל אים באשטראפן, איז ער אריין אינעם שטוב פון דעם איד, ער האט זיך אראפגעלייגט אויף זיין ליידיג בעט און איז איינגעשלאפן, אינמיטן די נאכט בין איך אריין געגאנגען שטילערהייט אין שטוב פון דעם איד מיט די כוונה אים צו הרג'נען, אין די פינסטער האב איך נישט באמערקט ווער עס ליגט אויפ'ן בעט, און איך האב גע'הרג'עט מיין זון מיט א גרויסן מעסער וואס איך האב געברענגט מיט זיך".

די שומרים האבן שנעל ארעסטירט דעם אומגליקליכן פאטער, און רבי מרדכי בנעט האט איינגעפאקט זיינע זאכן און מיט גרויס פרייד איז ער צוריק אהיים געפארן, דער סוף פון דעם רשע איז געווען שלעכט און ביטער, דער ריכטער האט אים פאר'משפט צו הענגען, און אזוי איז מקויים געווארן דער פסוק, "**צַדִּיק מִצָּרָה נֶחֱלָץ וַיָּבֹא רָשָׁע תַּחְתָּיו**", אין זכות פון זיין גרויסן פאטער וואס האט זיך באוויזן צו אים אין חלום, איז ער ניצול געווארן פון טויט, און ער האט געלויבט השי"ת אויף דעם גרויסן נס וואס ער האט מיט אים געטון.

• • •

**סוף ימיו נאנט צו זיין הסתלקות איז דער צדיק רבי מרדכי בנעט זי"ע** געווען שטארק נישט געזונט, ער איז כמעט נישט ארויס פון שטוב פאר גרויס שוואכקייט, אבער ער האט די גאנצע צייט עוסק געווען בעבודת השי"ת, און האט עוסק געווען אין סודות התורה, אויך האט ער עוסק געווען אין מסכת מקוואות, ויצאה נשמתו בטהרה.

ווען די דאקטוירים האבן געזען אז דער מצב פון זיין געזונט צושטאנד איז נישט צו גוט, האבן זיי גע'עצה'ט אז רבי מרדכי זאל פארן קיין "**קארלסבאד**", וואס איז אן ארט פון גוטע קוואל

וואסער, למעשה איז ער געפארן חצי תמוז און עס האט גארנישט געהאלפן, ווייל אין הימל איז שוין ליידער געווען גע'חתמ'עט די גזירה אז ער זאל פארלאזן די וועלט.

די קינדער פון רבי מרדכי האבן געהערט פון אים זיין צוואה, אז ער וויל נאך זיין פטירה ליגן אין בית החיים אין ניקלשבורג, און אויב ס'וועט נישט מעגליך זיין, לכל הפחות אין די שטאט פראג, און אזוי ווי ער איז למעשה נסתלק געווארן אין קארלסבאד, האט זיך געמאכט אויפ'ן פלאץ פארשידענע שוועריקייטן אויסצופירן זיין צוואה, און ער איז צום סוף באהאלטן געווארן אין די שטאט ליכטנשטאט נעבן דעם שטאט קארלסבאד.

זיינע זון און די בני הקהלה פון ניקלשבורג האבן דערנאך אנגעהויבן זיך משתדל צו זיין אויסצופירן זיין צוואה, אז מ'זאל "מפנה זיין" גופו הטהור למנוחת כבוד, אינעם בית עולם אין ניקלשבורג, וואו ער האט געוואלט ליגן, אבער עס האט אויס געבראכן א קריגעריי, ווען די בני הקהלה פון ליכטנשטאט האבן נישט געוואלט צולאזן מ'זאל ארויסנעמען פון זיי דעם גוף קדוש וטהור.

צום סוף האבן זיך די צוויי צדדים פארגליכן פארצולייגן זייערע טענות פאר דריי חשוב'ע בתי דינים בימיהם, דער בי"ד פון הגאון רבי עקיבא איגר זי"ע אין פוזנא, דער בי"ד פונעם חתם סופר זי"ע אין פרעשבורג, און דער בי"ד פון ק"ק פראג אין שפיץ פון הגאון רבי שמואל לאנדא זי"ע, דער זון פונעם הייליגען נודע ביהודה, און ביידע צדדים האבן מקבל געווען אויף זיך, אז ווי אזוי רוב פון די בתי דינים וועלן פסק'נען אזוי וועט בלייבן.

ווערט דערציילט אין ספה"ק "**מקרי דרדקי**" פון הגה"ק רבי הלל קאלאמייער זי"ע אין פרשת חיי שרה, וואס ער האט געהערט מפי קדשו פון זיין רבי'ן דער חתם סופר זי"ע, אז אין יענער נאכט וואס ער האט מעיין געווען אין דעם ענין, צי מ'מעג "מפנה זיין" דעם גוף קדוש פון רבי מרדכי בנעט זי"ע פון ליכטנשטאט קיין ניקלשבורג, פארטאגס, בעפאר די עלות השחר, האט הגה"ק רבי מרדכי בנעט זי"ע זיך באוויזן בהקיץ צום חתם סופר, מיט א לעכטיג פנים וואס האט געשיינט און געלויכטן כולו אומר כבוד גדול מאד, און רבי מרדכי האט דאן געזאגט פאר'ן חתם סופר זי"ע, אז ער וויל מ'זאל אים מפנה זיין קיין ניקלשבורג.

די וועלט דערציילט אז הגה"ק רבי מרדכי האט געזאגט, אז היות ער איז געווען קודם א חתן מיט א כלה, וואס מ'האט גע'פסק'נט אז ער מעג אפלאזן דעם שידוך, אבער די כלה איז געווארן פארשעמט, האט מען אין הימל גע'פסק'נט, אז ער זאל נישט נפטר ווערן אין ניקלשבורג, נאר אין אן אנדערן ארט, און ער איז באגראבן געווארן אין ליכטנשטאט, דארט וואו זיין געוועזענע כלה האט געוואוינט, און טאקע נעבן איר קבר.

למעשה איז טאקע דאס געווען דער פסק פון רוב בתי דינים, און זיבן חדשים נאך זיין הסתלקות איז גופו הקדוש אריבער געפירט געווארן פון ליכטנשטאט קיין ניקלשבורג, און ביום א' י' אדר בשנת תק"צ איז ער באערדיגט געווארן אין שטאט ניקלשבורג נעבן דעם קבר פון זיין רבי'ן הרה"ק רבי ר' שמעלקא זי"ע, און די וואונדערליכע פארכטיגע פרשה פון זיין הסתלקות אין קארלסבאד, און זיין קבורה אין די שטאט ליכטנשטאט, און נאכדעם זיין אריבערפירן קיין ניקלשבורג, האט בשעתו אויפגעשטורעמט די וועלט.

• • •

**הרה"ק רבי שמואל משינאווא זי"ע דערציילט אין זיין ספר "רמתים צופים"**, אז איינמאל איז ער אריין געקומען צו זיין רבי'ן הרה"ק רבי שלמה לייב מלענטשנא זי"ע נאך שחרית, האט ער געזען ווי ער האט א לענגערע צייט, בערך א שעה, געוויינט מיט געוואלדיגע בכיות, אבער ער האט נישט געוואלט מגלה זיין פארוואס ער וויינט.

אבער שפעטער איז רבי שמואל געפארן אויפ'ן וועג מיט זיין רבי'ן, האט רבי שלמה לייב געזאגט פאר רבי שמואל, **אז א געוויסער גדול וצדיק הדור איז נפטר געווארן, אבער ער ווייסט נישט ווער דאס איז**, אבער שפעטער איז אים באקאנט געווארן אז עס איז דעמאלט נסתלק געווארן הגה"ק **רבי מרדכי בנעט** זי"ע, א תלמיד פונעם קדוש ומופת הדור דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג, און רבי שלמה לייב מלענטשנא זי"ע וואס האט קיינמאל נישט געזען בחייו דעם צדיק רבי מרדכי בנעט זי"ע

האט דאן געזאגט, **אז ער האט געהערט אז ער איז געווען א בעל צורה שלימה.**

•••

**אין שטאט ניקלשבורג איז געווען צוויי מלמדים**, איינע איז געווען א גאר ערליכער און א ירא שמים מרובים, אבער דער צווייטער איז ליידער געווען פון די משכילים און מתחדשים, איינמאל זענען די צוויי מלמדים געקומען באזיכן דעם רב רבי מרדכי בנעט זי"ע, און דעם ערליכען מלמד האט דער גאון גאר שנעל אפ געזעגענט, אבער דעם מלמד דער משכיל האט דער רב גאר שיין אויף גענומען, און פארברענגט א לאנגע צייט מיטן מלמד.

ווען איינע פון די תלמידים האבן געפרעגט דעם רבין, היתכן דעם ערליכען מלמד האט ער שנעל אפ גע'פטר'ט, אבער מיט דעם משכיל האט ער פארברענגט אזוי לאנג.

האט דער רב רבי מרדכי זי"ע געזאגט מיט חכמה, **דער ערליכער מלמד לערנט דאך מיט די קינדער תורה ויראת שמים אויפן ריכטיגען וועג, איז אסאך בעסער אז ער זאל צוריק גיין לערנען מיט זיינע תלמידים, אבער דער משכיל וואס לייגט ליידער אריין השכלה אין די קינדער, פאר אים ווי לענגער איך האלט אים אויף, אלס ווייניגער קען ער אריין לייגן די טריפה'נע השכלה אין זיינע תלמידים, און דערפאר האלט איך אים אויף.**

•••

**דער גאון רבי מרדכי בנעט זי"ע** האט אלס רב אין שטאט ניקלשבורג געארבעט אויפן עירוב פונעם שטאט, און איינע פון די הייזער וואס מען האט געברויכט מאכן דעם עירוב, האט באלאנגט פאר א גוי פון שטאט, און דער גוי האט בשום אופן נישט געוואלט לאזן מען זאל אנכאפן דעם עירוב אויף זיין הויז.

האט דער רב צו געזאגט פארן גוי, **אז אויב ער וועט לאזן מאכן דעם עירוב דורך זיין הויז, זאגט ער אים צו, אז זיין הויז וועט קיינמאל נישט געטראפן ווערן פון פייער**, און דער גוי האט צו דעם מסכים געווען, א שטיק צייט שפעטער האט ליידער אויס געבראכן א שרעקליכע פייער אין שטאט ניקלשבורג, **און לפלא איז די הויז פונעם גוי געווען דאס איינציגסטע הויז, וואס איז נישט באטראפן געווארן פונעם פייער.**

•••

**הגה"ק רבי זעקיל פאללאק מבאניהאט זי"ע**, וואס איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז א חשובע רב געפארן נעמען היתר הוראה פונעם גאון וקדוש רבי מרדכי בנעט זי"ע, און יענער רב איז געווען פאר אפאר טאג אין שטאט ניקלשבורג ווי לאנג דער גאון רבי מרדכי האט אים פארהערט, וואס ווי באוויסט האט דער גאון נישט אזוי שנעל געגעבן היתר הוראה, נאר נאכן פארהערן א שטיק צייט זעענדיג אז יענער קען באמת פסק'ענען, האט מען דאן באקומען הוראה.

ווי באוויסט איז דער גאון געווען אינגאנצן אפגעשיידט פון זיין שטוב די גאנצע וואך, און ער איז כמעט נישט געווען ביי זיך אין שטוב, און יענער רב זייענדיג דארט אין ניקלשבורג האט דער גאון רבי מרדכי געהייסן ברענגען עסן פון א ערליכע שטוב, און דאס האט דער גאסט געגעסן, איין טאג ווען מען האט געברענגט פלייש פארן גאסט, און מען האט ארויף געלייגט די פלייש אויפן אויוון, אז ער זאל זיך האלטן ווארעם.

האט פאסירט א פלא'דיגע זאך, יעדעס מאל דער גאון איז דורך דעם אויוון האט ער געזאגט, "**עס שמעקט דא א ריח פון נבילה**", עס איז געווען א גרויסע פלא, אבער נאכדעם וואס מען האט דאס חוקר געווען, איז מען געוואר געווארן, אז די פרוי וואס איז נישט געווען אזא געלערנטע, האט זיך לעצטענס געוואלט שפארן געלט, האט זי רח"ל אליינס גע'שחט'ן די הינדלעך, **און דאס האט דער גאון גלייך מרגיש געווען ביים דורך גיין דעם אויוון.**

•••

**יענע צייט ווען דער גאון הגה"ק רבי יהודה אסאד זי"ע** האט געלערנט אין ניקלשבורג ביי הגה"ק רבי מרדכי בנעט זי"ע, איז איינמאל אנגעקומען א ארימאן אין שטאט, און צו געגאנגען צום בחור רבי יהודה אסאד זי"ע, און געפרעגט ווי וואוינט דער רב, **רבי יהודה האט דעם ארימאן געגעבן שלום עליכם, און מיט כבוד צו געפירט צום שטוב פון דעם רב.**

ווי פארוואונדערט איז רבי יהודה געווען, ווען ער האט געזען דעם רב קעגן לויפן דעם ארימאן,

און אים מקבל געווען מיט גרויס כבוד, און זיך איינגעשפארט אין זיין שטוב פאר א שטיק צייט, ווען דער ארימאן איז אוועק געגאנגען האט דער רב צוגעריפן דעם תלמיד רבי יהודה אסאד זי"ע, און אים געזאגט, "**האסט געהאט די זכי' צו געבן שלום פאר דעם אויף וועם עס שטייט "אַשְׁרֵי מִי שֶׁנָּתַן לוֹ שָׁלוֹם וְהֶחֱזִיר לוֹ שָׁלוֹם"**.

• • •

**אין ספר תולדות וקדושת מהר"ם בנעט ווערט געברענגט**, אז ווען דער גאון דער הייליגער מהר"ם בנעט זי"ע איז אלס בחור געווען אין פראג, איז ער אמאל זייער קראנק געווארן און געמוזט ליגן אין שפיטאל, די קהילה האט געדונגען א פרוי א קראנקן-שוועסטער וואס זאל אים באדינען און אכטונג געבן אויף אים, האט איינע פון די בחורים פון ישיבה דערציילט, **אז אינמיטן די נאכט האט די פרוי געוואלט גלייך מאכן זיין קישן און אים צודעקן בעסער**,

אבער ווי נאר זי האט זיך דערנענטערט צו זיין בעט, האט דער הייליגער מהר"ם בנעט, וואס איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן אין א שווערן פיבער, **זיך מיטאמאל אויפגעכאפט מיט גרויס שרעק און אנגעהויבן ציטערן ווי א בלעטעלע**, ער האט געשריגען מיט זיינע לעצטע כוחות, "**ריר מיך נישט אן! ריר מיך נישט אן**", די דאקטורים און ארומיגע האבן געזען דעם געוואלדיגן **רוח הקודש און קדושה פונעם הייליגען בחור**, אז אפילו אין א מצב פון חולשה און פיבער, ווען ער איז כמעט נישט געווען ביי זיך, **האט זיין קדוש'דיגע נשמה מרגיש געווען די נגיעה פון א פרוי און דערציטערט געווארן מיט גרויס פחד דקדושה**.

• • •

**אין די הקדמה פון ספר פרשת מרדכי ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער מהר"ם בנעט זי"ע האט זיין גאנץ לעבן גאר שטארק אכטונג געגעבן אויף קדושת עינים, ווען ער פלעגט גיין איבער די גאסן פון ניקלשבורג, פלעגט ער קוקן בלויז דורך זיין ברילן, אבער ער האט געהאט ספעציעלע ברילן וואס זענען געווען אנגעשמירט מיט שמירעכץ אדער ווייסע פאפיר אויף די זייטן, **כדי ער זאל נישט קענען זען גארנישט אויסער די פיר איילן פאר זיך**.

איינמאל האט זיין זון אים געפרעגט מיט וואונדער, פארוואס ער פירט זיך אזוי שטרענג, האט דער טאטע דער הייליגער מהר"ם בנעט אים געענטפערט מיט גרויס תמימות, "**זינט איך האב מיר אויסגעלערנט קוקן בלויז אין מיין ספר, זענען די גאסן פאר מיר אזוי ווי א מדבר שממה, און איך האב מורא, אז אויב איך וועל קוקן אין די זייטן וועל איך פארלירן דעם זיסן טעם פון די הייליגע תורה**", און דאס איז געווען א צדיק א מלאך אלוקים, וואס האט יעדע רגע פון זיין לעבן מקדיש געווען נאר פאר תורה און עבודת השם, מיט דעם אלעם האט ער מורא געהאט, אז אויב ער וועט קוקן מער ווי ער ברויך, וועט ער פארלירן דעם זיסן טעם פון די הייליגע תורה.

• • •

**אין ספר מנחת קנאות ווערט דערציילט**, אז דער קדוש השם רבי שמשון רפאל הירש זי"ע וואס איז געווען א תלמיד מובהק פונעם גאון דער הייליגער מהר"ם בנעט פון ניקלשבורג זי"ע, האט דערציילט אן אינטערעסאנטע זאך וואס ער האט אליין צוגעזען ביי זיין רבי'ן.

יעדן פרייטאג נאכמיטאג צום זמן הדלקת הנרות, פלעגט דאס פנים פונעם רבין דער הייליגער מהר"ם בנעט זיך אינגאנצן טוישן, זיין געשטאלט איז געווארן פארוואנדלט דומה למלאך השם צבקות, און ער האט באקומען א גייסטיגע קדושה וואס מיר קענען דאס נישט משיג זיין.

איינע פון די קינדער האבן דערציילט, אז אמאל האט א דאקטאר געוואלט מעסטן דעם הארץ קלאפ פונעם רב דער הייליגער מהר"ם בנעט ערב שבת פונקט ווען ער האט מקבל געווען דעם הייליגען שבת, און דער דאקטאר איז ארויס פון צימער מיט שרעק, זאגנדיג, **אז דער פולס ארבעט גאר אנדערש ווי א לעבעדיגען מענטש, ווייל זיין גאנצע פיזישע קערפערשאפט איז געווארן העכער און גייסטיגער לכבוד שבת**.

• • •

**אין ספר תולדות וקדושת מהר"ם בנעט ווערט געברענגט**, אז א איד א סוחר פון ניקלשבורג איז איינמאל געפארן אויף די גרויסע יריד (האנדלס-מארק) אין שטאט לייפציג, אינמיטן וועג האט ער באמערקט **אז ער האט פארגעסן א וויכטיגן דאקומענט און א בריוו וואס ער האט געמוזט האבן פאר די געשעפטן**, וואס אן דעם בריוו קען ער גארנישט אויספירן, דער איד איז געווען גאר

שטארק צובראכן און אנגעשטרענגט, וויסנדיג אז זיין גאנצע פרנסה הענגט אויף דעם.

אין זיין נויט האט ער געשיקט א שליח שנעל צוריקצולויפן קיין ניקלשבורג צום הייליגען מהר"ם בנעט, בעטנדיג א ברכה און אן עצה וואס צו טאן, ווען דער שליח איז אנגעקומען צום רב, האט דער מהר"ם בנעט צוגעמאכט די אויגן פאר עטליכע מינוט, און דערנאך געזאגט פארן שליח, **"פאר שנעל צוריק צו דיין בעל הבית און זאג אים, אז ער זאל גארנישט דאגה'ן, ער זאל עפענען דעם גרויסן לעדערנעם זאק וואס ער האט מיטגענומען, דארט צווישן די פאפירן ליגט אן אלטער אומניצבארער בריוו וואס ער האט שוין לאנג פארגעסן דערפון. און ער זאל נעמען דעם דאזיגן בריוו, און דאס וועט אים ברענגען זיין ישועה"**.

דער סוחר האט געטאן פונקטליך ווי דער צדיק האט געהייסן, כאטש ער האט נישט פארשטאנען פארוואס ער דארף אן אלטן בריוו, ווען ער איז אנגעקומען צום יריד, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער מיניסטער וואס האט געפירט די גאנצע מלוכה-האנדל איז געווען אן אלטער פריינד פון דעם שרייבער פון יענעם אלטן בריוו, און ווי נאר ער האט געזען דעם בריוו, האט ער אויסגעפירט פארן איד אלע זיינע געשעפטן מיט גרויס כבוד און גרינגקייט, דער איד האט דעמאלט באמערקט, **ווי דער מהר"ם בנעט האט מיט זיין רוח הקודש געזען פון וויטנס פונקטליך וואס ליגט אין זיין זאק און וואס וועט אים ראטעווען**.

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט געברענגט**, אין יענע יארן האט די רעגירונג אין מעהרן ארויסגעגעבן א שווערע גזירה קעגן די אידן, וואס האט געזאלט אפשניידן זייערע פרנסות און אנזייען גרויס צער, די ראשי קהילה זענען געלאפן צום מהר"ם בנעט מיט גרויס געוויין ער זאל ראטעווען די אידישע קינדער.

דער הייליגער מהר"ם בנעט האט געהייסן פאררופן א גזרת תענית פאר אלע אידן פון שטאט, און דער גאון דער הייליגער רבי מרדכי בנעט זי"ע איז אריין אין שוהל, און זיך געווארפן אויף דעם ארון קודש מיט ביטערע בכיות, און מען האט געזעהן אז דער צדיק וקדוש רייסט איין פאר כלל ישראל, אינמיטן דאווענען האט ער זיך אויסגעדרייט צום ציבור, און געזאגט מיט א פעסט קול, **"די גזירה איז בטל געווארן, דער שר פון די רעגירונג האט שוין אונטערגעשריבן א צעטל צו מבטל זיין די גזירה"**.

נאך עטליכע טעג איז אנגעקומען די אפיציעלע פאסט פונעם קעניגליכן פאלאץ אין ווין, וואו עס איז געשטאנען שווארץ אויף ווייס אז די גזירה איז בטל געווארן, ווען די עסקנים האבן נאכגעקוקט די צייט ווען דער דאקומענט איז אונטערגעשריבן געווארן, האבן זיי געזען, **אז עס איז געווען פונקטליך אין יענע שעה ווען דער הייליגער רב האט אויסגעשריען אין בית המדרש אז די גזירה איז בטל**.

• • •

**אין ספר מקור ברוך ווערט אראפגעברענגט**, אז אן אלמנה אין ניקלשבורג האט געהאט אנגעגרייט א שיינע סכום געלט פארן חתונה מאכן אירע יתומים, אבער דאס געלט איז מיטאמאל פארשוואונדן געווארן פון איר שטוב, מיט גרויס פארצווייפלונג און זייענדיג שטארק בצער, איז זי געלאפן צום צדיק דער הייליגער מהר"ם בנעט וויינענדיג קולי קולות, אז אירע יתומים וועלן בלייבן אן קיין שום הילף.

דער הייליגער מהר"ם בנעט האט געהייסן פאררופן אלע מענטשן וואס האבן געהאט א שייכות אדער זענען אריינגעקומען אין יענעם הויז, ווען אלע זענען געשטאנען פאר אים, האט דער צדיק טיף אריינגעקוקט אין די אויגן פון יעדן איינעם, מיטאמאל האט ער זיך אנגערופן מיט א שרעקעדיג קול צו איינעם פון די אנוועזנדע, **"גיב שנעל צוריק דאס געלט פאר די אלמנה און יתומים איידער דער כעס פון הימל וועט דיך טרעפן"**.

יענער מענטש, וואס איז ביז דעמאלט געווען פארעכנט אלס אן ערלעכער איד און קיינער האט אים נישט חושד געווען, האט זיך גלייך געבראכן פאר גרויס פחד פונעם רב'ס בליק, ארויסגענומען דעם גאנצן סכום געלט, און עס צוריקגעגעבן אויפן ארט, אלע זענען נתפעל געווארן זעענדיג ווי דער צדיק קען זען די באהאלטענע מחשבות פון א מענטש.

• • •

**אין ספר תולדות וקדושת מהר"ם בנעט ווערט געברענגט**, אז אין א קאלטן ווינטער נאכט איז אן ארעמער איד דורך דעם שטאט ניקלשבורג, און איז אריינגעקומען אין דעם הויז פונעם מהר"ם בנעט זיך צו ווארעמען און איבערנעכטיגן, דער רב האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, אים געגעבן צו עסן און אנגעגרייט פאר אים א געלעגער צו שלאפן אינעם הייצונג צומער אז ער זאל זיך דארט דערווארעמען, אינמיטן די נאכט, האט דער מהר"ם בנעט מורא געהאט אז דער ארימאן ליידט אפשר פון קעלט.

דער צדיק איז שטילערהייט אריינגעגאנגען אין יענעם צימער און געזען, אז דער גאסט ציטערט טאקע פאר קעלט ווייל ער האט נישט קיין געהעריגע צודעק, אן טראכטן צוויי מאל, איז דער מהר"ם בנעט צוריקגעגאנגען צו זיין אייגענעם בעט, **גענומען זיין אייגענעם ווארעמען צודעק און זיין קישן, און דאס מילדערהייט ארויפגעלייגט אויפן שלאפנדן ארימאן**, דער מהר"ם בנעט אליין איז צוריקגעגאנגען שלאפן אויף דער הארטער ערד אן א קישן און אן א צודעק, אינדערפרי ווען די בני בית האבן אים געפרעגט פארוואס ער האט זיך אזוי באנומען מיטן פשוטן גאסט, האט ער געענטפערט מיט גרויס פשטות, "**דער רבוש"ע האט מיר געגעבן די דעקע כדי איך זאל היטן מיינע ברודער פון קעלט, ווי אזוי קען איך שלאפן ווארעם ווען א צווייטער איד ציטערט פאר קעלט**".

• • •

**אין ספר עטרת תפארת ווערט דערציילט**, אז א ארעמע אלמנה איז אמאל געקומען צו די גבאי צדקה פון שטאט ניקלשבורג מיט א ביטער געוויין, אז זי האט נישט מיט וואס חתונה צו מאכן איר יתום, און זי דארף וויכטיג האבן א סכום פון פופציג רייניש, אבער דער גבאי צדקה האבן איר געענטפערט, אז די קופה איז ליידיג און עס איז יעצט נישטא קיין געלט אינעם קופת העיר, זעענדיג איר גרויסן צער, האט דער מהר"ם בנעט פארשטאנען אז ער מוז עפעס טאן.

ער איז אריין אין זיין פריוואטען צומער, גענומען דעם קאסטן וואו זיין רעבעצין האט געהאלטן די ווערטפולע זילבערנע כלים וואס זי האט באקומען בירושה, **ארויסגענומען א טייערן זילבערנעם בעכער, און עס פארזיכטיג איבערגעגעבן פאר די אלמנה** אונטערן טיש, זאגנדיג, "**נעם דעם בעכער, פארקויף עס אדער פאר'משכן עס ביי א איד, און מיט דעם געלט מאך חתונה דיין יתום בשעה טובה ומצלחת**".

ווען די רעבעצין האט שפעטער באמערקט אז דער בעכער איז נעלם געווארן, האט זיך אנגעהויבן א גאנצע רעש אין שטוב אז עס איז געווען א גניבה, דער מהר"ם בנעט האט זיך צוגעהערט און רואיג געזאגט, "**דאגה נישט, ס'איז נישט געווען קיין גנב פון דרויסן, איך אליין האב עס 'גע'גנב'ט' כדי צו ראטעווען אן אלמנה און א יתום פון אנטוישונג, דאס זילבער געהערט פארן אייבערשטן, און ער האט געוואלט מיר זאלן עס ניצן פאר זיין ספעציעלע מצוה פון הכנסת כלה**".

• • •

**אין ספר מעשיות הגדולים ווערט דערציילט**, אז איינמאל האט א גביר און תלמיד חכם אין ניקלשבורג שטארק ווי געטאן און באליידיגט א פשוט'ן איד, א בעל מלאכה, ברבים אינמיטן בית המדרש, דער בעל מלאכה איז געקומען צום צדיק דער הייליגער מהר"ם בנעט מיט טרערן אין די אויגן און זיך באקלאגט אויף זיין גרויסן צער און שאנדע, דער מהר"ם בנעט האט גלייך געלאזט רופן דעם גביר צו א דין תורה, ווען דער גביר איז אנגעקומען, האט ער זיך פרובירט ארויסצודרייען זאגנדיג, אז יענער איז סתם אן עם הארץ און א פשוט'ער מענטש, און עס פאסט נישט פאר זיין כבוד זיך איבערצובעטן מיט אים.

ווען דער מהר"ם בנעט האט דאס געהערט, האט ער זיך אויפגעשטעלט מיט א צעבראכן הארץ און געזאגט מיט גרויס ווארעמקייט, "**ווי אזוי קענסטו רעדן אזוי אויף אן אידיש קינד, צי ווייסטו נישט אז יעדער אידישער קערפער איז א בית המקדש מעט, און זיין נשמה איז א חלק אלוקי ממעל, אויב דו בעטסט אים נישט איבער, בין איך מחרים דיינע שיעורי תורה און דיין תפילה, ווייל תורה אן אהבת ישראל האט נישט קיין שום ווערט אין הימל**", דער גביר האט דערזען דעם רב'ס אמת'ע ליבע און ווייטאג פאר א פשוט'ן איד, ער האט זיך גלייך געבויגן און געבעטן מחילה פונעם בעל מלאכה מיטן גאנצן הארץ, דאס איז געווען די

געוואלדיגע השפעה פונעם צדיק און זיין געוואלדיגע אהבת ישראל מיט פילענדיג יענעמ'ס צער.

• • •

**אין ספר גדולת מרדכי ווערט געברענגט**, אז איינע פון די חשוב'סטע תלמידים פונעם מהר"ם בנעט אין ניקלשבורג איז שווער קראנק געווארן, ביז די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, די חברים, די אנדערע בחורים פון די ישיבה, זענען מיט א פחד אריינגעלאפן צום רבי'ן, דעם מהר"ם בנעט, און אים מבשר געווען די שווערע בשורה.

דער מהר"ם בנעט האט גלייך אפגעשטעלט דעם שיעור, צוגעלאפן צום ארון קודש, און ארומגענומען די ספרי תורה מיט הייסע טרערן, און ער האט געשריגן מיט קולות, "**רבוש"ע, דו האסט מיר אנפארטרויט די דאזיגע נשמות זיי אויסצולערנען דיין הייליגע תורה, אויב, חלילה, שטארבט דער בחור, ווי אזוי קען איך ווייטער קומען אין בית המדרש און זאגן דיין תורה פאר די איבריגע תלמידים, ווען מיין הארץ איז צעבראכן אויף מיין ליבן תלמיד**".

האבן דערציילט די תלמידים, אז זייער רבי דער צדיק רבי מרדכי בנעט ז"ע האט נישט אויפגעהערט מתפלל זיין ביז ער האט געפילט אז זיין תפילה איז אנגענומען געווארן, אין יענע שעה ממש האט זיך דער קראנקער בחור אויפגעכאפט פון זיין שווערן מצב און אנגעהויבן צוריק צוקומען צו די כוחות, דער בחור האט דערנאך מאריך ימים געווען און אליין אויפגעשטעלט שיינע דורות, דאנקענדיג דעם רבי'נס פאטערליכע ליבע וואס האט אים צוריקגעגעבן דאס לעבן.

• • •

**אינעם קונטרס פעולת צדיק ווערט דערציילט**, אז אין די ישיבה אין ניקלשבורג איז געווען א בחור וואס האט געהאט א שוואכקייט אז ער פלעגט צומאל **פארשלאפן דעם זמן תפילה** און פארזוימען דאס דאווענען אין בית המדרש, די משגיחים און די אנדערע בחורים האבן שוין געוואלט ארויסווארפן דעם בחור פון די ישיבה, טענה'נדיג אז ער ברענגט א קאלטקייט פאר די אנדערע תלמידים, אבער ווען דער רבי דער הייליגער מהר"ם בנעט האט דאס געהערט, האט ער נישט צוגעלאזט מען זאל ח"ו ווי טאן פאר דעם בחור.

דער רבי ר' מרדכי בנעט האט גערופן דעם בחור צו זיך אין צימער באזונדער, אבער אנשטאט אים אנצושרייען אדער מוסר זאגן, האט ער אים ארומגענומען מיט גרויס ווארעמקייט און געזאגט, "**מיין ליבער תלמיד, איך זעה אז דיין גוף דארף מער שלאף ווי אנדערע, און דאס קומט פון דיין שוואכע געזונט, קום, שלאף אין מיין שטוב, אין מיין פריוואטן צימער, דא וועט קיינער נישט וויסן און קיינער וועט דיך נישט באשולדיגן**".

דער בחור איז אזוי נתרגש געווארן פון דעם רבי'נס געוואלדיגע ליבשאפט, אז ער האט זיך באלד געשטארקט מיט אלע כוחות, אנגעהויבן אויפצושטיין פארטאגס לערנען מיט גרויס התמדה, און ער איז אויסגעוואקסן איינער פון די גרעסטע מרביצי תורה בדורו, אלעס מיט די געוואלדיגע ליבשאפט פונעם רבין ר' מרדכי'לע צו זיינע תלמידים.

**יארצייט י"ד אב**

**הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר אהרן זי"ע, (פריעדמאן)**
**בעל אך פרי תבואה, מליסקא**
**"הנקרא ר' הערשעלע ליסקער"**

ער איז געבוירן אין שטאט אוהעל, **ה' אייר בשנת תקס"ח**.

צו זיין טאטן הגה"ק **החסיד המפורסם וצדיק נסתר רבי אהרן פרישמאן** זי"ע,
צדיקים בדורו האבן מעיד געווען, אז דער טאטע איז געווען **א צדיק נסתר און א גאר הייליגער איד**.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת שרה** ע"ה, וואס איז געווען באקאנט מיטן נאמען "**שרה די בעקערין**", און אידן דערציילן גרויסע ישועות וואס מען זעהט ביים קבר פון די צדקת שרה, וואס ליגט אינעם ביה"ח הישן אין שטאט אוהעל סמוך ונראה צום הייליגען ישמח משה זי"ע.

דעם נאמען **פריעדמאן** האט זיך דער צדיק געטוישט ווען ער האט זיך געוואלט ארויס דרייען פון די מיליטער.

ער איז געווען א עילוי נפלא און א גאון וחריף עצום בתורה, און א חסיד נפלא מאוד, ער איז געווען א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א געוואלדיגע עניו, ער האט באמת נישט געהאלטן פון זיך גארנישט, זיין עבודת השם איז געווען מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, אויך האט ער לוחם געווען במלחמתו של תורה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת נפלא און א גרויסע פועל ישועות.

ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע מליץ יושר אויף אידישע קינדער און א אוהב ישראל אמתי, און ער האט כסדר דן געווען אידישע קינדער לכף זכות, און אייביג מתפלל געווען צום באשעפער אז ביי אידן זאל אייביג זיין השפעות לרוב.

ליידער איז דער טאטע רבי אהרן נסתלק געווארן כ' מנחם אב בשנת תקע"ו, ווען דער קינד הערשעלע איז געווען נאר 8 יאר אלט, און דער קינד איז אויפגעצויגן געווארן דורך דעם מאמע הצדקת שרה ע"ה.

ווערט דערציילט, אז די מאמע האט אפ געראכטען יעדע נאכט תיקון חצות, און פארלאזט טייכן טרערן אויף גלות השכינה, **און מיט די טרערן וואס זי האט צוזאמען געוואמען, האט זי אפ געוואשן דעם שטערן פון איר זוהן הערשעלע**.

גאנץ אנפאנג האט אים די מאמע געטראגן לערנען קיין דעמביץ, און דארט האט ער געלערנט תורה ביי זיין רבין הגה"ק **רבי אברהם מדעמביץ** זי"ע, וואס איז געווען באקאנט אלס א גאון עצום.

שפעטער איז ער געפארן לערנען ביי הגה"ק **רבי צבי הירש הלר בעל טיב גיטין מבוניהאד** זי"ע, וואס מען האט גערופן "**ר' הירש חריף**", און טראץ וואס רבי הערשעלע ליסקער איז דאן נאך געווען גאנץ יונג, האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע חביבות ביי זיין רבין ר' הירש חריף.

זיין רבי האט שוין דאן מעיד געווען אויף די חריפות פונעם יונגן גאון, און איינמאל ווען זיין רבי האט געזאגט א גאר טיפן פלפול אין שטאט בראד, האט די רבי געזאגט, אז נאר דריי תלמידים האבן פארשטאנען דעם טיפן פלפול, **און איינע פון די איז געווען דער תלמיד רבי הערשעלע ליסקער**, אויך האט ער דאן געלערנט בחברותא מיט הגה"ק **רבי שלמה גאנצפריד בעל קיצור שולחן ערוך** זי"ע, און די צוויי גאונים זענען אפילו שפעטער געבליבן גאר שטארק בידידות.

אויך ווערט דערציילט אז דער גאון האט זוכה געווען צו לערנען פאר א שטיק צייט, און זיך פאריפען אלס א תלמיד פון הגה"ק **רבי מרדכי בנעט מניקלשבורג** זי"ע, און ביי די 15 יאר איז ער שוין געווען א בקי בש"ס ופוסקים און אויך אין שולחן ערוך אורח חיים און חושן משפט, מיטן קצות החושן בעל פה.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת קלרה קריינטשא** ע"ה,
בת הרה"ח **רבי יצחק הכהן לעפקאוויטש מאוהעל** זי"ע,
חתן הרה"ח **רבי גרשון אברהם קליין מליסקא** זי"ע.

דער צדיק רבי הערשעלע האט דערציילט, ווי אזוי ער איז נתקרב געווארן צום דרך החסידות, גאנץ אנפאנג האט ער געלערנט ביי זיינע רבי'ס וואס זענען נישט געווען צווישן די חסידים, און פארשטייט זיך אז ער איז אויך געווען ווייט פון חסידות, ער האט דאן עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה.

אבער נאך די חתונה האט דער צדיק אנגעהויבן לערנען חכמת הקבלה, און ער האט זיך מסגף זיין מיט תעניתים בהפסקה, וואס מיינט אז ער האט דעם גאנצן טאג געפאסט, און ביינאכט האט ער אויס געפאסט מיט ממש טועם זיין עפעס, און אזוי האט ער געטון פאר 40 טאג, און דער צדיק האט דאן געהאט א גרויסע שאיפה צו פאסטן משבת לשבת.

נאך א שטיק צייט וואס די תעניתים זענען געווען זייער שווער פאר אים, איבערהויפט אז עס האט אים געשטערט פון זיין עבודת הקודש מיטן לערנען, האט ער אפ געמאכט צו פארן צו צדיקי הדור און זיך מסתופף זיין בצלו פון די צדיקים, און אזוי אפשר וועט ער אנקומען צו זיינע שאיפות פון פאסטן משבת לשבת.

איין טאג איז ער אנגעקומען קיין ראזלא צום צדיק הרה"ק **רבי יהודה צבי מראזלא** זי"ע, און פון גרויס שוואכקייט איז ער דארט צוזאמען געפאלן, און מיט שווערעקייטן האט מען אים דערמינטערט, און ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער געזען, אז ער האט אנגעהויבן זעהן אויפן שטערן פון אידן, זייערע מעשים ווי עבירות און מצוות, און דער צדיק האט אנגעהאנגען דעם מדרגה אויף זיינע תעניתים און סיגופים.

אבער אזוי ווי ער איז אריין דאס ערשטע מאל צום צדיק מראזלא, האט דער צדיק געזאגט פאר רבי הערשעלע בזה"ל, "**אויב א מענטש פאסט און איז זיך מסגף, מיינט מען שוין אז מען האט שוין איין געקויפט עולם הבא אין איין שעה, צו קענען זעהן באהאלטענע זאכן, ניין מען ווערט נישט קיין נביא אין איין רגע**".

דאן האט דער צדיק רבי הערשעלע געזען אז דער צדיק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע איז א בעל רוח הקודש, און ער איז דארט געבליבן פאר א שטיק צייט, און ער האט דארט ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות דקדושה.

דערנאך איז ער געפארן צום צדיק הרה"**ק רבי מאיר מפרמישלאן** זי"ע, און דער רגע וואס ער האט אריינגעטרעטן אין שטוב פון רבי מאיר'ל, האט ער אים געפרעגט, "**זאג נאר, דער הייליגער ראזלא רב האט דיך שיין אויף גענומען**", רבי הערשעלע ליסקער זי"ע הערענדיג די ווערטער, האט ער שוין געזען אז די חסידישע רבי'ס זענען אלע בעלי רוח הקודש און זעהן זאכן וואס נישט יעדער זעהט, און ער האט זיך דאן מדבק געווען אונעם דרך החסידות, און שפעטער איז ער געווארן איינע פון די גרעסטע רבי'ס אין אונגארן.

וואוינענדיג אין שטאט אוהעל, האט ער זיך מדבק געווען מיט א מוראדיגע דביקות צום צדיק הרה"ק **בעל ישמח משה מאוהעל** זי"ע, און דארט ביים צדיק האט ער געשעפט גאר אסאך תורה און עבודת השם בקדושה וטהרה, אויך זיין גרויסע דרך החסידות האט ער דאן קונה געווען ביים ישמח משה זי"ע, און רבי הערשעלע האט כל ימיו געזאגט, **אז דעם דרך וואס ער האט מקבל געווען אין אוהעל האט אים באגלייט זיין גאנץ לעבן**, אויך האט ער דארט געלערנט בחברותא מיטן אייניקל פונעם ישמח משה, הרה"ק **רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים בעל ייטב לב מסיגוט** זי"ע.

ער האט זיך גאר אסאך מסתופף געווען ביי די צדיקים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי ישראל מרוזין** זי"ע,
הרה"ק **רבי מאיר מפרמישלאן** זי"ע,
הרה"ק **בעל ישמח משה מאוהעל** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהודה צבי מראזלא** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש מרימנוב** זי"ע,
הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע,
הרה"ק **רבי חיים בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
הרה"ק **רבי אליעזר מדזיקוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי אשר ישעי' בעל אור ישע מרופשיץ** זי"ע,

הרה"ק **רבי מנחם מענדל בעל הצמח צדיק מוויזניץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי מאיר בעל אור לשמים מאפטא** זי"ע.

אבער א גאר ספעציעלע קשר האט ער געהאט מיטן **הייליגען דברי חיים מצאנז** זי"ע, וואס האט דעם צדיק וקדוש זייער מקרב געווען און גאר אסאך משפיע געווען פאר דעם צדיק, ער האט דעם צאנזער רב געהאלטן אלס זיין **רבו מובהק** און קיינמאל נישט גענומען קיין קוויטלעך ווען ער איז געווען אין צאנז אלס כבוד פון זיין רבין.

בהמלצת פון זיין רבין דער הייליגער ישמח משה זי"ע, האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **ליסקא**, און דאן האבן זיך אנגעהויבן מסתופף זיין ביי אים טויזענטער אידן פון גאנץ אונגארן, ובתוכם זענען געווען גאונים און גדולים בדורו.

בשנת תר"א ווען זיין רבי דער הייליגער ישמח משה זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן אסאך פון די תלמידים און חסידים פון זיין רבין אים אויף גענומען אלס ממלא מקום פון זיין רבין, און דאן איז דאס חסידות אין ליסקא געוואקסן גאר גרויס, אז ליסקא איז דאן פארעכנט געווארן פון די גרעסטע חסידות'ער אין גאנץ אונגארן.

ער איז יעדע יאר געפארן צוזאמען מיט זיינע חסידים צום ציון ביום היארצייט פון זיין רבו מובהק הרה"ק בעל ישמח משה מאוהעל זי"ע, און דארט האט ער גאר אסאך ישועות גע'פועל'ט פאר אידישע קינדער.

טויזענטער חסידים זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, און גרויסע ישועות און מופתים האבן אידן גע'זען ביי דעם צדיק, ער האט גאר אסאך גרויסע יסורים מקבל געווען אויף זיך, כדי צו מכפר זיין אויף צער פון כלל ישראל, און מיט דעם מגין געווען אויפן דור.

אידן זענען געקומען זיך מזכיר זיין אין די טויזענטער לדבר ישועה, און גרויסע געלטער האט מען איבער געלאזט ביי דעם צדיק, אבער פאר זיך האט דער צדיק געלעבט מיט א געוואלדיגע פשטות און כמעט גארנישט פון די געלט געהאלטן ביי זיך, נאר רוב רובם פון די געלטער זענען אן געקומען צו צובראכענע אידן וואס זענען געקומען צום צדיק פאר ישועות, כמעט יעדן טאג איז דער טיש געווען אנגעהויפענט מיט גרויס געלט, אבער ביינאכט איז דאס שוין געווען ליידיג, ווייל אלעס איז געווארן אויסגעטיילט פאר צדקה.

ברוב קדושתו האט ער כמעט נישט געפילט קיין טעם אין עסן, און עוסק געווען בתעניתים רוב פון זיין לעבן, אויך זיין הייליגע עבודת התפלה איז געווען קודש קדשים, דאס התלהבות דקדושה וואס מען האט געזען ביים דאווענען האט מעורר געווען אידישע קינדער צו יראת ד' און אהבת השם יתברך.

ער האט מקפיד געווען צו לערנען יעדן טאג מוסר מיט זיינע תלמידים און געזאגט, **אז א טאג אן מוסר הייסט נישט געלעבט**, ער האט גאר אסאך געלערנט דעם הייליגען מוסר **ספר חובת הלבבות**.

אין זיין צוואה האט ער געבעטן זיינע תלמידים און קינדער און אייניקלעך, אז מען זאל זיך מדבק זיין אין צדיקי הדור, און זיכער מאכן כאטש איינמאל א יאר צו פארן זיך מסתופף זיין בצלם פון די צדיקי הדור אויף א שבת קודש אדער א יו"ט, ווייל דאס איז א יסוד גדול פאר תורה און עבודת השם.

ער איז געווען זייער בידידות מיט די צדיקים בדורו און אפילו זייענדיג פון די גרעסטע רבי'ס בדורו, איז ער אבער געפארן אליין זיך מסתופף זיין בצלו פון די צדיקי הדור ובתוכם.

הרה"ק **רבי אייזיק'ל בעל היכל הברכה מקאמארנא** זי"ע,
הרה"ק **רבי משולם פייש השרף מטאהש** זי"ע.

אסאך צדיקים בדורו זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו ובתוכם.

הרה"ק **רבי יהושע העשיל הכהן פריעד בעל זכרון יהושע אב"ד קאפיש** זי"ע,
הגה"ק **רבי מרדכי לייב ווינקלער בעל לבושי מרדכי אב"ד מאד** זי"ע,

ער האט געהאט תלמידים גאונים צדיקים וקדושים ובתוכם.

הרה"ק **רבי חיים פריעדלענדער בעל טל חיים וברכה** זי"ע, חתנו וממלא מקומו בליסקא,
הרה"ק **רבי הירצקא'לע מראצפערט** זי"ע,
הרה"ק **רבי מרדכי ראזענבערג אב"ד טערצאל** זי"ע.

זיין תלמיד מובהק איז געווען, הרה"ק **מופת הדור רבי ישעי' ב"ר משה מקרעסטיר** זי"ע, וואס איז געווען גאר שטארק צוגעבינדן צו זיין רבין, ער האט זיך פאריפן אלס משמש ביי זיין הייליגען רבין, ווי מען זעהט ווי ער האט זיך אייביג אינטער געשריבן בזה"ל, **"הק' ישעי' בן מו"ה משה שהיה משמש בקודש אצל הרב הצדיק מליסקא זי"ע"**, און דער תלמיד רבי ישעי'לע זי"ע פלעגט כסדר זאגן, **אז זיין גאנצע כח פון פוילען ישועות און ברענגען פרנסה בשפע פאר אידישע קינדער, קומט פון זיין רבין מליסקא**.

רבי הערשעלע האט אים ממנה געווארן אז ער זאל טיילן די חלות שבת ביים טיש, און פלעגט זאגן בזה"ל, **"ווען ישעי' טיילט בילקעס קומט אין זיי אריין א ברכה"**.

איין שבת איז א גרויסער עולם געקומען קיין ליסקא, און כדרכו בקודש האט רבי ישעי'לע געטיילט די בילקעס, ביי שלש סעודות בשעת ער האט געטיילט די חלות, און עס איז שוין געווען שפעט, און די גבאים זענען געקומען זאגן פאר רבי הערשעלע, אז מען זאל זיך שוין שטעלן דאווענען מנחה, איז אבער דער צדיק רבי הערשעלע געשטאנען און באטראכט ווי רבי ישעי'לע טיילט חלות, און זיך אנגערופען בזה"ל, **"איך שטיי און קוק ווי ישעי' טיילט גוט די בילקעס"**.

די גבאים האבן מיט וואונדער געפרעגט, וואס איז דען דער חידוש, ער טיילט דאך די בילקעס יעדע וואך, האט זיך ר' הערשעלע אנגערופען, **"קוקט, די זאק איז ליידיג און ער טיילט ווייטער"**, הערענדיג די ווערטער זענען די גבאים צוגעלאפן און א כאפ געטאן די זאק, און צו זייער וואונדער, איז די זאק טאקע געווען ליידיג, אבער וויבאלד זיי האבן דאס געטון, האט זיך אפ געשטעלט די ברכה, און ר' ישעי'לע האט אויף געהערט טיילן.

אויך האט דער תלמיד מובהק רבי ישעי'לע געזאגט, אז ער האט מקבל געווען פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע בזה"ל, **"א גוי דארף זיך אדער בייגן, אדער זיך לייגן"**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה אין זיינע ספרים.

**ספר אך פרי תבואה, על התורה,**
**ספר הישר והטוב, דרשות והספדים.**

ליידער האט דער צדיק געהאט 7 זון וואס זענען אלע ליידער נפטר געווארן יונגערהייט בחייו פונעם טאטן זי"ע, און דער צדיק האט גאר אסאך צער גידול בנים געהאט פון דעם, אבער דאס האט דעם צדיק נישט אפ געשוואכט פון זיין עבודת הקודש און זיין מסירת נפש פאר אידישע קינדער.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בתו **הרבנית הצדקת מרת הענא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יוזפא גאלדבערגער** זי"ע, וואס זיין זון הרה"צ רבי זאב וואלף זי"ע האט געדריקט דעם הייליגען **ספר אך פרי תבואה,**
בתו **הרבנית הצדקת מרת זלאטא** ע"ה, אשת הרה"צ **רבי אברהם שווארץ** זי"ע, בן **הר"ר קלמן** ז"ל, בן הרה"ק **רבי מענדל הענדלעס** זי"ע, פון די אשווארער חבריא תלמידים **פונעם הייליגען קאלובער** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת חיה שרה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי חיים פריעדלענדער בעל טל חיים** זי"ע, ממלא מקום פונעם שווער אין ליסקא, און שפעטער א איידעם ביים שוואגער הרה"צ **רבי אברהם שווארץ** זי"ע.

דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע האט געהאט א מנהג, אז דעם ערשטן טאג שבועות, זמן מתן תורתינו, האט ער אליין עולה געווען **מפטיר**, און דער צדיק האט זייער מקפיד געווען אויף דעם עלי', ווייל מען ליינט דעמאלט די הפטורה פון **"מעשה מרכבה"**.

אבער אינעם לעצטן יאר פון זיין לעבן, בשנת תרל"ד, האט דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע

באפוילן, אז מען זאל געבן מפטיר פאר זיין איידעם דעם טל חיים זי"ע, דער עולם אין בית המדרש האט נישט געוואוסט דערפון, און ווען דער טל חיים איז ארויף געקומען אויף די בימה צו מפטיר, האט דאס ארויסגערופן גרויס וואונדער, קיינער האט נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי, וועלכער האט דאך אלע יארן געהאט אזא קפידה אויף די עלי', און דאס נישט געלאזט אוועקגעבן פאר א צווייטן, האט דאסמאל יא מכבד געווען זיין איידעם מיט די עלי'.

ערשט צוויי חדשים שפעטער, י"ד אב בשנת תרל"ד ווען דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע איז ליידער נסתלק געווארן, האבן תושבי ליסקא פארשטאנען למפרע די כוונה פונעם אך פרי תבואה, אז מיט'ן כיבוד פון מפטיר ביום א' דשבועות, האט ער אים פאקטיש איבער געגעבן דעם שרביט הרבנות, **און אים מסמיך געווען אלס ממלא מקומו**.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ד מנחם אב בשנת תרל"ד**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **ליסקא**.

יארן לאנג איז שוין דער ציון פונעם הייליגען צדיק מליסקא, א מקום ווי אידן קומען שופך שיח זיין דורכן יאר, און ספעציעלביים יארצייט י"ד אב, און אידן דערציילן גרויסע ישועות וואס מען זעהט ביי דעם מקום קדוש.

אויך ליגט דארט אונעם זעלבן אוהל זיין איידעם דער הייליגער טל חיים מליסקא זי"ע, וואס איז געווען באקאנט אלס א גרויסע פועל ישועות און א גרויסע בעל מופת.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הרה"ק רבינו יואל טייטלבוים מסאטמאר זי"ע האט כסדר געזאגט**, אז בעפאר תקיעת שופר איז מסוגל צו רעדן פון צדיקים קדמונים, אז דער זכות זאל אונז ביישטיין און זיין פאר אונז א מליץ יושר צום יום הדין, אסאך מאל האט רביה"ק גערעדט פון דעם גדלות פונעם הייליגען צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, און כמה פעמים האט ער נאר געזאגט בזה"ל, "**הרה"ק מליסקא איז געווען א ערליכער איד, און א צדיק אמת**".

• • •

**הרה"ק רבי ישעי' מקרעסטיר זי"ע האט נאך געזאגט** בשם זיין רבין רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, אז איינמאל איז א איד געקומען צום רבין ר' הערשעלע ליסקער זי"ע, און זיך אפגערעדט אז די מאכלי שבת קודש ווי די טשולענט און אנדערע מאכלים, זענען מקלקל זיין מאגען און מאכט אים געפערליכע בויך ווי.

האט דער הייליגער צדיק מליסקא געזאגט, **ח"ו אזוי צו זאגן, באמת די עסן פון שבת קודש ברענגען א רפואה פארן מענטש, און ברענגט אריין א ברכה אין די מאגען פאר די גאנצע וואך, נאר נאכן עסן די הייליגע מאכלי שבת קודש, וואלט א איד געברויכט האבן שכל און פאסטן צוויי טאג, כדי צו לאזן די ברכה זאל בלייבן אונעם גוף, אבער וואס זאל מען טון, אז גלייך נאך שבת קודש, זעצט מען זיך עסן מאכלי חול, און דאס איז מקלקל דעם מאגען**.

• • •

**מען זאגט נאך בשם דעם צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע**, פארוואס רופט מען דעם קופת צדקה מיטן נאמען "**רבי מאיר בעל הנס**", ווייל די גמרא זאגט דאך (מסכת קידושין דף ל"ו) **רבי מאיר אומר, בין כך ובין כך נקראים בנים למקום**, און דערפאר געט מען צדקה פאר קופת רבי מאיר בעל הנס, אז אפילו אידישע קינדער זענען ח"ו נישט ראוי, מיט דעם אלעם וועט השי"ת זיך מרחם זיין אויף זיינע קינדער, און שיקן שפע ברכה והצלחה און ממלא זיין כל משאלותם לטובה, **כרחם אב על בנים**.

• • •

**אין ספר הישר והטוב ווערט געברענגט**, אז דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע האט אמאל געהערט, ווי זיין איידעם איז זיך מתווכח מיט איינעם פון די חסידים, איבער דעם וואס דער קדושת לוי זי"ע שרייבט אין פרשת יתרו, אויפן פסוק "**ומשה עלה**", אז אויב א איד איז זוכה, **הערט ער יעדן יו"ט שבועות דאס קול וואס רופט אויס "אנכי ד' אלקיך"**, און די צוויי האבן זיך מתווכח געווען, צו די כוונה **איז א קול ממש**, האט זיך רבי

הערשעלע ליסקער זי"ע אנגערופן בזה"ל, "**דאס מיינט ממש א קול, און איך ווייס אויך אז עס איז אמת**".

• • •

**הרה"ק רבי אייזיק מקאמארנא זי"ע**, פלעגט יעדעס יאר קומען אויף עטליכע וואכן קיין אונגארן, און עס האבן געשטראמט פילע חסידים וואס זענען געקומען מיט האלטן די געהויבענע שבתים, און צווישן די חסידים פלעגט אויך דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער קומען, און ווען רבי הערשעלע ליסקער איז אריין געקומען, האט זיך רבי אייזיק'ל אויפגעשטעלט פון בענקל, און קעגן געגאנגען דעם צדיק און געזאגט, **א ברכת שהחיינו בשם המלכות**.

• • •

**מען דערציילט**, אז דאס ערשטע מאל וואס רבי הערשעלע ליסקער זי"ע איז געפארן צום צדיק **רבי מאיר'ל מפרמישלאן** זי"ע, איז ער געפארן צוזאמען מיט זיין חבר הגה"ק **רבי מנחם גרשון גרינוואלד בעל מרגליות טובה אב"ד קערעסטיר** זי"ע, וואס צדיקים האבן מעיד געווען אז דער רבי מנחם גרשון זי"ע **איז געווען פון די ל"ו צדיקים בדורו**, און דעם ערשטען שבת קודש זענען זיי נישט נתפעל געווארן פון די עבודה פונעם הייליגען פרעמישלאנער צדיק, און זיי זענען גלייך נאך שבת אהיים געפארן.

אבער אזוי ווי דער הייליגער צדיק מליסקא איז אנגעקומען אהיים, האט ער מרגיש געווען א ירידה אין זיין עבודת השם, און דער תורה לערנען איז נישט געגאנגען ווי בעפאר, האט ער אן געפרעגט זיין חבר רבי מנחם גרשון מקערעסטיר, און ער האט אויך געזאגט אז ער האט אויך מרגיש געווען א ירידה.

זענען די צוויי צדיקים צוריק צום צדיק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע, און מזכיר געווען אז זיי זענעןביידע מרגיש א ירידה אין זייער עבודת השם, האט דער הייליגער רבי מאיר'ל געזאגט בזה"ל, "**דער דרך העולם איז, אז עס געפעלט נישט איין מאל, ווארט מען נאך א שבת, אבער איר זענט גלייך אוועק, אבער רבי מאיר'ל דארף דאך די צוויי "מרגליות טובות", און דערפאר האט ער צו גענומען א משכון, אבער נאדער צוריק דעם משכון**", און פון דאן זענען די צוויי שוין געבליבן זיך מסתופף זיין בצלו פון רבי מאיר'ל, און האבן ביידע צוריק באקומען דעם כוח און מדרגה אין עבודת השם.

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע** איז געווען באוואוסט מיט זיין זעלטענע מצות הצדקה, פאר זיך אליין האט ער זייער מצמצם געווען און זיך באגענוגט מיט גאר ווייניג, אבער פאר די ארימעלייט וועלכע פלעגן אנקלאפן ביי אים אין טיר, האט ער שטענדיג געגעבן מיט א ברייט האנט, און אזוי ארום פלעגט ער דאס גאנצע געלט וואס די גרויסע עשירים האבן אים געגעבן, פארטיילן פאר צדקה.

אמאל האט זיך רבי הערשעלע פארהאלטן אויף שבת אין שטאט מונקאטש, און די דארטיגע חסידים זענען געקומען זיך מזכיר זייןביים צדיק, און צווישן די מענטשן דארט, איז געקומען א איד א גרויסער עני ואביון, און ער האט זיך אויסגעוויינט פאר רבי הערשעלע'ן איבער זיין ביטערן גורל, אז נאך א לאנגע צייט מיט פיל שוועריקייטן, איז אים ענדליך געלונגען צו טון א לייטישן שידוך מיט זיין איינציגן טאכטער, און דאס אויך נאר נאכדעם ווי ער האט זיך מתחייב געווען אראפצולייגן א שיינעם נדן, יעצט למעשה נאך צוויי יאר וואס ער קען נישט צאלן דעם נדן, דראעט דער מחותן אפצולאזן דעם שידוך ח"ו.

דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע הערנדיג דעם שרעקליכן צושטאנד פון דעם ארעמאן, האט רבי הערשעלע זייער רחמנות געקריגן אויף אים, **און ער האט אים באלד דערלאנגט דעם גאנצן ריזיגן סומע וואס איז געליגן אויפ'ן טיש, פאר נדן, וואונטשנדיג עס זאל זיין מיט מזל און ברכה**, אבער אין די זייט איז געשטאנען א חשובער איד פון שטאט, און ער האט צו געזען וואס רבי הערשעלע האט געטון, און דער מעשה האט אים שטארק פארדראסן, און ער איז צו געגאנגען צום רבי'ן מיט א טענה, **הלמאי די רביווארפט זיך אזוי מיט אזעלכע ריזיגע סכומים, און דער צייט וואס דער ארעמאן קען אליין גיין קלייבן נדבות ביי די הייזער**.

ווען דער צדיק רבי הערשעלע האט געהערט די טענה פון דעם איד, האט זיך רבי הערשעלע דערמאנט א מעשה וואס האט פארסירט מיט אים

אין זיינע יונגע יארן, און ער האט זיך גענומען דערציילן פאר דעם איד, אז אין זיינע יונגע יארן פלעגט רבי הערשעלע פארן קיין בעלזא, צום צדיק **דער הייליגער שר שלום מבעלזא** זי"ע, אין יענע צייטן איידער ער איז אליינס מפורסם געווארן, איז דאס דחקות ביי אים אין שטוב געווען גאר גרויס און קיין שפעזן אויף הוצאות הדרך איז נישט געווען.

עס איז געווען פאר שבועות ווען רבי הערשעלע האט דאן זיך פארגליסט, צו זיין שבועות אין בעלזא ביים הייליגן בעלזער רב.

אבער פון דעם מאגערן געהאלט וואס ער האט פארדינט פון מלומדות, האט ער נישט געהאט גענוג צו דינגען א פערד און וואגן, אבער די חשק האט שטארק געברענט אין זיין הארץ, און דעריבער האט ער זיך ארויס געלאזט צופוס אין וועג קיין בעלזא.

אויפן וועג איז דער צדיק דורך דעם שטאט לעמבערג, און ער איז אריין אינעם ביהמ"ד פון הרה"ק רבי הערשעלע מזידיטשוב זי"ע, און דאן זענען דורך א קבוצה פון בעלזא חסידים פון שטאט מונקאטש, אויפן וועג קיין בעלזא צום צדיק דער שר שלום מבעלזא זי"ע, און דער צדיק האט פראבירט צו בעטן פון די קבוצה, אויב ער קען זיך מיט זיי מיט כאפן קיין בעלזא, ווייל ער האט שוין נישט געהאט קיין כוח, און צופיס בדרך הטבע וועט ער נישט אנקומען קיין בעלזא אויף יו"ט.

דער הויפט פון די קבוצה וואס האט מסדר געווען די נסיעה, **האט אבער געבעטן דערפאר זעכציג גרייצער**, אבער ר' הערשעלע האט זיך געבעטן ביי דעם חסיד, אז ער האט נישט אפילו א פרוטה ביי זיך, אבער דער חסיד האט אבער זיך נישט געלאזט פון ר' הערשעלע, און געזאגט, אז ער האט צוויי שעה צו ברענגען דאס געלט, און אויב נישט וועט מען אים איבער לאזן אין לעמבערג.

בלית ברירה האט זיך רבי הערשעלע ארויס געלאזט אינעם גרויסן שטאט לעמבערג, וואס איז דאן געווען אן עיר ואם בישראל, און עס איז דארט געווען איינגעפירט צו געבן פאר די ארעמע לייט וואס זענען ארום געגאנגען נאך געלט, אזעלכע בלעכלעך וואס מ'האט געקענט פארטוישן פאר געלט ביים פרנס החודש, אדער סחורה מיט וואס די אידן אין שטאט האבן עוסק געווען.

רבי הערשעלע איז אזוי ארום געגאנגען פון געשעפט צו געשעפט, אבער יעדער האט אים געגעבן קליינע חפצים אדער קליינע סכומים מיט געלט, און דער צדיק האט געזען, אז עס איז נישט מעגליך פאר אים צו צוזאמען שטעלן דאס גאנצע 60 גרייצער פאר די נסיעה, און ביים קומענדיגע געשעפט האט דער צדיק אויס געבראכן און א ביטערע געוויין.

דער געשעפט'ס מאן האט דעם צדיק געפרעגט וואס גייט פאר, און הערנדיג דעם מצב פון רבי הערשעלע, האט דער סוחר זייער רחמנות געהאט אויף אים, און ער האט אים דערלאנגט די גאנצע זעכציג גרייצער, רבי הערשעלע האט זיך דערמיט זייער דערפרייט, און ער איז אוועק געפארן בשמחה קיין בעלזא צוזאמען מיט די אנדערע חסידים.

דעם סיפור האט רבי הערשעלע דערציילט פאר דעם איד, און ער האט אויס געפירט, **אז זינט דאן האב איך זיך פאר גענומען, אז איך וועל קיינמאל נישט אוועק שיקן א ארעמאן, און ווען א נצרך וועט ביי מיר אנקלאפן, וועל איך אים געבן זיין גאנצע הצטרכות אין וואס ער וועט זיך נויטיגן**.

ווען דער צדיק רבי הערשעלע האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט זיך רבי הערשעלע געווענדן צו דעם חשוב'ן איד וואס האט אים מעורר געווען, און ער האט אים געזאגט, **געוויס האסטו זיך שוין דערמאנט, אז דו ביסט געווען יענער אינגערמאן וואס האט מיר געשיקט קלייבן נדבות, און פון דיר האב איך זיך אויסגעלערנט נישט אזוי צו טון פאר אן ארעמאן**.

דער איד האט זיך טאקע דערמאנט אין דעם מעשה, און ער האט אויס געבראכן אין א שטארקן געוויין, און איבער געבעטן רבי הערשעלע פאר די צער וואס ער האט אים גורם געווען, און ער האט זיך אונטער גענומען זיך מער מרחם צו זיין אויף ארימעלייט און נצרכים.

• • •

**הרה"ק רבי משה טויב בעל עת רצון מקאלוב זי"ע האט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע איז אמאל געווען ביים הייליגען רוז'ינער, האט ער געזען ווי מען גיט צו עסן צוקער פאר די פערד וואס האבן באלאנגט צום ריזשינער'ס שטוב, ס'האט אים זייער פארדראסן **פארוואס מען פיטערט פערד מיט אזא קאסטבארע זאך ווי צוקער**, **וואס האט באטראפן א גרויסע סומע**, און מען וואלט דערמיט געקענט מהנה זיין ארימעלייט, איז ער באלד אריבער געלאפן צום רוזשינער אים פרעגן פשט דערין.

ווען ער איז אנגעקומען נעבן טויער פון שטוב, האט ער אנגעהויבן קלערן, אויף וועמען האב איך קשיות, ווער בין איך און אויף וועמען האב איך קשיות, איז ער אזוי געשטאנען פארטראכט ביי די טיר עטליכע רגעים, פלוצלינג הערט ער דעם רוזשינער'ס קול, ווי ער רעדט צו אים ארויס פון שטוב, "**ליסקער רב, איך וועל אייך שוין מארגן אלעס פאר ענטפערן**".

דעם אנדערן טאג האט אים דער הייליגער רוז'ינער געזאגט, איר זאלט וויסן, אז מען ברענגט מיר פארשידענע געלטער, ס'זענען דא אזעלכע געלט וואס זענען נישט ראוי צו נוצן נאר פאר פערד, וויבאלד איך וויל די געלטער זאלן זיך שנעל אויס ניצן, דעריבער הייס איך קויפן פונעם געלט צוקער וואס קאסט זייער טייער און דאס געבן פאר די פערד.

און דער רוז'ינער האט אים בשעת מעשה געוויזן אויפ'ן טיש, וואו ס'איז געלעגן הויפנס מיט געלט, זאגנדיג, "**ליסקער רב, פון די אלע געלט וואס איר זעט דא, קומט מיר נישט אויס אפילו פאר א סעודה אחת**", און כידוע אז ביי דעם ענין האט זיך דער הייליגער ליסקער אויך אזוי זיך געפירט, ער האט מבער געווען אסאך געלט וואס איז אים געקומען אונטער די הענט, און ער פלעגט ארייןווארפן געלט אין בית הכסא, אדער פלעגט ער פארברענען די געלט.

• • •

**הרה"צ רבי משה ארי' לעוו מטעמשוואר זי"ע ברענגט**, אז ער האט דערציילט די מעשה פאר מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, וועלכער האט עס זייער משבח געווען, און ער האט אויף דעם דערציילט די פאלגענדע מעשה.

אמאל האט רבי הערשעלע ליסקער זי"ע געגעבן א גרויסן סכום געלט פאר זיין גבאי'ן, **און אים געהייסן עס באלד פארברענען**, איז געווען דארט פונקט בשעת מעשה רבי הערשעלע'ס איידעם הרה"צ רבי יוזפא זי"ע, וועלכער האט געפרעגט זיין הייליגן שווער, אויב ער קען קויפן פון די געלט האלץ פאר ארימעלייט אויפן ווינטער וואס קומט שוין אט אט, און ס'וועט אויך האבן א דין ווי שריפה, ווייל די העלצער וועלן דאך פארברענט ווערן, אבער דער הייליגער ליסקער רב האט נישט מסכים געווען בשום אופן, **נאר געהייסן פארברענען די געלט ממש, אזוי ווי ער האט פריער געזאגט**.

שפעטער האט פאסירט, אז עמיצער האט גענומען פון די געלטער, און מיט א גוטע כוונה לשם מצוה, איז ער געגאנגען באצאלן רענט פאר א געוויסן ארימאנ'ס דירה, וועלכער איז שוין געווען שולדיג שכירות פון א גאנץ יאר, און דעריבער האט אים דער בעל-הבית געוואלט משלח זיין פון די דירה.

אבער ליידער האט זיך עס נישט גוט אויסגעלאזט, ווייל יענער ארימאן וועמען מען האט אויס געצאלט די דירה געלט, איז רח"ל קראנק געווארן, **און ער האט באקומען אויפ'ן גאנצן קערפער אן אויסשלאג ל"ע**, מען האט פארשטאנען אז דאס קומט צוליב וואס ער האט הנאה געהאט פון אזעלכע געלט, וועלכער דער הייליגער ליסקער האט געהייסן פארברענען.

איז מען געקומען מזכיר זיין דעם ארימאן פאר רבי הערשעלע, און מען האט אים בלית ברירה דערציילט די גאנצע געשעעניש, אלעס וואס מען האט פאקטיש געטאן מיטן געלט.

האט רבי הערשעלע זיי געזאגט, וואס **האט איר געטאן, דאס געלט האב איך דאך געקריגן פון א גרויסן בעל עבירה, וועלכער האט געהאט די זעלבע מחלה ד' ישמרנו, און איך האב נישט געזען קיין אנדערע עצה ווי צו פארברענען דאס געלט, אבער אצינד אז איינער האט הנאה געהאט פון אזא סארט**

**געלט, האט פאסירט וואס דא איז ליידער געשען,** השי"ת ישמרנו ויצלינו מכל רע.

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע מליסקא זי"ע איז געווען מפורסם,** אלס א גרויסע בעל צדקה, ער האט גרויסע סכומים געטיילט פאר צדקה, און עוסק געווען אין מידות צדקה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, עס איז געווען באוויסט, אז געלט האט ביי דעם צדיק כמעט נישט איבער גענעכטיגט, יעדע צובראכענע איד האט ביי דעם צדיק געטראפן אפענע טירן פאר סיי וואס יענער האט געברויכט.

אמאל איז איינער פון זיינע חסידים געווען אונטערוועגס אויף מסחר, און ער איז דורך געפארן די שטאט ליסקא, האט ער באשלאסן זיך אפצושטעלן און אריינגיין צו זיין רבי'ן רבי הערשעלע ליסקער זי"ע.

און וויבאלד ער פלעגט שטענדיג ברענגען צום רבי'ן מכל טוב וטוב, האט ער דאסמאל אויך נישט געוואלט קומען מיט ליידיגע הענט, **און ער האט געקויפט צוויי שאכטלעך ליכט עס צו געבן פארן רבי'ן.**

אריינקומענדיג צום רבי'ן, האט ער געטראפן א טיש פיל מיט געלט, און ער האט דערלאנגט פאר'ן רבי'ן די לעכט, און דער צדיק רבי הערשעלע האט זיך זייער באדאנקט פאר אים פאר די ליכט, זאגנדיג, "**אז ווען נישט ער ברענגט די ליכט, ווייסט ער נישט פון וואו ער וואלט געהאט ליכט אויף שבת**".

אויפ'ן חסיד'ס וואונדער האט דער רבי אים ערקלערט, די פארשידנארטיגע צדקות מיט וועלכע ער איז פארנומען, און ער האט אויס גערעכענט א פונקטליכן חשבון ווי יעדע פרוטה וואס ליגט אויפן טיש וועט גיין, אזוי אז ס'וואלט טאקע נישט איבער געבליבן קיין געלט פאר לעכט אויף שבת.

• • •

**ווען דער הייליגער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע** איז נאך געווען א יונגערמאן און געוואוינט אין אוהעל, איז ער געזעצן על התורה ועל העבודה יומם ולילה, און האט געלערנט תורה מתוך הדחק, ער האט ממש נישט געהאט קיין פרוטה אויף איינצוקויפן א שטיקל ברויט צו שטילן די הונגער ביי זיך אין שטוב.

איינמאל איז אריבער דריי טאג וואס עס איז נישט געווען אין שטוב פון דעם צדיק קיין שטיקל ברויט, און עס איז ממש געווען א שרעקליכע הונגער, דעם דריטן טאג האט פאסירט, אז א פרוי אין שטאט אוהעל איז זייער קראנק געווארן רח"ל, און זי איז געווען אין א שרעקליכע סכנה, מען האט נישט געוויסט ווי אזוי זיך א עצה געבן איר צו ראטעווען דאס לעבן.

ביינאכט האט זיך די מאמע פון די פרוי גע'חלומ'ט, אז די צדקת מרת שרה ע"ה די מאמע פון רבי הערשעלע ליסקער זי"ע איז געקומען פונעם עולם האמת, און זאגט פאר די פרוי, **היות איר זוהן רבי הערשעלע האט שוין נישט דריי טאג געהאט קיין עסן, זאגט זי איר צו, אז אויב זי וועט אריבער גיין און געבן פאר איר זון א פערציגער (וואס דאס איז געווען א קליינע מטבע בימים ההם), כדי ער זאל האבן וואס צו עסן, וועט איר טאכטער געזונט ווערן.**

די פרוי איז גלייך צופרי אריבער געלאפן צום שטוב פון רבי הערשעלע, און דערציילט די מעשה און אהין געגעבן די פערציגער פאר רבי הערשעלע, אז ער זאל זיך קענען גיין קויפן א שטיקל ברויט, און גלייך איז מען געקומען מבשר זיין די גוטע בשורה אז די טאכטער איז געזונט געווארן.

שפעטער האט רבי הערשעלע ליסקער אויף דעם געזאגט, אז זעט אויס אז פון הימל וויל מען נישט אז ער זאל האבן מער געלט, ווייל ווען יא וואלט דאך די מאמע געקענט הייסן יענע פרוי אים געבן הונדערט גולדן, און די פרוי וואלט דאך דאס גערן געגעבן כדי די טאכטער זאל געזונט ווערן, אבער די מאמע האט געהייסן נאר געבן א קליינעם מטבע אז ער זאל זיך קענען קויפן אביסל ברויט.

• • •

**ווי באקאנט האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע פארטיילט** פאר צדקה כמעט דאס גאנצע געלט וואס ער האט באקומען פון די פדיונות וואס אידן האבן ביי אים איבער געלאזט ביים זיך קומען מזכיר זיין, און ער האט געהאט א

ספעציעלע עבודה פון איינטיילן דאס געלט אויף באזונדערע צדקות, איינמאל איז די רעבעצין די צדקת קריינטשא ע"ה אריין געקומען אין שטוב פון איר הייליגער מאן, און זי זעהט ווי די גאנצע טיש איז אנגעפילט מיט גרויסע געלטער וואס דער צדיק האט איינגעטיילט צו געבן פאר ארימעלייט און אנדערע צדקות.

און וויבאלד ביי אים אין שטוב האט דאך געהערשט א געוואלדיגע דחקות, האט די רעבעצין געקרעכצט און געזאגט פארן צדיק, אזוי פיל געלט גיבסטו אוועק פאר ארימעלייט, און פאר אונז לאסטו כמעט גארנישט איבער, און די קינדער ליידן דאך פון הונגער, האט דער הייליגער צדיק רבי הערשעלע ליסקער געזאגט פאר זיין רעבעצין, **ווילסטו דען אז איך זאל דיר געבן געלט וואס געהער נישט צו מיר, די אלע געלט וואס איך באקום זענען דאך נישט מיינע, איך בין בלויז א גבאי צדקה צו פארטיילן דאס געלט פאר אנדערע ארימעלייט דא אדער אין ירושלים.**

• • •

**אמאל ווען דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע איז נאך געווען א קינד** און געוואוינט אין שטאט אוהעל, איז געווען א שיינע שבת אין שטאט, און אסאך אידן זענען געקומען אויף שבת קודש צום הייליגען ישמח משה זי"ע, און ווי עס איז געווען איינגעפירט האט דער ישמח משה געהאלטן א גאר טיפע דרשה מיט א פלפול ביי יעדע שיינע שבת.

דער קינד הערשעלע האט געזען, אז עס איז געקומען א בחור א מופלג בתורה אויף שבת אין שטאט, און דער קינד האט פארשטאנען אז דער בחור וועט זיך זיכער מפלפל זיין ביי די דרשה מיטן הייליגען ישמח משה, און דערפאר האט זיך דער קינד הערשעלע גאר גוט צוגעגרייט אויף די סוגיא, כדי ער זאל זיך קענען אננעמען פארן כבוד פון זיין הייליגען רבין דער ישמח משה זי"ע.

אזוי איז טאקע געווען, ווען דער ישמח משה האט אנגעהויבן דעם דרשה, האט דער בחור אנגעהויבן אריין פרעגן, אבער דער קינד הערשעלע האט גלייך אפגעוואנדן דעם בחור, און אזוי איז דאס אן געגאנגען דעם גאנצן דרשה, ווען דער בחור האט אפגעפרעגט וואס דער ישמח משה האט געזאגט, האט דער יונגער הערשעלע גלייך אפגעפרעגט דעם בחור, דער גאנצער עולם איז ממש ארויס פון התפעלות פון דעם חריפות פין דעם יונגן קינד.

און רבי הערשעלע ליסקער האט שפעטער דערציילט, אז ער האט ביי זיך געהאט אפ געמאכט, אז אפילו ער וועט נישט האבן וואס צו ענטפערן, וועט ער מיט דעם אלעם זיך נישט אפהאלטן פון צוריק שרייען אויף דעם בחור, נאר כדי זיך אנצונעמען אויפן כבוד פון זיין רבין דער הייליגער ישמח משה זי"ע.

אויפן וועג אהיים נאכן דרשה, איז רבי הערשעלע ליסקער אהיים צוזאמען מיטן הייליגען ישמח משה, און זיין רבי האט זיך אנגערופן צו רבי הערשעלע, "**וואס האט געוואלט דער שוטה**", און דער ליסקער רב האט דערציילט, אז ער האט געקענט דעם בחור שפעטערע יארן, **און יענער האט ל"ע געשטאמעלט זיין גאנץ לעבן ביים רעדן.**

• • •

**אין ספר מני אלף ווערט געברענגט**, אז הרה"צ רבי יואל זוסמאן מערץ מקאשוי זי"ע די טאטע פון הרה"צ רבי יחזקאל מערץ בעל תולעת יעקב זי"ע האט דערציילט, אז איינער פון זיינע באקאנטע האט אים דערציילט, וואס עס האט פאסירט מיט אים נאך די מלחמה, ווען ער האט געוואוינט אין אונגארן אונטער די קאמוניסטן, האט מען אן גערעדט אויף אים ביי די רעגירונג, און עס האט געווארט אויף אים א ביטער שווערער עונש רח"ל.

זעענדיג זיין שווערע מצב, איז ער געפארן קיין ליסקא זיך משתטח זיין אויפ'ן ציון פונעם צדיק הרה"ק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, און זייענדיג דארט ביים ציון פונעם צדיק, האט ער זיך אויסגעגאסן דאס הארץ און שטארק געוויינט, און ער האט געבעטן פונעם צדיק מליסקא זי"ע, אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אים, אז ער זאל ניצול ווערן פון די רשעים, און זיי זאלן אים נישט קענען שלעכטס טוהן.

ווען ער האט געענדיגט מתפלל זיין און איז אוועק געגאנגען פונעם ציון, האט ער געשפירט ווי עס איז אים גרינגער געווארן פון זיינע פראבלעמען, שפעטער האט זיך טאקע אויס

געשטעלט, אז ער האט גע'פועל'ט א ישועה ביים ציון, און ער איז ארויס אינגאנצן פריי, און זיינע שונאים זענען געבליבן פארשעמט.

• • •

**הרה"ח רבי אייזיק לעפקאוויטש ע"ה איז געווען א גרויסע סוחר**, און יעדעס מאל ער איז געפארן צום מארק איז ער קודם אריבער צו זיין רבין רבי הערשעלע ליסקער זי"ע צו באקומען א ברכה, איינמאל ווען ער איז אריינגעקומען זיך געזעגענען צו גיין צום מארק, זאגט אים דער צדיק, "**ווען די וועסט זיין אויפן וועג און די וועסט זעהן צוויי זשאנדארן, זאלסטו זיי אויפנעמען אויפן וואגן**", עס איז געווען א פלא פארן חסיד רבי אייזיק, אבער ער האט אריין גענומען אין קאפ די ווערטער פון זיין רבין און אהיים געגאנגען.

א טאג בעפאר די מארק טאג, איז דער רבי אייזיק געפארן צום שטאט בערעגסאז, כדי ארויס צו נעמען געלט פון די באנק פארן מארק טאג, און אויפן וועג אהיים האט ער געטראפן צוויי זשאנדארן וועלכע גייען אויפן גאס, דערמאנענדיג זיך די ווערטער פון זיין רבין, האט ער האט ער זיי פאר געשלאגן, אז זיי זאלן ארויף קומען אויף זיין וואגן, און ער האט זיי געטראגן צו זיך אהיים, און אוועק געגעבן זיין מאגאזין אז זיי זאלן קענען דארט איבער נעכטיגן.

אינמיטן די נאכט הערט ר' אייזיק איינעם שטארק קלאפן אויף זיין טיר, און יענער האט געהייסן אז ער זאל יעצט אויפמאכן די טיר, ווייל אויב נישט וועט ער אים הרג'ענען, בלית ברירה האט ער אויף געמאכט דעם טיר, און ער זעהט א באנדיט מיט א מאסק שטייט דארט, און דער באנדיט פאדערט פון אים, אז ער זאל ברענגען זיין גאנצע געלט, און ווען ר' אייזיק האט פראבירט צו זאגן אז ער האט נישט מיט זיך קיין געלט, האט דער באנדיט אים אנגעווארענט מיטן לעבן, אז ער זאל שוין אהער געבן דאס גאנצע געלט.

דאן האט זיך ר' אייזיק דערמאנט פון די צוויי זשאנדארן וואס שלאפן ביי אים אין מאגאזין, איז ער אריין דארט כאילו ער גייט ארויס ברענגען דאס געלט, און דאן האט ער פאר די זשאנדארן דערציילט וואס דא קומט פאר, האבן די זשאנדארן געהייסן, אז ער זאל פאר דעם באנדיט געבן דאס גאנצע געלט, און זיי די זשאנדארן וועלן דעם גנב אפווארטן אינדרויסן, און וועלן צוריק ברענגען דאס געלט.

ר' אייזיק האט טאקע דאס געטון, און אזוי ווי דער באנדיט איז ארויס געקומען, האבן די זשאנדארן אים גלייך געבינדן די הענט און אים אפ געפירט צו די פאליציי.

און דאן האט ר' אייזיק געזען אז דער באנדיט איז געווען דער איינגעשטעלטער ביי די באנק, וואס האט געוויסט אז ר' אייזיק האט ארויס גענומען א גרויסע סכום געלט, און דערפאר איז ער געקומען פארשטעלט כדי צו גנב'נען די געלט.

דאן האט ר' אייזיק שוין פארשטאנען פארוואס די רבי האט אים געהייסן ארויף נעמען די זשאנדארן אויפן וואגן, אבער ווען ר' אייזיק האט געזוכט די צוויי זשאנדארן, כדי זיך צו באדאנקען.

האט ער צו זיין גרויס וואונדער געזען אז זיי זענען פארשוואונדען געווארן, דאן האט ער שוין פארשטאנען, אז די צוויי זשאנדארן זענען געווען שלוחים מן השמים אים צו ראטעווען, בזכות פון דעם גרויסן צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע.

• • •

**הגה"ק רבי יהודה גרינוואלד אב"ד סאטמאר זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער געפארן צו זיין רבין דער הייליגער ישמח משה זי"ע, און איינער האט אים געבעטן אז ער וויל אים באגלייטן אויף די נסיעה, האט רבי הערשעלע געזאגט פאר דעם איד, אז ער נעמט אים מיט, **נאר בתנאי אז דורכאויס די וועג וועט ער גארנישט בעטן פון קיינעם**, און יענער האט מסכים געווען.

אויפן וועג האט פאסירט, אז קיינער האט זיי נישט גערופן צו עסן, און דער הייליגער ליסקער רב איז געווארן זייער אפ געשוואכט, אבער אנקומענדיג אין א גרויסע שטאט זענען זיי פארביי געגאנגען א הויז, און דער מענטש וואס האט דארט געוואוינט האט ארויסגערופן הויעך, **אז די מענטשן פון אונגארן זאלן אריין קומען צו אים**, און דער מענטש האט זיי מכבד געווען מיט עסן און טרינקען און זיי שטארק מחי' געווען.

דאן האט דער מענטש דערציילט, אז ער איז א אייניקל פונעם הייליגען ש"ך זי"ע, **און די נאכט איז דער זיידע דער ש"ך אים געקומען אין חלום און געזאגט, אז איינער פון אונגארן פארט דא יעצט דורך, און ער לערנט גאר אסאך אין זיין ספר ש"ך לשם שמים, און געהייסן אז ער זאל אים גלייך אריינרופן און מכבד זיין מיט עסן.**

• • •

**הרה"ק רבי צבי הירש בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע** האט געהאט א מנהג קדוש, **צו עסן פיש אין א איבער געדרייטע טעלער**, און ער האט דעם מנהג מסביר געווען, אז דאס איז ביסודו **כדי צו מהפך צו זיין דעם דין צו רחמים, און ברענגן השפעות און פרנסה ברווח וכל טוב פאר אידישע קינדער.**

אויב איז דעם אך פרי תבואה'ס עבודה א גאנצע וואך געווען צו ברענגען השפעות פאר אידן, בפרט שברי לב, עניים, יתומים ויתומות, האט דער צדיק נאך פיל מער כוחות אריינגעלייגט צו עפענען די צינורות פון חסד ושפע ווען עס איז געקומען שבת קודש, עס איז דאך באקאנט וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש, "**כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא דשביעאה תליין**", אז אלע השפעות פון די גאנצע וואך קומט נאר דורכ'ן שבת קודש, און דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע דערמאנט עס אן א שיעור מאל אין זיינע הייליגע ספרים, אך פרי תבואה על התורה, הישר והטוב על המועדים, **אז ווער נאך ווי א צדיק וואס איז אליין בחינת שבת, האט דען דער כח פון משפיע זיין לצורכי ישראל פרנסה בשפע.**

א גאר גרויסע עבודה משפיע צו זיין שפע הפרנסה אין דעם הייליגן שבת איז געווען ביים עסן די פיש, דער צדיק האט ביי דעם אויפגעטאן אן אייגנארטיגע גאנג אין המתקת הדינים, צו קענען איבער דרייען **פון א ארימאן צו ווערן געהאלפן מיט פרנסה בהרחבה.**

פרייטאג נאכמיטאג האט מען מדי שבוע בשבוע אריין געברענגט בהיכל קודש פנימה, בחדרו הקדוש, די פיש וואס מען האט געהאט געקאכט לכבוד שבת, אפילו די פיש וואס חסידים האבן מיט געברענגט אלס מתנה פארן רבי'ן, וואס איז געווען פון די גרויסע מנהגים אין די חסיד'ישע הויפן, האט מען אויך אריין געברענגט צו אים, ווייל דאס איז געווען רצון קדשו, ער האט געוואלט זען די פיש וואס וועט זיין ביי אים, ביי די סעודת שבת.

דער הייליגער אך פרי תבואה האט זיך אמאל ארויס געכאפט א ווארט איבער זיין הייליגע מנהג און באהאלטענעם דרך בנוגע צו די פיש, זאגענדיג, "**איך דערקען פון די פיש די געסט וואס ווערלן אנקומען צו מיר אויף שבת קודש**", מי יבוא בסוד קדושים, מ'האט געזען ספעציעל פארבארגענע ענינים אין זיין צוגאנג מיט די פיש, וואס ווערט געגעסן ווערן בחצר קדשו, און וואס ווערט פארטיילט ווערן אצל שולחנו הטהור.

• • •

**אמאל ווען עס איז געקומען א אדם גדול אויף ליסקא** להסתופף בצל הקדוש פונעם הייליגען אך פרי תבואה זי"ע, ווען ער האט געשמועסט מיט דעם רב, האט אים דער הייליגער אך פרי תבואה געזאגט, "**איר זאלט וויסן אז ווען א איד עסט ביי מיר א בילקעלע, טוה איך אים א טובה אויף כל ימי חייו**", א איד וואס איז דערביי געווען און דאס צגעהערט, און ווייזט אויס ער איז געווען געגוג א מקורב און האט זיך געטרויעט, האט גענומען דער דרייסט און געפרעגט, "**פארוואס זאגט דער רב אזוי**", האט אים דער הייליגער ליסקער רב זי"ע געענטפערט בזה"ל, "**ווייל עס איז טאקע ריכטיג אזוי**".

• • •

**שבת קודש אצל שולחנו הטהור**, ווען מען האט אריין געברענגט די פיש, האט ער דאס צושניטן אויף שטיקלעך, איינמאל האט זיין איידעם הגה"ק רבי יוזפא גאלדבערגער זי"ע אויף געכאפט, **אז זיין שווער האט צושניטן די פיש אויף זעקס און צוואנציג שטיקלעך, קעגן די שם הרחמים והחסדים**, ער האט דאס אויך געמערקט פאר'ן שווער וואס ער האט אויפגעפאסט, דעם אך פרי תבואה וואס האט זיין גאנץ לעבן באהאלטן זיינע כוחות האט געזאגט, **אז דאס איז אים זייער געפאלן, אז עס איז טאקע ריכטיג אזוי.**

ווען מען האט געברענגט די פיש פאר די אורחים וואס האבן געגעסן ביים אך פרי תבואה'ס טיש, האט מען אויסגערופן על פי פקודת הקודש, **אז מען זאל איבער דרייען דעם טעלער, און עסן די פיש אויף די אנדערע זייט טעלער**, דאס ענין פון

איבערדרייען דעם טעלער איז געווען א ענין וואס דאס איז נאר געווען ביי זיין טיש, און נישט קיין מנהג וואס אנדערע זאלן אזוי ווייטער נאכטאן, ווי די חסידים האבן געהערט און מקבל געווען, איז ביים עסן די פיש געווען א גאר געהויבענע צייט צו משפיע זיין פרנסה פאר אידן, און דער מיטל דערצו איז געווען דוקא צו עסן אצל שולחנו הטהור די פיש אויף די אנדערע זייט טעלער.

געוועגליך, ווען מען האט אויסגערופן אז מען זאל איבערדרייען די טעלערס, האט יעדער אויס געפאלגט דעם באפעל און איבער געדרייט דעם טעלער.

פאסירט האט אבער אמאל, אז איינער פון די מסובים האט נישט געוואלט איבער דרייען דעם טעלער, כאטש וואס דער גבאי האט אויסגערופן און אים געבעטן עטליכע מאל, האט ער זיך גע'עקשנ'ט און נישט אויסגעפאלגט.

דער ליסקא רב איז דאן געזעצן ביים טיש אין גרויס דביקות, און פלוצלונג האט ער זיך אויסגעדרייט צו דעם גאסט און געזאגט, **"דו דארפסט דאך אז עס זאל זיך ביי דיך איבערדרייען דאס מזל, זאלסטו טאקע איבערדרייען דעם שיסל"**, לפלא פון דעמאלס אן האט זיך ביי יענעם איבערגעדרייט דאס מזל צו גוטן, און ער האט געהאט פרנסה בריוות.

• • •

**הגה"ק רבי יהושע העשיל הכהן פריעד מקאפיש זי"ע**, וואס איז געווען בדורו פון די גרעסטע רבנים אין אונגארן, האט דערציילט, אז ווען ער איז געווען אויף א שבת אין ליסקא, האט אים דער הייליגער אך פרי תבואה מליסקא זי"ע געזאגט א טעם פון איבערדרייען דעם טעלער און עסן די פיש אויף די אנדערע זייט פון די טעלער, ווי פאלגענד.

**"עס איז באוואוסט אז ווען די אותיות זענען לויט'ן סדר פון די א' ב', זיי זענען כסדרן, דעמאלטס איז עס פונעם אור הישר און זענען מרמז אויף רחמים און חסדים, און אויב די אותיות זענען נישט לויט'ן סדר, דעמאלס איז עס פונעם אור החוזר, און עס איז מרמז אויף דין חלילה", "ביי ד"ג איז דער אות ד' פאר די אות ג', קומט אויס אז די ווארט דג איז פון אור החוזר און עס ווייזט חלילה אויף דין, דעריבער עסט מען די פיש אויף א פארקערטע טעלער, כדי מהפך צו זיין פון מדת הדין צו מדת הרחמים".**

• • •

**ביים צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע** איז געווען א מורא'דיגע עבודה צו משפיע זיין פאר אידן פרנסה ברוח, ס'איז צו באמערקן אז דורך אים איז שטארק נתפשט געווארן דאס ענין פון עסן **פצע"י** ביי די שבת'דיגע סעודה, וואס איז שפעטער געווארן א גאר געהויבענער ענין ביי אסאך רבי'ס.

דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע האט געזאגט, **אז דאס עסן פצע"י ביי די שבת'דיגע סעודה, איז מסוגל ממשיך צו זיין פרנסה, ווייל דאס ווארט פצע"י איז נוטריקון "פ'מך י'שראל צ'ריכין פ'רנסה"**.

• • •

**די מאמע פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז געווען**, די צדקת שרה ע"ה, וואס מען האט גערופן מיטן נאמען "**שרה די בעקערין**", און אידן דערציילן פון גרויסע ישועות וואס זיי האבן גע'פועל'ט ביי די קבר פון די צדקת מרת שרה ע"ה, ווערט דערציילט פון צדיקים, ווי אזוי די צדקת האט זוכה געווען **צו אזא הייליגע קינד ווי רבי הערשעלע ליסקער** זי"ע.

ווען די מאמע איז געווען א מיידל איז זי געווען א יתומה און זי האט געוואוינט אינעם זעלבן שטאט ווי דער צדיק וקדוש רבי סענדרל מקאמארנא זי"ע, און די מאמע האט געדינט אלס א משרת ביי א איד אין שטוב, אינעם שטאט האבן געוואוינט אסאך גרויסע מתנגדים, וואס האבן ליידער גאר שטארק מצער געווען דעם צדיק מקאמארנא, מען האט כסדר אנגעדרייט שטיקלעך צו מבזה זיין דעם צדיק און געברענגט גאר אסאך צער און עגמת נפש פארן צדיק.

איינמאל האט איינער פון שטאט ליידער געוואלט איינמאל פאר אלעמאל מסדר זיין דעם צדיק, האט ער געזיכט פאר א פרוי פון שטאט, וואס זאל קומען עדות זאגן ביים בית דין, אז דער צדיק האט ח"ו עובר געווען אויף א הארבע עבירה, דער איד איז געקומען צו די צדקת שרה, און אן געטראגען א גרויסע סכום געלט אלס שוחד, אז זי זאל עדות זאגן קעגן דעם צדיק, און די צדקת האט מסכים געווען.

אבער ווען מען האט דעם צדיק געברענגט צום בית דין, האט די צדקת, אנשטאט עדות זאגן קעגן רב, האט זי ארויס גענומען דאס געלט, און געזאגט פאר די בית דין, **דא האט איר דאס געלט וואס מען האט מיר געגעבן אז איך זאל עדות זאגן קעגן דעם רב, און וויבאלד איך האב מורא געהאט אז אפשר וועט א אנדערע מיידל זיך נישט קענען איינהאלטן און עדות זאגן פאלש קעגן דעם רב, האב איך געזאגט אז איך בין מסכים, אבער דער רב איז א ערליכער און הייליגער איד.**

מען האט טאקע רייגעוואשן דעם רב דער צדיק רבי סענדרל מקאמארנא זי"ע, און דער צדיק האט דאן געגעבן א ברכה פארן די צדקת שרה די בעקערין, **אז זי זאל זוכה זיין צו אראפ ברענגען א הייליגע נשמה אויף די וועלט, וואס וועט באלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער און פויעלען גרויסע ישועות פאר אידן, און דער קינד איז געווען דער גרויסער און הייליגער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע.**

• • •

**הרה"ח ר' אהרן טייטלבוים ז"ל פון איהעלי האט דערציילט**, אז ביי די קבורה פון הרה"ק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע, **האט דער עולם אריינגעווארפן אינעם אפענעם קבר קוויטלעך מיט בקשות**, דעם אנדערן טאג איז דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע געקומען אין חלום צו איינעם פון זיינע חסידים, און האט אים געזאגט, "**איך האב געזען דיין קוויטל, אבער נעכטן בין איך געווען פארנומען מיט מיר, דעריבער זאלסטו נאכאמאל קומען אויף מיין קבר, און זאלסט מזכיר זיין דיין בקשה**".

• • •

**מעשה נפלא ווערט דערציילט**, אז איין טאג ביים דאווענען שחרית ביים צדיק הגה"ק רבי יואל צבי ראטה בעל בית היוצר מחוסט זי"ע, האט דער חוסטער רב געוואונקען פארן בעל תפילה נישט צו זאגן קיין תחנון.

נאכן דאווענען ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער האט נישט געזאגט קיין תחנון, האט דער רב געזאגט, **אז דער ליסקער רב רבי הערשעלע זי"ע איז געקומען אין חלום די נאכט, און געבעטן מען זאל נישט זאגן קיין תחנון היינט**, אבער דער רב האט נישט געוויסט די סיבה פארוואס.

אבער שפעטער ווען דער בעל תפילה האט זיך דורך געטראכט וועלכע טאג אין חודש ס'איז, האט ער געכאפט **אז עס איז י"ד אב די יארצייט פונעם צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע**, דאן האט דער חוסטער רב גאר שטארק באוואונדערט די זאך, אז דער צדיק איז געקומען מעולם העליון און מקפיד געווען אז מען זאל אין דעם טאג פון זיין יארצייט נישט זאגן קיין תחנון.

• • •

**אמאל איז הרה"ק רבי אליעזר מקאמארנא זי"ע געווען אין שטאט ליסקא**, און ער האט פלוצלינג דערשפירט אז ער איז זייער בעצבות, האט ער דאס תולה געווען אז דאס האט פאסירט, **ווייל די גאנצע צייט וואס ער האט זיך אויף געהאלטן אין שטאט ליסקא, איז ער נאכנישט געווען ביים ציון פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע**.

• • •

**ווי באקאנט איז דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע** געווען שטארק מקושר צום הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און דער צדיק רבי הערשעלע פלעגט כסדר פארן אויף שבתים און ימים טובים קיין צאנז זיך מסתופף זיין בצלו פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, איין יאר ווען דער צדיק איז געפארן אויפן יו"ט שבועות קיין צאנז, האט ער ביי זיך אזוי געטראכט.

חז"ל זאגן דאך אז דער יו"ט שבועות איז אויך דעם יו"ט וואס מען איז דן די פירות פון דיביימער ווי אזוי עס זאל וואקסן, דערפאר איז דער צדיק רבי הערשעלע אריבער אין געשעפט, **און זיך איינגעקויפט א נייעם מעסער, אזוי ווי מען פירט זיך ביי אידן לכבוד ראש השנה אלס סגולה פאר פרנסה**, ווי מען זאגט ראש השנה ביים פזמון וכל מאמינים, "**הַחוֹתֵךְ חַיִּים לְכָל חַי**".

לפלא ווען דער צדיק רבי הערשעלע איז אנגעקומען קיין צאנז און איז אריין נעמען שלום פינעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, האט אים דער הייליגער דברי חיים זי"ע גלייך געזאגט בזה"ל, "**ביי דיר איז דאך יעצט ראש השנה, וועל איך דיר טאקע וואונטשן, יהי רצון שתזכה לשנה טובה ומבורכת**", פאר עולם ארום איז דאס געווען א גרויסע וואונדער אז די רבי וואונטשט א גוט געבענטשט יאר יעצט ערב שבועות, אבער דער תלמיד דער צדיק רבי הערשעלע האט גלייך געזען, אז זיין רבי

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט הייליגע אויגן און האט מיט זיין רוח הקדוש מרגיש געווען זיינע מחשבות.

• • •

**הרה"ק רבי אברהם יהושע פריינד מנאסויד זי"ע האט דערציילט**, אז זייענדיג א קינד איז אמאל געקומען דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע קיין סיגוט אויף א שבת, פארשטייט זיך אז די גאנצע שטאט וואס זענען געווען דורך געווייקטע חסידישע אידן זענען געקומען מיט האלטן דעם שולחן הטהור פינעם צדיק מליסקא, אויך ער דער נאסוידער רב איז געקומען מיט זיין טאטן הרה"ח **רבי משה ארי' פריינד מסיגוט** זי"ע, וואס איז געווען באוויסט אלס א איש חסיד און א גאר געהויבענע איד.

ביים טיש איז געווען דער מנהג ביים הייליגען צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, אז דער עולם האט געברענגט א פלעשל וויין און מען האט דאס געשטעלט צום טיש, און דער גבאי ווען ער האט ארויף געשטעלט דעם פלעשל האט ער אויס געריפן דעם נאמען ווער עס האט דאס געברענגט, די טאטע רבי משה ארי' האט אויך געברענגט א פלעשל וויין אבער א גאר פשוטע סארט, אבער לפלא אזוי ווי דער גבאי האט אויס געריפן דעם טאטן'ס נאמען, **האט דער צדיק רבי הערשעלע גלייך געכאפט דעם פלעשל און מיט די וויין געמאכט קידוש**.

עס איז געווען א גרויסע וואונדער וויבאלד דאס איז נישט געווען קיין ספעציעלע וויין, און עס איז דארט געווען גרויסע גבירים וואס האבן געברענגט לכבודו פונעם צדיק אלטע געשמאקע וויין, אויך שפעטער ווען דער צדיק האט געוואלט טרינקען א לחיים האט ער אויס געקליבן דווקא פונעם טאטן'ס פלעשל צו טרינקען לחיים.

איז דארט געווען איינע פון די חסידים וואס האט געברענגט א גאר טייערע און אלטע פלעשל וויין, האט ער געפרעגט דעם צדיק רבי הערשעלע זי"ע, "פארוואס וויל די רבי נישט נעמען דעם גוטן אלטע וויין וואס איך האב געברענגט", האט דער צדיק רבי הערשעלע געזאגט בזה"ל, "**כל אחד מושך לשורשו, ואם הוא מושך ליין זה, מסתמא הוא מכרם ישראל**", יעדער איד ציט צו זיין שורש, און אויב מיך ציט צו דעם וויין, מסתמא איז דער וויין פין א אידישע פעלד.

די טאטע הרה"ח רבי משה ארי' זי"ע האט נאך שבת געוואלט זעהן די הייליגע אויגן פינעם צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, איז ער אריבער צום ווין סוחר און געפרעגט, איך האב דיר געזאגט ביים קויפן די וויין אז איך ברויך עס פארן שולחן הטהור פינעם צדיק רבי הערשעלע ליסקער, איז פארוואס האט איר מיר נישט געגעבן א גוטע טייערע אלטע וויין.

האט דער וויין סוחר געזאגט, אזוי ווי איך האב געהערט אז דאס איז פארן צדיק רבי הערשעלע, **האב איך דווקא געוואלט געבן נאר וויין וואס איז געמאכט געווארן פין טרויבן וואס איז געוואקסן אין א אידישע פעלד, אפילו די וויין איז נישט אזוי גוט**, דאן האט די טאטע געזעהן די הייליגע אויגן פינעם צדיק, אז אפילו נאר ביים קוקן אויפן פלעשל האט ער מרגיש געווען פין וואסער טרויבן די וויין איז געמאכט געווארן.

• • •

**דער גאון הרה"ק רבי דוד שיק בעל אמרי דוד אב"ד טאקאי זי"ע** האט זיך נישט פארעכנט גאנץ אנפאנג אלס א חסיד, איין וואך שבת איז דער גאון געווען אויף שבת קודש אין א שטאט צוזאמען מיטן צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, און ביים טיש גאנץ שבת האט דער הייליגער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע כמנהגו אליין געטיילט שירים פאר די חסידים, **אבער לפלא האט ער פארן גאון רבי דוד שיק זי"ע נישט געגעבן שירים**, סוף שבת האט דער גאון דער אמרי דוד זי"ע געפרעגט פונעם צדיק מליסקא, **די ענין פון נעמען שירים פון א צדיק**.

האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע דאס מסביר געווען, חז"ל זאגן (הוריות י"ג ע"ב) **תנו רבנן, חמשה דברים משכחים את הלימוד, האוכל ממה שאוכל עכבר וממה שאוכל חתול**, אז אויב א מענטש עסט עפעס פון וואס א מייז אדער א קאץ האט געגעסן, דאן קען דאס גורם זיין אז א מענטש וועט פארגעסן זיין לערנען, איז לכאורה שווער, **וואס האבן די צוויי זאכן איינע מיטן אנדערן, פארוואס ווען א מענטש עסט פון די שירים פון א מייז וועט ער פארגעסן דאס לערנען**.

נאר האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע מסביר געווען, אז וויבאלד די טבע פון א מייז און א קאץ איז, **אז זיי פארגעסן**, ווייל מיט די טבע האט זיי דער גרויסער באשעפער באשאפן, דערפאר, ווען איינער עסט פון זייער שירים, גייט אריין זייער טבע אין יענעם מענטש.

קל וחומר להבדיל אלף אלפי הבדלות איז מיט א צדיק, אז וואס דער צדיק עסט, וואס א צדיק האט א הארץ און א מויל וואס איז טהור וקדוש, **דאן ווען ער עסט פון א עסן גייט אריין די קדושה אינעם עסן, און דאס קלעבט זיך אויך אן אינעם מענטש וואס עסט פון די שירים.**

אזוי ווי דער גאון רבי דוד שיק זי"ע האט דאס געהערט, **האט ער געכאפט א טעלער פונעם טיש ווי עס איז געלעגן שירים פונעם צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, און ער האט אינעם טעלער נישט איבער געלאזט קיין זכר**, וויבאלד ער האט שוין דאן פארשטאנען די סיבה פון עסן שירים פון א צדיק, און דאן איז דער גאון מער נתקרב געווארן צום דרך החסידות.

• • •

**הרה"ח רבי ישעי' מנחם קליין זי"ע האט דערציילט די מעשה** וואס ער האט געהערט פון א זקן וואס האט נאך געדענקט די מעשה, איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע געפארן אויף א נסיעה צום הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און ער האט מיט גענומען זיין געטרייע משמש הרה"ק רבי ישעי'לע מקרעסטיר זי"ע, וואס ווי באקאנט האט דער צדיק רבי ישעי'לע זיך אונטער געשריבן בזה"ל, **"הק' ישעי' בן מו"ה משה שהיה משמש בקודש אצל הרב הצדיק מליסקא זי"ע"**.

אויפן וועג זענען זיי דורך געפארן דעם שטאט בארדיוב, און דער דיין פון שטאט ווען ער האט געהערט אז דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער גייט דורך פארן דעם שטאט, איז ער ארויס מקבל פנים זיין דעם צדיק צוזאמען מיט א יונגערמאן וואס האט געברויכט א ישועה, ווייל זיין פרוי האט געווארט א קינד און זי איז געווען א מקשה לילד, און ווען די וואגן פינעם צדיק מליסקא איז אנגעקומען, האט דער דיין מזכיר געווען די פרוי און געבעטן דעם צדיק רבי הערשעלע, אז ער זאל אריין קומען אין שטוב פין די פרוי און געבן א ברכה.

האט דער צדיק רבי הערשעלע געזאגט פארן דיין, אז ער וויל נישט אריין גיין אין שטאט, ווייל ער וויל זייער אנקומען קיין צאנז צו מנחה און אויב ער וועט אריין קומען וועט זיך די גאנצע שטאט צוזאמען לויפן און מען וועט אים אויפהאלטן זייער לאנג.

דערפאר האט ער זיך געוואנדען צו זיין משמש רבי ישעי'לע מקרעסטיר און געזאגט, **די האסט דאך אנגעטון מיין חאלאט און דארט ליגט א שטיקל צוקער, גיי די אריין צו די פרוי און געב אהין א שטיקל פון די צוקער, און אי"ה וועט זיין א ישועה בקרוב**, דער משמש רבי ישעי'לע איז טאקע אריין און געטון אזוי ווי זיין רבי האט אים געהייסן.

און פארשטייט זיך אז ברכת צדיק עושה רושם און גלייך איז געקומען די בשורה, אז די קינד איז געבוירן געווארן בשעה טובה ומוצלחת, און דער צדיק רבי הערשעלע איז ווייטער געפארן קיין צאנז.

אביסל שפעטער איז דער דיין פין בארדיוב געפארן קיין צאנז, ווען דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געזעהן דעם דיין האט ער אים געפרעגט, פארוואס זענט איר היינט סתם אינמיטן יאר געקומען קיין צאנז, האט דער דיין דערציילט פארן הייליגן צאנזער רב, אז ער איז זיך געקומען אפצורעדן אויף ר' הערשעלע, און ער האט דערציילט פארן צאנזער רב די מעשה, **אז רבי הערשעלע איז געקומען אין שטאט און באוויזן א בעל שמ'סקע מעשה, אז ער האט געגעבן א צוקער און אפילו נישט מתפלל געווען און די פרוי האט געהאט א ישועה**, און דער דיין האט אזוי ווי מרמז געווען אז אפשר איז דאס געווען ח"ו נישט פין צד הקדושה.

האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט פאר דעם דיין בזה"ל, **"מ'זאגט אויף אייך אז איר זענט א חכם, און איר רעדט נארישקייטן, אויף א איד וואס האט זיך אויסגעארבעט אזוי ווי אדם הראשון קודם החטא חידוש'ט איר אייך, אויף אים שטייט ותגזר אומר ויקם לך"**.

• • •

**דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע** איז געווען פין די גרויסע געהויבענע תלמידים פין דעם צדיק דער הייליגען ישמח משה מאוהעל זי״ע, און גאר אסאך פין זיינע מנהגים האט זיך דער צדיק רבי הערשעלע געפירט אזוי ווי זיין רבי דער הייליגער ישמח משה זי״ע.

האט דערציילט דער אייניקל פינעם הייליגעו ישמח משה זי״ע הרה״ק רבינו יואל מסאטמאר זי״ע, אז די זיידע דער הייליגער ישמח משה זי״ע האט זיך גאנץ אנפאנג געפירט, **אז גאנץ פסח האט ער נישט געגעסן סתם מצה, נאר די כזיתים די צוויי ערשטע נעכט פון פסח האט ער געסען מצה**, און אזוי האט זיך דער תלמיד רבי הערשעלע ליסקער זי״ע אויך געפירט.

סוף ימיו פינעם הייליגען זיידן דער ישמח משה זי״ע האט ער געטוישט זיין מנהג און יא געגעסן מצה אפילו נישט פין די כזיתים ביים סדר, ווען מען האט געזאגט נאכן הסתלקות פינעם ישמח משה זי״ע פארן צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי״ע, אז דער הייליגער ישמח משה האט סוף ימיו געטוישט זיין מנהג און יא געגעסן מצה אויסער די כזיתים.

האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע וואס איז געווען גאר שטארק מקושר צו זיין רבין געזאגט, **דאס אז דער הייליגער ישמח משה האט נישט געגעסן קיין מצה סתם אויסער די כזיתים האב איך אליין געזעהן, אבער דאס אז ער האט יא געגעסן סתם מצה דאס זאגן מענטשן**, איך וועל אבער מער מחשיב זיין וואס איז האב אליין געזעהן, ווי וואס מענטשן זאגן, און דער צדיק מליסקא האט נישט געוואלט טוישן זיין מנהג.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז איינמאל האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע געגעבן א קוויטל מיט א פדיון פארן גאון הגה״ק רבי מאיר א״ש בעל מהר״ם א״ש מאונגוואר זי״ע, און דער הייליגער מהר״ם א״ש האט נאר געוואלט נעמען די קוויטל, אבער דעם פדיון האט ער צוריק געגעבן פארן צדיק רבי הערשעלע, **האלטענדיג אז עס פאסט נישט צו נעמען א פדיון פין איינע פון די צדיקי הדור.**

האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע געזאגט בשם **דעם הייליגען רבי אלימלך מליזענסק** זי״ע, אז דאס וואס משה רבינו ע״ה האט געזאגט אין פרשת קרח (במדבר ט״ז ט״ו) **אַל תֵּפֶן אֶל מִנְחָתָם לֹא חֲמוֹר אֶחָד מֵהֶם נָשָׂאתִי וְלֹא הֲרֵעֹתִי אֶת אַחַד מֵהֶם**, האט דער הייליגער רבי אלימלך זי״ע געזאגט, **אז אויב וואלט משה רבינו ע״ה גענומען סיי וואסערע מתנה פון די בני קרח, וואלט ער געווען בכוח זיי צו טון א טובה, אבער וויבאלד ער האט קיינמאל נישט באקומען קיין מתנה פין די בני קרח, האט ער נישט געקענט א טובה טון פאר זיי.**

ווייל דורך דעם וואס א צדיק נעמט א פדיון פין א איד, ווערט ער מקושר נפש בנפש מיט יענעם איד, און דורך דעם קען מען פועל׳ן א ישעה און א טובה טון פאר יענעם איד, ווייל אויב נישט, מיט וואסערע כוח זאל דער צדיק קענען משפיע זיין א ישועה פאר יענעם איד אויב ער האט נישט קיין קשר מיטן איד, ווען דער הייליגער מהר״ם א״ש האט געהערט די ווערטער, **האט ער מסכים געווען צו נעמען דעם פדיון פינעם צדיק רבי הערשעלע זי״ע**.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז דער הייליגער צדיק רבי הירצקא׳לע ראצפערטער זי״ע געווען אין ליסקא ביים צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע, און ווי עס איז באקאנט האט דער הייליגער צדיק רבי הירצקא׳לע געדאווענט מיט א מורא׳דיגע רעש און אן אש קודש, און ווי באוויסט האט דער הייליגער ליסקער צדיק נישט געקענט אויסהאלטן ווען איינער דאווענט מיט קולות אבער מיינט דאס נישט אמת׳דיג.

יענעם שבת קודש האט מען צו געשיקט צום עמוד פסוקי דזמרה דעם צדיק מראצפערט, אנפאנג האט ער זיך נאך איין געהאלטן לכבודו פונעם הייליגען צדיק מליסקא, אבער נאך אפאר מינוט האט ער אנגעהויבן דאווענען מיט מורא׳דיגע קולות און געקלאפט מיט די פיס, דער עולם האט זיכער געמיינט אז דער הייליגער רבי הירשעלע ליסקער זי״ע וועט אים אפשטעלן פון דאווענען מיט א רעש, אבער נאכן דאווענען האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע זיך אנגערופן, ״**ווען עס ברענט א פייער שרייט מען, און דער הייליגער צדיק רבי הירצקא׳לע שרייט נאר**

**ווייל עס ברענט באמת אין אים דאס קדושת שבת קודש**".

• • •

**אין ספר הישר והטוב ווערט געברענגט**, אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגען אך פרי תבואה מליסקא זי"ע מיט א קוויטל, און דער איד האט זיך מזכיר געווען מיט א גרויסע צרה, **אז זיין רעכטער האנט איז ליידער געווארן פאראליזירט, און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן די האפענונג איר צו היילן.**

דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע האט גענומען דעם קוויטל, און ער האט מיט זיינע הייליגע אויגן אריינגעקוקט אינעם קוויטל, און דער צדיק איז אריין אין א דביקות, און דאן האט דער צדיק געזאגט פארן חסיד מיט וואונדער בזה"ל, "**וואס רעדסטו דא? איך זעה דאך אז דיין האנט איז געזונט און שטארק**", לפלא האט דער חסיד פלוצים געשפירט ווי א ווארעמקייט גייט אדורך זיין קערפער, און נאך פאר ער האט געקענט ענטפערן, האט ער באמערקט **אז ער קען שוין פולקאם באוועגן זיין האנט כאחד אדם.**

• • •

**אין ספר הישר והטוב ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א יאר וואס א שווערע כאלערע מגיפה האט געבושעוועט אין די שטעט ארום דעם שטאט ליסקא, און פילע מענטשן זענען ליידער געפאלן קרבנות, די אידן פון שטאט ליסקא זענען אריינגעלאפן צום רבי'ן רבי הערשעלע מליסקא זי"ע מיט גרויס שרעק, און מזכיר געווען ביים צדיק די גרויסע צרה, דער רבי ר' הערשעלע האט זיי אלע בארואיגט און צוגעזאגט, "**כל זמן איך געפין זיך דא אין שטאט, וועט די מגיפה נישט האבן קיין שום שליטה אויף קיין איין איד אין ליסקא**", איבעריג צו זאגן, אז אזוי האט טאקע פאסירט, די מגיפה האט רח"ל געקלאפט אויף די טירן פון אלע ארומיגע שטעט און דערפער, אבער אין ליסקא גופא איז קיין איין איד נישט געשעדיגט געווארן.

• • •

**אין ספר פאר הדור ווערט געברענגט**, אז א חסיד איז געקומען צום רבי'ן ר' הערשעלע מליסקא זי"ע, און האט מזכיר געווען ביים רבין מיט טרערן, אז זיין ווייב איז ל"ע קראנק געווארן, און דער גרויסער דאקטער אין ווין האט געזאגט, אז זי האט קוים עטליכע וואכן צו לעבן, דער הייליגער צדיק רבי הערשעלע זי"ע האט זיך אנגערופן מיט ברען און געזאגט, "**דער דאקטער איז דאך א בשר ודם, ווי אזוי וואגט ער זיך קורץ צו מאכן די יארן פון א אידישע פרוי? דער רבונו של עולם איז דער רופא כל בשר און ער זאגט אנדערש**", און דער רבי האט אים געהייסן פארן אהיים און געזאגט, אז זי וועט האבן א רפואה שלימה, די פרוי האט זיך טאקע ערהוילט און געלעבט נאך פילע יארן געזונט און שטארק.

• • •

**אין קונטרס סיפורי חסידים ווערט געברענגט**, אז אמאל איז דער רבי דער צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע געפארן אויפן וועג קיין אונגוואר ערב שבת קודש, דער וועג האט זיך פארשלעפט און דער בעל עגלה האט זיך שטארק דערשראקן אז מען וועט חלילה בלייבן אינמיטן וועג אדער גאר אנקומען שפעט און ח"ו ברויכן מחלל שבת זיין.

דער צדיק רבי הערשעלע זעענדיג די שרעק פונעם בעל עגלה, האט דער רבי אים געזאגט בזה"ל, "**זארג דיך נישט, פאר ווייטער און קוק נישט אויף די זייטן**", דער בעל עגלה האט שפעטער דערציילט, אז פלוצים האבן די פערד אנגעהויבן לויפן מיט א הימלישע געשווינדקייט, העכערן נאטירליכן כוח, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין אונגוואר פילע שעה'ן פארן זמן, ווען זיי זענען אנגעקומען, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די זון האט זיך "אפגעשטעלט" און נישט אונטערגעגאנגען ביז דער צדיק איז אנגעקומען צו זיין ארט.

• • •

**אין ספר שמן הטוב ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע הערצה צום צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע, אמאל איז דער ליסקער רב געקומען צופארן קיין צאנז אויף שבת, און ביי שלש סעודות, ווען דער ליסקער רב האט געזאגט זיינע הייליגע דברי תורה, האט דער הייליגער דברי חיים זיך פלוצים אויפגעשטעלט פון זיין ארט מיט גרויס יראת הכבוד, נאך שבת האבן די מקורבים געפרעגט דעם צאנזער רב פארוואס ער האט זיך אויפגעשטעלט, האט ער זיי געענטפערט מיט וואונדער, "**ווי אזוי קען מען זיצן ווען מען זעט א קלארן עמוד של אש אראפקומען פונעם הימל און**

**ארומנעמען דעם ליסקער רב בשעת ער רעדט תורה**".

• • •

**אין ספר פאר הדור ווערט אראפגעברענגט**, אז א חסיד א סוחר איז אמאל געקומען צום רבי'ן דער צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע, אין מיט א צעבראכענעם שטימונג דערציילט, אז ער האט ל"ע פארלוירן א גרויסן סכום געלט וואס האט געהערט פאר אנדערע סוחרים, און יעצט שטייט ער פאר א טאטאלן צוזאמענבראך און גרויסע בושות, און ער האט געבעטן מיט טרערן דעם צדיק, אז ער זאל אים וואונטשן א ברכה און פועלן א ישועה.

דער הייליגער ליסקער רב רבי הערשעלע זי"ע, האט אים א קוק געטאן אין די אויגן און געזאגט, "**גיי אהיים מיט א רואיגן קאפ, ווען דו וועסט עפענען דיין שאפע אינדערהיים ביי דיר אין שטוב, וועסטו דארט געפינען דאס געלט**", דער חסיד האט נישט פארשטאנען ווי אזוי דאס קען זיין, דען ער האט דאס געלט פארלוירן אויפן וועג, אבער מיט זיין גרויס אמונת צדיקים איז דער חסיד אהיים, און ווען ער איז אנגעקומען אהיים און געעפנט די שאפע, האט ער דארט געפונען דעם גאנצן ענוועלאפ מיט געלט פונקטליך ווי ער האט עס פארלוירן.

• • •

**אין ספר הישר והטוב ווערט געברענגט**, איינמאל איז דער רבי ר' הערשעלע מליסקא זי"ע, ארומגעפארן נאך געלט פאר פדיון שבויים, צו ראטעווען א אידישע פאמיליע וואס דער פריץ האט איינגעשפארט אין תפיסה פארן נישט באצאלן די רענט, אין איינע פון די שטעט איז דער צדיק רבי הערשעלע אריינגעגאנגען צו א באקאנטן עושר צו בעטן א שיינע נתינה, אבער דער עושר האט זיך ארויסגעדרייט מיט תירוצים און געגעבן בלויז א קליינע מטבע.

דער רבי האט אים א קוק געטאן אין די אויגן און געזאגט מיט א ברען, "**דאס געלט וועט דיר גארנישט העלפן, עס וועט גיין פאר דאקטוירים**", לפלא נאך דעם זעלבן טאג איז דער עושר פלוצים קראנק געווארן מיט שווערע שמערצן, און קיין איין דאקטער האט אים נישט געקענט העלפן, הערשט ווען ער האט איינגעזען זיין טעות, האט ער געשיקט א שליח צום רבי'ן מיט א גרויסן סכום געלט פאר די מצוה און געבעטן מחילה, **דער רבי האט גענומען דאס געלט, אנגעוואונטשן א רפואה, און דער עושר איז באלד געזונט געווארן**.

• • •

**אין ספר אורח לצדיק ווערט דערציילט**, אז א איד איז שוין געווען חתונה געהאט קרוב צו צוואנציג יאר און נאך נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, ער איז געקומען צום צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע, און האט מיט טרערן זיך מזכיר געווען ביים צדיק און געבעטן א ברכה פונעם צדיק אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט זש"ק.

דער צדיק רבי הערשעלע האט זיך פארטראכט פאר אפאר מינוט, און דאן האט דער צדיק רבי הערשעלע געזאגט פאר דעם איד בזה"ל, "**אויב דו ביסט גרייט מקבל צו זיין אויף דיר א קבלה טובה, אז א גאנץ יאר וועסטו קומען דאוונען יעדן טאג ותיקין אין בית המדרש, וועסטו געהאלפן ווערן**", דער חסיד האט דאס מקבל געווען אויף זיך מיט א מסירות נפש, און פונקטליך א יאר שפעטער האט ער געהאלטן א בן זכר ביי זיך אין די הענט.

• • •

**אין סיפורי חסידים ווערט דערציילט**, אז איין טאג איז א אידישער קצב באשולדיגט געווארן דורך די רעגירונג אין א פאלשן בלבול, און עס האט אים געדראט פילע יארן שווערע ארבעט אין סיביר, פארן משפט איז דער קצב אריינגעלאפן צום רבי'ן ר' הערשעלע מליסקא זי"ע נעמען א ברכה, און ער האט געבעטן דעם רבין אז ער זאל אים העלפן מיט א ישועה אז די רשעים זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף אים.

דער צדיק האט אים געגעבן א שיינע ברכה, און דאן האט דער צדיק רבי הערשעלע געגעבן פאר דעם קצב **א שטיקל קניידל פונעם שיריים שבת קודש** און אים געזאגט, "**עס דאס אויף, און ווען דער ריכטער וועט דיך פרעגן צי דו ביסט שולדיג, זאג אים, ניין**", ווען דער קצב איז געשטאנען פארן געריכט, האט דער שטרענגער ריכטער אים אנגעהויבן אויסצופרעגן, פלוצים האט דער ריכטער אנגעהויבן שטאמלען, זיין גאנצע שטרענגקייט איז נעלם געווארן, און אן קיין שום הסבר האט ער אויסגערופן: "**דער מענטש איז ריין פון יעדן חטא!**", און דער ריכטער האט אים

באפרייט אויף א גאר וואונדערליכען אופן פון דעם גאנצן קלאגע.

• • •

**אינעם ספר קדושת אך פרי תבואה ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א בחור וואס האט ל"ע פארלוירן זיין ראיה אויף די אויגן נאך א שווערע קראנקהייט, זיין פאטער האט אים געברענגט קיין ליסקא צום רבי'ן ר' הערשעלע מליסקא זי"ע, און האט דעם בחור מזכיר געווען ביים צדיק און געבעטן א ברכה און א ישועה פאר זיין בחור, דער צדיק רבי הערשעלע זי"ע האט גענומען זיין האנטיך מיט וואס ער האט זיך אפגעווישט די אויגן נאכן דאווענען, און ער האט דערמיט אפגעווישט די אויגן פונעם בחור, און דער צדיק רבי הערשעלע האט אויסגערופן אויפן קול, "**שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה**", און דער בחור האט פלוצים אנגעהויבן זעהן קלאר און דייטליך, צום גרויסן שטוינונג פון אלע אנוועזנדע.

• • •

**אין ספר מעשיות הגדולים ווערט געברענגט**, אז אמאל איז דער צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע געפארן מיט עטליכע מקורבים און זיי האבן געמוזט אריבערגיין דעם גרויסן "**דאניי" טייך מיט א קליינע שיפל**, אינמיטן דעם וועג האט זיך אנגעהויבן א שווערער שטורעם, די כוואליעס האבן געשלאגן און די שיפל האט זיך כמעט איבערגעקערט, די מענטשן האבן אנגעהויבן שרייען פאר גרויס שרעק.

אבער דער רבי דער צדיק רבי הערשעלע האט זיך בכלל נישט דערשראקן נאר ער איז געבליבן זיצן גאר רואיג, ער האט ארויסגענומען זיין שטעקן און א קלאפ געטאן דעמיט אויפן וואסער, און געזאגט בזה"ל, "**וואסער, וואסער, בארואיג דיך, דער אייבערשטער פירט די וועלט**", לפלא גלייך נאך די ווערטער איז דער גאנצער טייך געווארן שטיל און גלאט ווי גארנישט האט פאסירט, און זיי זענען אנגעקומען בשלום צום ברעג.

• • •

**אין ספר הישר והטוב ווערט געברענגט**, אז א אידישער האלץ-סוחר, וואס איז נישט געווען קיין חסיד, האט געהאט א שווערן געריכט אין שטאט קאשוי איבער א גרויסן סכום געלט, זענדיג אז די לאגע איז שמאל, האט ער זיך געלאזט איינרעדן פון זיינע חסידישע פריינט און איז געקומען קיין ליסקא צום צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע בעטן א ברכה.

ווען ער איז אריינגעגאנגען אל קודש פנימה אינעם שטוב פונעם צדיק רבי הערשעלע זי"ע, האט דער רבי אים א קוק געטאן אין די אויגן, און אן דעם וואס דער איד זאל עפעס מזכיר זיין אדער דער רבי זאל אים אפילו פרעגן סיי וואס, האט זיך דער צדיק אנגערופן מיט א שמייכל, "**גיי קיין קאשוי, דער הויפט-ריכטער וועט דיך אויפנעמען בסבר פנים יפות און דו וועסט געווינען דעם משפט**".

דער סוחר האט זיך שטארק געוואונדערט פון ווי דער צדיק האט אפילו געוויסט וואס ער ברויך, אבער ער איז ארויס געקומען פונעם צדיק'ס שטוב זייער פרייליך.

די חסידים אויפן גאס האבן אים געפרעגט, "**וואס האט דער רבי געזאגט**", האט ער זיי געענטפערט העכסט מאדנע, "**איך ווייס נישט צי דער רבי איז א בעל מופת, אבער איין זאך זעה איך, ער האט א קנייטש אין שטערן וואס גיט מיר א קאלאסאלע זיכערקייט**".

ווען ער איז אנגעקומען צום געריכט, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער קריסטליכער הויפט-ריכטער איז פונקט יענעם טאג געווען אין אן אויסערגעוויינלעך גוטער שטימונג, און ער האט קוים אריינגעקוקט אין די פאפירן, גלייך רעכט געגעבן פארן איד, און אים באפרייט פון יעדן חוב, דער סוחר האט דעמאלט איינגעזען, **אז דער "קנייטש אין שטערן" פונעם צדיק איז געווען דאס הייליגע פנים וואס האט משפיע געווען די ישועה פון אויבן**.

• • •

**עס ווערט דערציילט**, אז אמאל איז א חסיד געקומען צום רבי'ן ר' הערשעלע מליסקא זי"ע, און מיט א גרויס געוויין זיך מזכיר געווען, אז ער איז געפארן צום גרויסן מארק קויפן סחורה, און אינמיטן דעם געדריי האט מען אים ארויסגע'גנב'עט דעם גאנצן בייטל געלט, וואס איז געווען זיין גאנצע חיות און פרנסה, און ער איז געבליבן בעירום ובחוסר כול, און ער ווייסט נישט ווי אזוי ער וועט קענען ווייטער האבן פרנסה.

דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע האט זיך פארטראכט פאר א מינוט, און דערנאך געזאגט פארן חסיד, "**גיי צוריק צום מארק-פלאץ, גיי צו צו די אכטע קארעטע וואס שטייט ביי די זייט פונעם וועג, און קוק אריין אונטערן הינטערשטן זיץ פונעם בעל עגלה, דארט ליגט דיין געלט**", דער חסיד האט נישט געווארט קיין רגע, ער איז געלאפן צום מארק און געפונען די פונקטליכע קארעטע ווי דער רבי האט אים אנגעצייגט, ער האט אריינגעשטעקט זיין האנט אונטערן זיץ, און צום גרויסן וואונדער האט ער ארויסגעצויגן זיין בייטל געלט, פונקטליך ווי עס איז געווען, אן דעם וואס דער גנב זאל עס נאך האבן באוויזן צו עפענען.

• • •

**אין ספר קדושת אך פרי תבואה ווערט דערציילט**, אמאל זענען עטליכע חסידים געזעסן ביים טיש פונעם צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע ערב שבועות, איינער פון די מקורבים האט געברענגט א גרויסן קרוג מילך כדי מען זאל קענען מאכן די טראדיציאנעלע מילכיגע מאכלים לכבוד יום טוב, פלוצים איז אריינגעקומען א שאלה איבער א שטיקל חלב אדער אנדערע טריפה'נע זאך וואס איז אריינגעפאלן אין די מילך, און עס איז געווארן א גאנצע קאכעניש צווישן די אנוועזנדע תלמידי חכמים צי די מילך איז מותר אדער אסור.

זענדיג דעם צער פונעם עולם, האט דער רבי גענומען דעם קרוג מילך אין די הענט, אריינגעקוקט דערין, און געזאגט, "**דער רבונו של עולם פירט די וועלט, און לכבוד יום טוב שבועות וועט קיין שום מכשול נישט ארויסקומען אונטער אונזערע הענט**", דער רבי האט געהייסן מעסטן די מילך קעגן די שאלה, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז עס איז געווען פונקטליך "שישים" (זעכציג מאל אזוי פיל מילך), וואס דורך דעם איז די שאלה בטל געווארן על פי הלכה קלאר און ריין.

• • •

**אין ספר פאר הדור ווערט דערציילט**, אז א יונגערמאן וואס האט ל"ע אנגעהויבן נאכלאזן פונעם דרך התורה, איז דורך די השפעה פון זיינע עלטערן געקומען צום הייליגן צדיק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע, ער האט געמיינט אז דער רבי וועט אים מוסר'ן אדער אנשרייען מיט שטרענגקייט אויף זיינע שלעכטע מעשים.

אבער ווען ער איז אריינגעגאנגען אין חדר, האט אים דער רבי דער צדיק רבי הערשעלע אויפגענומען מיט אן אומגעהויערע ווארעמקייט און אהבה, אים דערלאנגט א שלום עליכם, און אנגעהויבן רעדן צו אים ווי א טאטע צו זיין אייגען קינד, דער יונגערמאן איז געווארן אזוי שטארק גערירט אין די טיפענישן פון זיין הארץ, פון די געוואלדיגע אהבה פונעם צדיק, אז די טרערן האבן אנגעהויבן רינען פון זיינע אויגן און ער האט גלייך מחליט געווען תשובה צו טון און זיך אומקערן צום אלטן וועג, דער רבי האט אים אנגעקוקט און געזאגט, "**דיינע טרערן האבן יעצט געעפנט אלע שערי שמים, דו וועסט נאך אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות**" און אזוי איז טאקע געווען.

**יארצייט ט"ו אב**

**הרה"ק רבינו המקובל רבי עמרם ב"ר אפרים זי"ע,**
**(בן דיוואן)**
**המקובל האלקי מירושלים/זאוואן ממארוקו**

ער איז געבוירן אין ירושלים, **בשנת ת"ק**.

צו זיין טאטע הרה"ק **רבי אפרים** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי עמרם** זי"ע.

עס איז מקובל, אז די עלטערן זענען געבוירן געווארן אין שטאט **טאנגיר** וואס מען האט גערופן "**דיוואן**" און דערפאר האבן זיך די משפחה גערופען מיטן נאמען "**בן דיוואן**".

ער איז געווען א בעל מקובל גדול ונורא **ומלומד בניסים**, ער איז געווען א גאון וקדוש וסיני עוקר הרים, ער האט עוסק געווען בתורת הנגלה און בתורת הנסתר מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה נורא מאוד, אויך איז ער געווען א גרויסע בעל מופת.

גאנץ אנפאנג האט ער געלערנט אין ירושלים צווישן די גדולי המקובלים און קדושים אין ארץ ישראל ובתוכם, הרה"ק **מהרי"ט אלגאזי** זי"ע, הרה"ק **רבי שלום שרעבי** זי"ע, הרה"ק **החיד"א** זי"ע, און דארט איז דער גאון גאר שטארק געוואקסן אין תורת הנגלה והנסתר.

בשנת תקי"ח איז ער אריין לערנען אין די ישיבה **נוה שלום אין ירושלים**, וואס איז געפירט געווארן דורך זיין פעטער הרה"ק **רבי יהודה ב"ר עמרם דיוואן** זי"ע, דארט איז ער פארעכענט געווארן פון די גרעסטע תלמידים גאונים און גדולים בתורה, ער האט דארט אנגעהויבן לערנען תורת הקבלה און תורת הנסתר, און נישט לאנג נאכדעם איז ער געציילט געווארן צווישן די גדולי המקובלים וחכמי ישיבת נוה שלום.

בשנת תרכ"ג איז ער אריבער וואוינען אין שטאט **חברון**, וואס דארט האבן דאן געלערנט פון די גרעסטע בעלי מקובלים פון ארץ ישראל, און וויבאלד דארט אין ישיבה אין חברון איז געווען גאר שווער די מצב הגשמי, האבן די רבנים צוזאמען בפה אחד ממנה געווען דעם גאון רבי עמרם בן דיוואן **אלס שליחי דרבנן פון חברון**, צו פארן קיין **צפון אפריקה**, און **מארוקו און טוניס**, כדי צו צוזאמען שטעלן געלט ארויס צו העלפן די מצב אין ישיבה.

אויפן בריוו האבן אלע גאונים און מקובלים אינטער געשריבן, און צווישן די שבחים האבן זיין געשריבן בזה"ל "**החכם השלם והוכלל, סיני ועוקר הרים כמה"ר עמרם דיוואן נר"ו**", ובתוכם זענען געווען די גאונים.
הרה"ק **רבי אהרן אלפנדרי** זי"ע,
הרה"ק **רבי חיים יהודה גומץ פאטו** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק זאבי** זי"ע,
הרה"ק **רבי חיים רחמים באגאייו** זי"ע,
הרה"ק **רבי אליהו בן ארחא** זי"ע,
הרה"ק **רבי פנחס מרדכי באגאייו** זי"ע,
הרה"ק **רבי אברהם גדליה** זי"ע.

ווען דער גאון רבי עמרם איז אנגעקומען דארט אין מארוקו און אויך אין די אנדערע שטעט, האבן די אלע קהילות אויף גענומען דעם איש אלוקים קדוש וטהור מיט א געוואלדיגע כבוד.

מען דערציילט, אז זייענדיג אין שטאט פאס מארוקו, איז דער גאון איינגעשטאנען אין שטוב פון **רבי מנשה אבן דנאן** ז"ל וואס איז געווען פון די ראשי קהלה אין שטאט פאס, און דער רבי מנשה האט געהאט **נאר טעכטער אבער נישט קיין בן זכר**.

און דאן ווען דער גאון איז דארט געווען איז פאר דעם מנשה געבוירן געווארן א מיידל, און דער גאון רבי עמרם האט געהייסן מען זאל דעם מיידל געבן דעם נאמען "**פאדינא**" וואס מיינט "**גמרנו, גענדיגט**", און לפלא איז דאס געווען דאס לעצטע מיידל וואס רבי מנשה האט געהאט, **און פון דאן האט ער נאר געהאט זכרים**.

אויך דערציילט מען, אז ווען ער איז געווען דארט אין פאס מארוקו, איז ער איינגעשטאנען אין שטוב פו הגה"ק **רבי יהודה אלבאז** זי"ע און דער רבי יהודה האט דאן נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און דער צדיק רבי עמרם האט פאר אים מתפלל געווען און געזאגט בזה"ל, "**כעת חיה ותלד בן ותקרא את שמו עמרם על שמי**", און טאקע צום יאר איז ביי זי געבוירן געווארן א בן זכר, און דער קינד איז געווען דער שפעטערער גאון הגה"ק **רבי עמרם אלבאז בעל שו"ת חיי עמרם** זי"ע.

ער האט דארט פארברענגט גאר אסאך אין די שטאט מארוקו און ער האט דארט אויף געשטעלט א ישיבה, און ער איז דארט געווארן מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות און בעל מופת עצום, אויך האט ער גאר אסאך מרביץ תורה געווען אין תורת הנסתר פאר תלמידים גאונים און קדושים.

נאך 10 יאר איז ער צוריק געקומען קיין חברון און ווייטער געלערנט דארט פאר א שטיק צייט מיט די הייליגע מקובלים, ער איז דארט געווען מפורסם אלס א גרויסע קדוש.

בשנת תקל"ג איז דער צדיק נאכאמאל געפארן אויף שליחות, דאן איז ער געפארן קיין **מצרים**, און דארט האט ער זיך באגעגענט מיטן **הייליגען חיד"א** זי"ע, און די צוויי מקובלים האבן עוסק געווען אין תורת הנסתר, אויך האט דער הייליגער חיד"א דערציילט, אז דאן איז געווען א גרויסע סכנה צו פארן אויפן וואסער, צוליב די מלחמה וואס די רוסישע מיליטער האט געהאט מיט די ממלכת תוגרמה, **אבער דער צדיק רבי עמרם בן דיוואן איז בדרך נס דורך געגאנגען דעם וואסער און בחסדי השם דורך געמאכט די וועג**.

אפאר יאר שפעטער בשנת תק"מ איז ער צוריק געקומען קיין חברון, און דאן איז געווען פארבאטן פאר אידן אריין צו גיין אין מערת המכפלה, אבער דער צדיק וקדוש רבי עמרם בן דיוואן זי"ע האט מיט חכמה זיך פארשטעלט ווי אן אראבער, און זיך ארייינבאקומען אין דעם מערת המכפלה.

אבער דער פשה דער הערשער פון חברון איז געוואויר געווארן דערפון, און ארויס געגעבן א עונש מות אויפן צדיק, און בדרך נס איז דער גאון רבי עמרם אנטלאפען פון חברון צוזאמען מיט זיין זון הגה"ק רבי חיים זי"ע, און געמאכט דעם וועג צוריק קיין מארוקו.

בשעת ער איז געווען אין מארוקו איז זיין זון רבי חיים זייער קראנק געווארן, און דאן האט דער זון געבעטן צו עסן פייגען, אבער יענע צייט איז נישט געווען די סעזאן פון פייגען, אבער דער צדיק רבי עמרם האט געזאגט פארן בעל אכסניא, אז ער זאל ארויסגיין און זיכן פייגען, דער בעל אכסניא האט נישט פארשטאנען פון ווי דער צדיק וויל ער זאל ברענגן פייגען, ווען עס איז נישט דא אין גאנץ מארוקו קיין פייגען, אבער אז דער צדיק בעט איז ער ארויס אויפן גאס זיכן פייגען.

גייענדיג אויפן גאס טרעפט אים א גוי און פרעגט אים, אויב ער ברויך פייגען, דער בעל אכסניא האט געמיינט אז אפשר מאכט דער גוי חוזק פון אים, ווייל דער גוי האט אפשר געהערט ווי דער צדיק בעט פייגען, אבער ווען דער בעל אכסניא האט געענטפערט יא ער ברויך פייגען, **האט דער גוי ארויס גענומען 5 פייגען און דאס אהין געגעבן פאר דעם איד**.

ער האט טאקע געברענגט די פייגען פארן זון רבי חיים, אבער ליידער איז די מצב ביים זון פארערגערט געווארן אין ער איז שוין געווען אין א סכנה, דאן האט דער טאטע דער צדיק וקדוש רבי עמרם מתפלל געווען צום באשעפער, **אז ער זאל זיין א כפרה אנשטאט זיין זון**, און כך הוה דער זון איז געזונט געווארן, אבער דער טאטע איז אריין געפאלן אין בעט, און אפאר טאג שפעטער ביום ט"ו מנחם אב בשנת תקמ"ב איז דער צדיק וקדוש נסתלק געווארן.

ווען די שמועה פון די פטירה פון דעם צדיק רבי עמרם איז אנגעקומען צו די גדולי המקובלים בדורו, האבן זיי אלע גאר שטארק באוויינט דעם אבידה פון אזא גאון וצדיק, און **דער משורר הגה"ק רבי דוד בן חסין מקנאס זי"ע האט מקונן געווען אויף דעם גאון רבי עמרם** בזה"ל, **"קינה קוננתיה אל השמועה כי באה אל הלקח החכם השלם הכולל, שליחא דרחמנא כהה"ר עמרם דיוואן זלה"ה שליח חברון תובב"א, בשליחותו זריז עומד על משמרתו"**.

דעם מקום קדוש פון די ציון פון דעם צדיק איז גלייך נאך זיין פטירה געווארן א מקום קדוש ווי הונדערטער און טויזנטער אידן זענען געקומען זיך משתתח זיין ביים יארצייט פון דעם צדיק וקדוש, מען איז געקומען פון אלע שטעט ארום מכל רחבי **מארוקו** און פון **אלגיר** און **טוניס**, אלע זענען געקומען מתפלל זיין ביי דעם ציון הקדוש.

הגה"ק רבי אברהם הלוי אבן סוסאן זי"ע איינע פון די גדולי חכמי טבריה האט דערציילט אין זיין ספר מעשה הצדיקים, אז זיין טאטע הגה"ק **רבי יצחק הלוי אבן סוסאן** זי"ע וואס איז געווען מגדולי רבנים אין מארוקו, האט זוכה געווען אז זיין פסק הלכה זאל מקובל ווערן אין גאנץ מארוקו און

אייביג איז געווען הלכה כמותו, **בזכות וואס ער האט מתפלל געווען בדמעות שליש ביים קבר פון הצדיק קדוש ישראל, הרב הגדול מעוז ומגדול בישראל גדול שמו כמוהר"ר עמרם דיוואן זיע"א.**

אויך דערציילט איינע פון די חכמי חיפה הגה"ק **רבי רפאל חיים משה בן נאים** זי"ע, אז זיינע עלטערן זענען געווען חשוכי בנים פאר יארן לאנג, און זיי זענען געהאלפן געווארן מיט קינדער, **בזכות וואס זיי האבן דורך געמאכט דעם שווערן וועג ביז זיי זענען אנגעקומען זיך משתתח זיין על ציון קדשו פון דעם צדיק המפורסם רבי עמרם דיוואן זי"ע.**

גאר אסאך מעשיות און מופתים האבן די איינוואוינער פון מארוקו דערציילט וואס אידן זענען געהאלפן געווארן ביי דעם קבר פון דעם צדיק וקדוש בעל מופת נפלא רבי עמרם דיוואן זי"ע.

לעצטערע יארן האט מען פון הימל געפירט, אז אסאך אידישע קינדער פארן צו דעם קבר די גאנצע יאר און ספעציעל אויפן יארצייט ט"ו מנחם אב, און אסאך אידן דערציילן פון גרויסע ישועות און מופתים חוץ לדרך הטבע וואס מען זעהט ביי דעם מקום קדוש פון דעם קבר פון דעם צדיק רבי עמרם דיוואן זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **ביום ט"ו מנחם אב בשנת תקמ"ב**, און מען האט אים באערדיגט אין שטאט **סאגין** נישט ווייט פון שטאט **וואזאן**, וויבאלד אין שטאט וואזאן האבן דאן נישט געמעגט וואוינען קיין אידן.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**עס ווערט דערציילט**, אז כדי צו שאפן געלט פאר די אידן אין ארץ ישראל, איז דער גאון ובעל מקובל רבי עמרם בן דיוואן זי"ע ארויסגעפארן פון ארץ ישראל אלס שליח דרבנן, און דער צדיק האט מיט געברענגט א פלאש **מיט הייליגן ערד פון ארץ ישראל**, און ווען ער איז אנגעקומען קיין מעקנעס, האט ער געהערט, ווי איינער פון די עשירים פונעם שטאט רעדט מיט א ביטול איבער די שליחים וואס קומען פון ארץ ישראל צו צוזאמען שטעלן געלט פאר די תלמידי חכמים און גאונים וואס לערנען די תורה יומם ולילה.

דער גאון ומקובל רבי עמרם האט גארנישט געזאגט פאר דעם עושר, אבער נאכדעם האט דער עושר געוואלט קויפן א פלאש פון די הייליגע ערד פון ארץ ישראל פאר א גרויסער סכום געלט, דער רבי עמרם האט אים געגעבן דעם פלאש, אבער לפלא ווען דער עושר האט אויפגעמאכט דעם פלאש **איז דאס גאנצע ארץ-ישראל'דיגע ערד פארוואדעלט געווארן אין פשוטע ערד אנדערש ווי אלע אנדערע פלעשער.**

דער עושר האט גלייך פארשטאנען, אז דאס האט פאסירט ווייל ער האט גערעדט מיט א ביטל איבער די בעלי מקובלים פון ארץ ישראל, עס האט אים געכאפט א געפערליכע פחד און שרעק, ווייל ער האט געכאפט אז ער האט דא פוגע געווען אינעם כבוד פונעם צדיק, ער איז גלייך געפאלן צו די פיס פונעם גאון רבי עמרם און געבעטן מחילה און צוגעגעבן א גרויסע סכום צדקה, און דעמאלט האט רבי עמרם געגעבן א ברכה, **און דאס ערד האט צוריק באקומען די קדושת ארץ ישראל.**

• • •

**גדולי בעלי מקובלים האבן דערציילט**, אז נאך די הסתלקות פון גאון וקדוש רבי עמרם בן דיוואן זי"ע אין שטאט סאגין נישט ווייט פון שטאט וואזאן, איז זיין ציון געווארן א תל תלפיות, הונדערטער אידן זענען געקומען יאר יערליך מתפלל זיין אויפן ציון קדשו, און הונדערטער אידן האבן דערציילט גרויסע ישועות וואס מען האט דארט גע'פועל'ט.

בערך 20 יאר נאכן הסתלקות, ווען די פראנצויזן האבן געוועלטיגט איבער מאראקא, האט א פראנצויזישער קאָלאָנעל באשלאסן, **ארויפצושטעלן א מיליטערישע וואך ביים ציון, און ער האט פארבאטן די אידן צו קומען צום ציון**, ווייל עס האט אים געשטערט די גרויסע פארקער פון די טויזנטער אידן וואס זענען געקומען צום ציון רייטענדיג אויף אייזלען און פערד.

דער קאלאנעל האט באפוילן פאר א סאלדאט, צו שניידן דעם גרויסן אראן-בוים וואס שטייט איבער דעם ציון הקדוש, דער סאלדאט האט אנגעהויבן אפשניידן א צווייג, אבער לפלא, אזוי ווי

ער האט נאר אנגעהויבן שניידן דעם צווייג, האט באלד ארויסגעשפרונגען א פלאם פייער פונעם בוים, און פארברענט דעם סאלדאט'ס הענט.

דער קאלאנעל איז אליין געקומען צום ארט צו זעהן וואס עס טוט זיך, און פלוצלונג איז זיין אייגענע טאכטער אראפגעפאלן און געווארן אינגאנצען **פארלאזירט**, און זעענדיג דעם אפענעם נס, איז דער קאלאנעל געפאלן אויף די קני ביים קבר, און געבעטן מחילה פונעם גאון רבי עמרם, און מנדב געווען א גרויסע סכום געלט צו בויען א וועג און א ברייטע פלאץ פאר די אורחים וואס קומען צום ציון, **און נאכדעם איז זיין טאכטער געזונט געווארן**.

• • •

**עס ווערט דערציילט איבער א אידישע פאמיליע אין מאראקא**, וואס האט נישט געהאט קיין קינדער פאר איבער 18 יאר, זיי זענען געגאנגען צו אלע דאקטוירים אבער אן קיין ערפאלג.

איינמאל זענען זיי ארויפגעפארן צום ציון קדשו אויפן הילולא פון רבי עמרם בן דיוואן ט"ו באב, די אשה האט אויסגעבראכן אין א ביטערע געוויין ביי דעם ציון און געוויינט מיט ביטערע דמעות, און צוגעזאגט, **אז אויב זי וועט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר, וועט זי אים א נאמען געבן "עמרם" נאכן צדיק**.

א יאר שפעטער, פונקטליכט אום ט"ו באב, זענען זיי צוריקגעקומען צום ציון הקדוש מיט א געזונט אינגעלע אין די הענט צו פייערן די ברית און אים א נאמען געבן עמרם, וואס די מעשה האט מעורר געווען גרויס התרגשות ביי אלע אנוועזנדע.

• • •

**אין ספר מצבות קודש במרוקו ווערט געברענגט די מעשה**, עס האט אמאל פאסירט, בעת דער גאון וקדוש רבי עמרם בן דיוואן זי"ע האט זיך געפונען אויף זיין שליחות אין די שטעטלעך פון מאראקא, זענען אים א באנדע שרעקליכע רויבער איבערגעפאלן אויפן וועג, זיי האבן אים אפגעשטעלט מיט געווער און געפאדערט זיין גאנצע געלט וואס ער האט אנגעזאמלט פאר די עניי ארץ ישראל.

דער גאון וקדוש רבי עמרם האט זיך גארנישט דערשראקן, **ער האט ארויסגענומען זיין תהלים און זיך צופלאמט מיט א געוואלדיגע דביקות בשעת ער האט געזאגט די קאפיטלעך תהילים**, דער ראש פון די רויבער'ס האט מיט גרויס כעס גענומען זיין רעוואלווער און ארויסגעשאסן צוויי קוילן גלייך אויף רבי עמרם'ס גוף קדוש, אבער צו דער ערשטוינונג פון די רויבער'ס, **זענען די צוויי קוילן פשוט אראפגעפאלן אויף דער ערד ווי אומשעדליכע שטיינער איידער זיי האבן אפילו אנגערירט זיין קלייד**.

זעענדיג דעם אפענעם נס, זענען די רויבער געפאלן אויף די קני, און געבעטן מחילה פון דעם גאון וקדוש, און אים אפילו באגלייט מיט גרויס כבוד ביז ער איז אנגעקומען בשלום צום נעקסטן אידישן ישוב, און מיט זיין גרויס קדושה און אמונה בשם איז דער גאון געראטעוועט געווארן פון א זיכערע טויט רח"ל.

• • •

**אין ספר נר המערב ווערט געברענגט**, אז אין א געוויסער תקופה האט דער מושל דער פאשא פון דער שטאט וואזאן ארויסגעגעבן א שווערע גזירה, וואס האט גאר שווער געמאכט פאר די אידן צו מאכן כשר ווין אויף שבת קודש און די ימים טובים, ער האט פארמאכט די כשר'ע ערטער וואו מען פרעסט די טרויבן.

דער גאון וקדוש רבי עמרם בן דיוואן זי"ע איז אריינגעגאנגען צום פאשא פערזענליך צו בעטן אז ער זאל מבטל זיין די גזירה, דער פאשא האט פון אים חוזק געמאכט און געזאגט, **"אויב דיין גאט איז אזוי גרויס, זאל ער מאכן, אז פון דעם טרוקענעם האלץ אויף מיין טיש זאל ארויסוואקסן פרישע טרויבן"**.

דער גאון וקדוש רבי עמרם האט אויפגעהויבן זיין קאפ און ארויפגעקוקט צום הימל, און דער גאון וקדוש רבי עמרם האט געזאגט א קורצע תפילה, **און פלוצלונג האט דער טרוקענער שטיק האלץ אויפן טיש אנגעהויבן ווערן קאלירט און ארויסגעגעבן פרישע שיינע טרויבן**, דער פאשא האט באלד צוריקגעצויגן פון זיין גזירה און געגעבן פולע רשות פאר די אידן צו ווייטער פראדוצירן זייער ווין ווי אימער זיי ברויכן.

• • •

**אין ספר מעשה אבות ווערט געברענגט**, אז יארן נאך די הסתלקות פונעם צדיק וקדוש רבי עמרם בן דיוואן זי"ע, איז א אידישער פאטער פון דער שטאט פעז אנגעקומען צום ציון פונעם צדיק אין שטאט אסזשען, מיט זיין זון **וואס איז געווען כמעט אינגאנצן בלינד פון א שווערער אויגן-קראנקייט**, די דאקטוירים אין קזבלנקה האבן שוין געהויבן די הענט און געזאגט, אז עס איז שוין ליידער נישט דא מיט וואס צו העלפן דעם קינד.

דער פאטער האט מתפלל געווען און איינגעריסן א גאנצע נאכט ביים ציון מיט בכיות נוראות, און האט אנגעשמירט די אויגן פונעם אינגל מיט א ביסל איילבירטן-איל וואס האט געברענט אין דעם נר תמיד איבער דעם קבר, לפלא צופרי, ווען די זון איז אויפגעגאנגען, האט דאס אינגל פלוצלונג אויסגעשריגן, "**טאטע, איך זעה די ליכט! איך זע דעם אראן-בוים**!", און דאס קינד האט צוריקבאקומען זיין פולער זעאונג איבערנאכט.

• • •

**אין ספר שבחי צדיקים ווערט געברענגט**, אז אויף איינע פון זיינע רייזעס אלס שליח דרבנן פון חברון איבער די שטעט פון מאראקא, איז דער צדיק וקדוש רבי עמרם אנגעקומען צו א גרעניץ-פונקט, וואס איז באוואכט געווארן דורך פראנצויזישע סאלדאטן, די סאלדאטן האבן געהאט א שטרענגן באפעל נישט אריבערצולאזן קיין איין רייזנדן **אן א באזונדערן רעגירונגס-פאספארט**.

דער צדיק רבי עמרם האט נישט געהאט די נויטיגע פאפירן, אבער ער האט זיך זעהר געיאגט צו דערגרייכן די אידישע קהילה בעפאר שבת, ער איז צוגעגאנגען צום טויער, געזאגט א קורצע תפילה, **און דאן האט דער צדיק פשוט דורך שפאצירט און גלייך פארביי געגאנגען די סאלדאטן**.

לפלא זענען די סאלדאטן געשטאנען מיט אפענע אויגן, אבער האבן אים פשוט נישט געקענט זעהן אדער רירן א פוס, **זיי זענען געווארן ווי פארשטיינערט אויף זייערע ערטער**!, ערשט נאכדעם וואס רבי עמרם איז אריבער די סכנה, און האט זיך אומגעקערט זיי צו געבן א ברכה, זענען זיי צוריקגעקומען צו זיך מיט גרויס מורא און אים אדורך געלאזט מיט גרויס כבוד.

• • •

**אין ספר נר המערב ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי עמרם בן דיוואן זי"ע געפארן מיט א קאראוואן פון אידן און אראבער דורך א ברייטן מדבר, אינמיטן וועג איז זיי אויסגעגאנגען דאס גאנצע וואסער, די מענטשן און די בהמות זענען שוין געווען אויף די ברעג פון חלש'ן פון שווערן דורשט, און עס איז נישט געווען קיין קלארער קוואל אין די נאנטקייט.

זעענדיג די גרויסע סכנה, האט רבי עמרם געבעטן פון אלע אנוועזנדע זיך אפצושטעלן, ער האט אראפגענידערט פון זיין אייזל, אנגעהויבן מתפלל זיין מיט גרויס התעוררות, **און דארט אינמיטן טרוקענעם זאמד האט ער אנגעהויבן גראבן מיט זיין שטעקן**.

לפלא האט פלוצלונג ארויסגעשפראצט א פרישע קוואל, און עס האט אנגעהויבן גיסן פרישע קאלטע וואסער פון דער ערד, וואס האט אנגעהאלטן ביז אלע רייזנדע און זייערע בהמות האבן זיך אנגעטרונקען און אנגעפילט זייערע פלעשער.

• • •

**אין ספר מעשה אבות ווערט דערציילט**, אז אינעם יאר תקנ"א בשעת איינע פון זיינע רייזעס אלס שליח דרבנן פון חברון, האט א שווערע מגפה ארומגעכאפט די שטאט מעקנעס, און פיל מענטשן זענען רחמנא ליצלן נפטר געווארן טעגלעך, די אידן פון שטאט זענען געלאפן צום צדיק וקדוש רבי עמרם בן דיוואן זי"ע, און זיי האבן זיך געבעטן צום צדיק אז ער זאל פאר זיי פועלן א ישועה אז די מגפה זאל זיך אפשטעלן.

דער צדיק וקדוש רבי עמרם האט געהייסן מאכן א גרויסע תענית ציבור, און ער אליין איז ארויסגעגאנגען אין גאס פארנט פון דער גרויסער שול, **וואו ער האט געזאגט די י"ג מדות של רחמים מיט מסירות נפש, און ער האט צוזאמגעקליבן צדקה פאר די עניי ארץ ישראל**, און דאן האט ער געזאגט פאר די קהילה, "**די גזירה איז בטל געווארן**", און פון יענעם טאג אן איז דער מגפה גראד אפגעשטעלט געווארן אין דער גאנצער שטאט, און די דאקטוירים האבן נישט געקענט מסביר זיין דעם פלא'דיגן ווענדונג.

**יארצייט ט"ו אב**

**הרה"ק רבי מאיר נתן ב"ר חיים זי"ע**
**(הלברשטאם), מצאנז**

ער איז געבוירן אין שטאט טארניגראד, **בשנת תקפ"ה**.

אלס דער דריטער זון צו זיין טאטע הרה"ק **רבי חיים הלברשטאם בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אריה לייבוש אב"ד טארניגראד** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שמחה מבראד** זי"ע,
נין ונכד הרה"ק **רבי צבי הירש חריף בעל חכם צבי אב"ד האלבערשטאדט** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת רחל פיגא** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי ברוך פרענקל בעל ברוך טעם מלייפניק** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יהושע יחזקאל פייבל אב"ד אוסטראווצא** זי"ע, הנקרא **ר' פייוול תאומים** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יוסף אב"ד אוסטראווצא ור"מ פוזנא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי ארי' לייב אב"ד קרעשוב** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יחזקיה יהושע פייבל תאומים אב"ד פרעמיסלא וברעסלא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יונה תאומים פרענקל בעל קיקיון דיונה** זי"ע.

זיין הייליגן נאמען האט זיין טאטע געגעבן נאך די צוויי גרויסע זיידס, **מאיר** נאך הרה"ק **רבי מאיר מטיקטין** זי"ע, און **נתן** נאך הגה"ק **רבי נתן שפירא בעל מגלה עמוקות** זי"ע.

ער איז געווען א עילוי נפלא און גאון וחריף עצום און א למדן נפלא בתורה, ער איז געווען א בקי בש"ס ופוסקים פון גאר יונג, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א איש קדוש ונורא מאוד, זיין עבודה פון אלס קינד איז שוין צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע קדושה און התלהבות, וואס מען האט נישט געזען ביי קינדער אין זיין יארגאנג.

אויך זיין התנהגות מיט יעדע דבר שבקדושה איז געווען אויף א גאר א הויכע מדרגה, ער איז געווען באקאנט אלס א געוואלדיגע איש האמת עד למאוד.

פון אלס יונג קינד האט מען שוין געזען אויף אים אז עס רעדט זיך פון א ילד הפלא, ער האט שוין דאן געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה.

אפילו זייענדיג גאר יונג האט ער שוין גע'שמ'ט אלס א **עילוי** און א **למדן עצום** מיט זיין גרויסע **גאונות און חריפות**, ער פלעגט שוין דאן צוזאמען נעמען א קבוצה יונגעלייט לערנען תורה **די גאנצע נאכט ברציפות**.

זייענדיג נאך א קליין קינד איין וואך ווען דער טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז נישט געווען אינדערהיים, איז רבי מאיר נתן געפארן מיט א קבוצה חסידים אויף שבת קודש שבת קיין דזיקוב צו הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, און אינמיטן די סעודה האט זיך רבי אליעזר'ל אנגערופן צום קינד מיט א שאלה, זאג מיר, **פארוואס כאפן די חסידים שיריים פון אלע מאכלים, אויסער פון די חלה כאפט קיינער נישט קיין שיריים**.

האט דער קינד רבי מאיר נתן געענטפערט אויפן פלאץ, **חלה איז דאך ראשית**, אזוי ווי עס שטייט דאך, "**ראשית עריסותיכם חלה**", און **ראשית איז דאך נישט קיין שיריים**, און דערפאר כאפן נישט די חסידים קיין שיריים פון די חלה.

דער צדיק רבי אליעזר'ל איז ארויס פון התפעלות פון דעם שארפן תשובה, און שפעטער ביי א געלעגנהייט האט רבי אליעזר'ל זייער אויסגערימט דעם קינד פאר זיין טאטן דער דברי חיים, און געזאגט אז ער ווייסט גוט פארוואס חסידים כאפן נישט קיין שיריים פון די חלה, און שפעטער האט רבי אליעזר'ל דזיקובער זי"ע גענומען דעם רבי מאיר נתן פאר אן איידעם.

ווערט דערציילט, אז ער פלעגט לערנען די גאנצע נאכט, און צופרי ביים עלות האט ער זיך אביסל צו געלייגט צו שעפן פרישע כוחות פארן טאג, און ער פלעגט אויפשטיין צו דאווענען שחרית מיט זיין הייליגן טאטן דער דברי חיים מצאנז זי"ע.

איין טאג נאך זיין גרויסע עבודה ביינאכט זייענדיג עוסק בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, האט זיך דער יונגער צדיק גולייגט שלאפן, און ער האט זיך פארשפעטיגט אביסל מיטן אויפשטיין, און ווען ער האט זיך דערוועקט און געלאפן אין מקו' בעפאר שחרית, איז דער טאטע שוין געווען אין שוהל, און דער בעל תפלה וויל אנהייבן דאווענען, זאגט אבער די טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע פארן בעל תפילה, **ווי אזוי קאן איך דאווענען אן מיין הייליגע זון מאיר נתן**.

ער האט חתונה געהאט גאר יונג מיט **הרבנית הצדקת מרת בילא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי אליעזר מדזיקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ** זי"ע.

עס ווערט דערציילט גאר גרויסע זאכן אויף די רעבעצין בילא ע"ה, זי איז געווען מפורסם מיט איר צדקת און חכמה, און אויף די עלטערע יארן **פלעגן איר די חסידים געבן קוויטלער**.

מען דערציילט, אז אפאר יאר נאך די חתונה איז די רעבעצין בילא ע"ה זייער קראנק געווארן אין די דאקטוירים האבן פראובירט אלע מעדעצינען, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן און די דאקטוירים האבן שוין געהאט אויף געגעבן אויף איר.

ווען מען איז געקומען מזכיר זיין דעם טאכטער ביים טאטן רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, האט ער געהייסן אז מען זאל אויף הערן געבן די אלע מעדיצינען, און ער האט געגעבן שיריים פון זיינע מאכלים און געהייסן, אז נאר דאס זאל מען איר געבן, און בחסדי השם איז זי גאנץ אינגיכען געזונט געווארן, און נאך זוכה געווען צו אריכת הימים און צו א זקנה ושיבה טובה.

נאך די חתונה איז ער געזעצן פאר צוויי יאר ביים שווער רבי אליעזר'ל מדזיקוב זי"ע אויף קעסט, און דארט האט ער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע קדושה, ער האט געהאט דארט א קבוצה פון אינגעלייט וואס ער האט מיט זיי געלערנט די גאנצע נאכט תורה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האבן די תלמידים דארט אין דזיקוב דערציילט, אז ער האט געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער פלעגט אסאך מאל ארויס שיקן די תלמידים פונעם שטוב, און די תלמידים האבן באמערקט **אז ער האט זיך דאן געברענט די הענט און נעגל אין פייער**.

אויך דערציילט מען, אז נאך זיין פטירה, האט אמאל די רעבעצין בילא ע"ה דערציילט פארן שווער דעם הייליגען דברי חיים זי"ע, פארשידענע פרטים ווי אזוי דער זון רבי מאיר נתן האט זיך געפירט וואס זענען געווען עבודת השם אויף א גאר הויכע דרגה, און זייענדיג א עניו מאוד, האט ער דאס באהאלטן זיין גאנץ לעבן אפילו פון זיין גרויסן טאטן, האט דער הייליגער דברי חיים זיך אנגערופען, "**איך האב מיין קינד גוט געקענט, אבער אויף אזוי ווייט האב איך אויך נישט געוויסט**".

צוויי יאר נאך די חתונה איז ער צוריק געקומען קיין צאנז בצלו פון זיין טאטן דער הייליגער דברי חיים זי"ע, און דארט איז ער געווען דער יד ימינו פון זיין טאטן מיט אלע צרכים וואס האט זיך געברויכט אינעם הנהגה פון די שטאט צאנז, וואס איז דאן געווארן א שטאט ווי טויזנטער אידן זענען געקומען צום הייליגען דברי חיים, דארט האט ער גאר אסאך ארויס געהאלפן דעם טאטן ביז צו זיין פטירה, וואס דאן האט דער ברידער רבי אהרן קרייזער זי"ע איבער גענומען אלס רב אין שטאט צאנז צו העלפן דעם טאטן בהנהגה.

עס איז באקאנט אז די ערשטע צוויי קינדער פונעם דברי חיים זי"ע, הרה"ק רבי דוד מקשאנוב זי"ע און הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאוואו זי"ע זענען ביידע נתעטר געווארן אלס רבנים אין גרויסע חסידישע שטעט.

האט דאן דער מחותן הרה"ק רבי אליעזר מדז'יקוב זי"ע געפרעגט דעם מחותן דעם הייליגען דברי חיים זי"ע, פארוואס ער איז זיך נישט משתדל צו פארשאפן א רבנות אויך פארן זון רבי מאיר נתן זי"ע, האט דער הייליגער דברי חיים געענטפערט פארן מחותן, "**מיין רבי מאיר נתן דארף נישט קיין רבנות, ער איז עמי במחיצתי, וואס פעלט אים דען אין צאנז, ער וועט בלייבן מיט מיר אויף אייביג**".

בשעתו איז געווען גאר אסאך כתבי ידות פון דעם צדיק רבי מאיר נתן סיי אין נגלה און אויך אין נסתר, אבער leider איז אלעס פארלוירען געווארן און עס איז גארנישט געבליבן.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי שלמה מבאבוב הראשון** זי"ע, וואס איז געווען 9 יאר אלט ביי די פטירה פונעם טאטן, און איז אויף געצויגן געווארן ביים זיידן דער הייליגער דברי חיים זי"ע, ער איז געווען א איידעם בזיווג ראשון ביי הרה"ק **רבי יהושע מקאמינקא** זי"ע, און א איידעם בזיווג שני ביי הרה"ק **רבי מנשה טייטלבוים** זי"ע, בן הרה"ק **רבי נחום צבי מדראהביטש** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת יהודית** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי נפתלי הורוויץ ממעליץ** זי"ע, בן הרה"ק **רבי יהודה ממעליץ** זי"ע, בן הרה"ק **רבי יעקב ממעליץ** זי"ע, בן הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ** זי"ע,

בשנת תרט"ו חודש מנחם אב האט leider אויס געבראכן א שרעקליכע מגיפה אין שטאט צאנז, וואס יעדער וואס איז געווארן אנגעשטעקט פין די מגיפה איז leider געשטארבן, אבער דער צדיק רבי מאיר נתן האט זיך מוסר נפש געווען צו ארויסהעלפן די וואס זענען אנגעשטעקט געווארן, און leider איז דער צדיק אויך אנגעשטעקט געווארן מיט די מחלה, און ער האט זיך זייער געמיטשעט מיט יסורים נוראים פון די מחלה.

ווען מען איז אים געגאנגען מזכיר זיין ביים טאטן דער דברי חיים האט דער טאטע דאן גערדימעלט, האט דער זון בשום אופן נישט געלאזט מען זאל דעם טאטן אויפוועקן, און leider איז ער נישט לאנג נאכדעם נסתלק געווארן זייענדיג נאר 30 יאר אלט.

ווי באקאנט האט דער טאטע דער הייליגער דברי חיים גאר שטארק באוויינט דעם קינד רבי מאיר נתן און זיך גאר שווער געלאזט טרייסטן אויף דעם פארלוסט פון אזא קדוש, און דער דברי חיים האט זיך אמאל אויסגעדריקט בזה"ל, "**אויב וואלט דער זון רבי מאיר נתן מעריך ימים געווען, וואלט ער געווען אזוי ווי איינע פון די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע**".

נסתלק לגנזי מרומים **ט"ו מנחם אב בשנת תרט"ו**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **צאנז**, און דארט האט מען געלייגט זיין הייליגען טאטן 20 יאר שפעטער, **בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ**, ווי דער טאטע דער דברי חיים האט זיך אסאך מאל אויסגעדריקט נאכן פטירה פונעם זון רבי מאיר נתן, **ער פארפעלט נישט קיין טיש ביי מיר, אפילו נאכן פטירה**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**ווען דער הייליגער צאנזער רב זי"ע** איז צוריק געקומען פון די לוי' פין זיין באליבטע זון הרה"ק רבי מאיר נתן זי"ע אינאיינעם מיט זיין אייניקעל דעם יונגען פריש געווארענעם יתום'ל הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זי"ע.

האט דער צאנזער רב זיך געגעבען א ווענד צום אייניקל, און געזאגט, **שלמה'לע די ווייסט ווי גרויס די ווערסט היינט זיין, די ווערסט היינט האבען די זכי' מקדש צו זיין דעם אויבערשטענ'ס נאמען, די ווערסט צום ערשטען מאל אין לעבן זאגן די הייליגער ווערטער "יתגדל ויתקדש שמי' רבא"**.

• • •

**אויך דער זיידע דער הייליגער רבי ר' אליעזר'ל מדזיקוב זי"ע** האט זייער ליב געהאט זיין אייניקעל רבי שלמה'לע, אין ער האט אים ארויס געוויזען א שטארקע חביבות, איינמאל האט איינער פין רבי אליעזרל'ס קינדער געפרעגט דעם טאטע רבי אליעזר, עס שטייט דאך לעולם אל ישנה אדם בין הבנים, האט ער געענטפערט, **וואס זאל איך טון ער האט דאך אינגאנצען די צורה פינעם טאטען דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע**,

• • •

**דער ברודער הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע** האט מעיד געווען אויף זיין ברודער הרה"ק רבי מאיר נתן זי"ע, אז וויבאלד ער איז געווען **אזא איש האמת** וועלכער האט נישט געקענט סובל זיין דעם שקר, **דערפאר איז ער אזוי יונגערהייט נסתלק געווארן פון די וועלט, דעם עולם השקר**.

• • •

**מען דערציילט**, אז אמאל איז פאר געקומען א דין ודברים אין שטאט ווישניצא ביים זון הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זי"ע, און ער האט די בעלי דין געשיקט צום פעטער דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, אבער דער פעטער האט זיי גלייך צוריק געשיקט צו רבי שלמה מבאבוב זי"ע, און געשיקט א בריוו בזה"ל, "**באזני שמעתי מפי כ"ק אאמו"ר הקדוש מצאנז זללה"ה, שבבני ר' מאיר נתן מונחת הנקודה של אמת, ובכן היות שמע"כ הוא בנו יחידו, הרי ברור שיעלה בידו לפסוק דין אמת לאמיתו, על כן לא ימשוך את ידו מלדון במשפט הזה**".

• • •

**מען דערציילט**, אז נאכן הסתלקות פונעם צדיק רבי מאיר נתן זי"ע, האט איינמאל דער צאנזער רב זי"ע געפרעגט זיינע קינדער, אויב זיי האב אפשר געזען דעם זון רבי מאיר נתן אין חלום, און די קינדער האבן געזאגט אז זיי האבן נישט געזען דעם ברודער אין חלום.

אין טאג האט דער זון הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע געזאגט פארן טאטן, אז דער ברודער איז אים געקומען אין חלום, און דער ברודער רבי מאיר נתן זי"ע האט זיך אפ געדעדט, **אז די בגדים בעולם העליון זענען קורצע בגדים**, האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט, וואס זאל איך אים טון, ער איז דאך ליידער נפטר געווארן גאר יונג.

און דער טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט מסביר געווען, **אז די בגדים פון א איד בעולם העליון קומען פון זיינע מצות און מעשים טובים**, און דער מאיר נתן האט דאך געהאט א זייער קורצע לעבן, אבער זארג דיך נישט מיין קינד, **איך האב אים ערלעדיגט א שיינע פלאץ אין גן עדן אינעם היכל פון מיינע גוטע פריינד, רבי שלום מקאמינקא זי"ע און רבי אלימלך מרודניק זי"ע**.

• • •

**צום הייליגען דברי חיים זי"ע** האבן די סוחרים יעדעס יאר לכבוד סוכות געברענגט אתרוגים און דער צדיק האט אויס געקליבען א שיינעם אתרוג אויף יו"ט, און ווען דער זון רבי מאיר נתן איז אינטער געוואקסן, האט דער טאטע אים געגעבן דעם אויפגאבע אז ער זאל אויס קלויבען א שיינעם אתרוג פאר יו"ט פארן טאטן.

נאך די פטירה פון זיין זון רבי מאיר נתן זי"ע ווען די סוחרים האבן געברענגט די אתרוגים, האט דער טאטע געבעטן אז זיי זאלן איבער לאזן די אתרוגים פאר דריי טאג, און נאך דריי טאג וועט ער זיי זאגן וועלכן אתרוג ער קלויבט אויס, ווען די סוחרים זענען צוריק געקומען נאך דריי טאג צום דברי חיים, האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט, "**מיין מאיר נתן איז דא געווען, און ער האט פאר מיר אויסגעקליבן א שיינעם אתרוג אויף יו"ט**".

• • •

**הרה"ח ר' מאיר נתן גאלדבערג ע"ה האט דערציילט**, אז ער איז געבוירן געווארן בשנת תרט"ו עטליכע טעג נאכן פטירה פון הרה"ק רבי מאיר נתן זי"ע, און זיין טאטע איז אריבער צום הייליגען צאנזער רב פרעגן וואסערע נאמען ער זאל געבן פארן קינד, האט דער צאנזער רב געזאגט, "**געב א נאמען נאך מיין מאיר נתן, וועט דאס קינד האבן אריכת ימים**".

האט ער דערציילט אז כאטש געוועינליך גיט מען נישט קיין נאמען נאך איינעם וואס איז נפטר געווארן יונגערהייט, אבער וויבאלד דער הייליגער צאנזער רב האט געהייסן, האט דער טאטע געפאלגט און אים א נאמען געגעבן מאיר נתן, און דער צאנזער רב'ס ברכה איז מקיים געווארן במלוא מובן המלה, ער האט זוכה געווען צו א שטארקע אריכת ימים, און דערגרייכט **צו א זעלטן טיפע עלטער, ער איז נפטר געווארן בשנת תשכ"ב זקן ושבע ימים, זייענדיג 107 יאר אלט**.

• • •

**אין ספר מקור חיים ווערט געברענגט**, אז דער טאטע דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, האט אליין מעיד געווען אויף די גדלות און קדושה פון זיין גרויסן זוהן, און דער טאטע האט געזאגט, **אז זיין זון רבי מאיר נתן איז געווען דבוק אין אהבת התורה אויף אן עילאישן אופן**.

און דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט, אז ער האט זיך אזוי משקיע געווען אין די תורה, אז ווען ער פלעגט זיצן און לערנען, פלעגט ער אינגאנצן פארגעסן פון דער וועלט, און די נאנטע מקורבים האבן דערציילט, אז מערערע מאל פלעגט ער זיצן ביינאכט מיטן ליכט, און אפילו ווען די וואקס ליכט האט שוין אויסגעברענט און די שטוב איז געווארן פינסטער,

**האט ער ממשיך געווען צו לערנען פון זיין זכרון מיט א גרויסע התלהבות, און בכלל נישט באמערקט אז די ליכט האט זיך פארלאשן**, און כמה פעמים האט זיין טאטע דער הייליגער צאנזער רב זי"ע אים געבוירכט מפסיק זיין פון לערנען אז ער זאל זיך גיין אביסל צו לייגן.

• • •

**אין ספר עטרת שלמה ווערט געברענגט**, עס איז באקאנט די מעשה ווען דער צדיק וקדוש רבי מאיר נתן איז געווארן א חתן ביי זיין שווער הרה"ק רבי אליעזר בעל אמרי נועם מדז'יקוב זי"ע, נאכן שידוך האט דער יונגער חתן רבי מאיר נתן געפרעגט זיין שווער א שווערע קושיא אין ש"ס און פוסקים, כדי צו זעהן די גדלות בתורה פונעם מחותן, און דער מחותן דער הייליגער אמרי נועם האט אים געענטפערט מיט אזא גאונות און יראת שמיים.

און רבי מאיר נתן האט זיך אויסגעדריקט פאר זיין פאטער דער הייליגער דברי חיים בזה"ל, "**איך האב זוכה געווען צו א שווער וואס איז מלא תורה ויראת שמים טהורה**", און דער טאטע דער הייליגער דברי חיים האט אויף דעם געזאגט בזה"ל, "**מיין זון, דו ביזט א צדיק, און דיין שווער איז דאך א זוהן פונעם הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, דיין קינד וועט שיינען אין דער גאנצער וועלט**", און די ברכה פונעם טאטן איז טאקע שפעטער מקוים געווארן אויפן הייליגען זוהן הרה"ק רבי שלמה'לע באבאווער זי"ע.

• • •

**אין ספר דרכי חיים ווערט געברענגט**, אז עס האבן דערציילט די חסידי צאנז פונעם פריערדיגן דור, אז ווען רבי מאיר נתן פלעגט שטיין אין ביהמ"ד אין צאנז ביים דאווענען "**קבלת שבת**", פלעגט זיין פנים שיינען מיט א געוואלדיגע לעכטיגקייט און מיט א קדושה עילאה, איינמאל האט זיין פאטער דער הייליגער דברי חיים זי"ע זיך אויסגעדריקט פאר זיינע חסידים ביים טיש בזה"ל, "**מיין מאיר נתן האט א נשמה וואס קומט פון א גאר הויכן עולם, און ווען ער זאגט 'לכה דודי', שיינט אויף אים דער אור פון שבת קודש ווי א שיינענדיגע ליכט**".

אויך האבן די זקני חסידי צאנז דערציילט, אז דער צדיק רבי מאיר נתן פלעגט זיך מייחד זיין פארן דאווענען מיט א גרויסע הכנה, ער פלעגט שטיין אין א ווינקל אין ביהמ"ד פארדעקט מראשו ועד רגליו מיטן טלית, און מען האט געקענט הערן ווי ער קרעכצט און בעט מיט אן אומבאשרייבלעכן ברען, איינמאל האט זיין פאטער, דער הייליגער דברי חיים זי"ע, געזאגט פאר זיין אנדערן זון הרה"ק רבי יחזקאל משינאווא זי"ע בזה"ל, "**זעסט מיין מאיר נתן, ביי אים איז דאס דאווענען נישט קיין מלומדה, נאר ער גיט ארויס זיין גאנצע נשמה פאר דעם רבונו של עולם ביי יעדן ווארט**".

• • •

**אין ספר קדושת ציון ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי מאיר נתן פלעגט זיך פארשליסן אין זיין חדר לימודים און לערנען יומם ולילה אן קיין הפסקות, זיין אשת חיל די רעבעצין מרת בילא ע"ה פלעגט אים לייגן עסן ביי דער טיר, אבער מערערע מאל איז דאס עסן געבליבן שטיין גאנצע טעג אומבארירט, **ווייל ער איז געווען אזוי פארזונקען אין די תורה אז ער האט כמעט נישט מרגיש געווען זיין גשמיות'דיגע געברויכן**.

איינמאל האט זיין פאטער דער הייליגער דברי חיים זי"ע, אריינגעקוקט דורך דעם שלאס-לאך פון זיין חדר, און געזען ווי רבי מאיר נתן לערנט מיט א גאר גרויסן ברען און א געוואלדיגן אנגעשטרענגטקייט, און דער דברי חיים האט זיך אויסגעדריקט נישט אסאך בעפאר די הסתלקות פונעם זוהן בזה"ל, "**מיין מאיר נתן לערנט נישט קיין תורה בעולם הזה, נאר ער לערנט תורה ווי די מלאכים אין הימל**".

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט געברענגט**, אז די התנהגות פונעם צדיק רבי מאיר נתן זי"ע איז געווען מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה וואס איז געווען לשם ולתפארת ביי די געהויבענע חסידי צאנז, און היות ער איז געווען אן איידעם ביים צדיק הרה"ק רבי אליעזר מדז'יקוב זי"ע פלעגט ער זיך כסדר אריבערכאפן קיין דז'יקוב צום שווער.

האט איינמאל דער שווער דער הייליגער אמרי נועם געזאגט פאר זיינע חסידים, "**איך האב זוכה געווען צו אן איידעם וואס איז ממש דומה צו די מלאכים ושרפים**", און דער צדיק רבי אליעזר'ל האט אמאל געזאגט, "**אויף מיין איידעם רבי מאיר נתן קען מען זאגן דעם פסוק "וִהְיִיתֶם לִי קְדֹשִׁים"**",

**ווייל ער האט אפי' נישט קיין שמץ פון תאוות עולם הזה**", און עס ווערט דערציילט אז זיין שמירת עיניים און גדרו עצמו זענען געווען למעלה ממדרגת אנושי, **ביז ער האט כמעט נישט דערקענט די פראסטע גאסן ארום זיך**.

• • •

**אין ספר שיחות שרפי קודש ווערט דערציילט**, אז אפילו דער צדיק רבי מאיר נתן זי"ע איז נפטר געווארן גאר יונג בערך ביי די 33 יאר אלט, און האט קיינמאל נישט געפירט קיין רעביסטעוו, זענען אבער הונדערטער חסידים ואנשי מעשה געקומען צו אים בעטן ער זאל מפלל זיין פאר זיי.

איינמאל איז געקומען א איד קיין צאנז צום הייליגען דברי חיים זי"ע מיט א שווערע גזירה פון די מלוכה, און דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט אים געזאגט, "**גיי צו מיין זון מאיר נתן, זאל ער דיר געבן א ברכה, ווייל די תורה וואס ער לערנט איז בקדושה ובטהרה און דערפאר האט ער דעם כוח צו מבטל זיין גזירות**", דער איד איז געגאנגען צום זוהן רבי מאיר נתן, וועלכער האט אים געבעטן, ער זאל מקבל זיין אויף זיך צו עוסק זיין אין שיעור קבוע בתורה יעדן טאג, און ער האט אים מבטיח געווען א ישועה, און ביז עטליכע וואכן איז די גזירה בטל געווארן באופן נפלא.

• • •

**אין ספר עטרת צבי ווערט געברענגט**, אז אין די ספרים הקדושים ווערט אראפגעברענגט, אז זיין פאטער דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געוואוסט פונעם גרויסן גזירה, אז זיין זוהן רבי מאיר נתן וועט נישט מאריך ימים זיין, און דער ברודער הרה"ק רבי יחזקאל משינאווא זי"ע האט שפעטער דערציילט, אז רבי מאיר נתן האט אמאל געזאגט פאר זיין טאטן דער הייליגער דברי חיים זי"ע, **אז ער איז מוכן צו זיין א "כפרה" פאר כלל ישראל און פאר זיין הייליגן פאטער'ס געזונט**, און ווען ער איז ל"ע קראנק געווארן, האט ער מקבל געווען די יסורים מיט אן אומבאשרייבלעכער שמחה של מצווה, און זיך געזעגנט פון דער וועלט מיט קריאת שמע און דביקות עילאה.

• • •

**אין ספר מקור חיים ווערט געברענגט**, אז אפילו דעם צדיק רבי מאיר נתן זי"ע איז געווען א גדול און א עילוי נפלא בתורה און א אמתע בנן של קדושים, איז זיין ענווה געווען עד להפליא, עס ווערט דערציילט, אז ווען תלמידי חכמים און רבנים פלעגן קומען קיין צאנז זיך מסתופף זיין בצלו פונעם טאטן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, פלעגט זיך דער זוהן רבי מאיר נתן באהאלטן צווישן די בחורים און יונגעלייט כדי מען זאל אים נישט מכבד זיין.

איינמאל האט א חשובע רב אים געכאפט לערנען, און זיך אנגעהויבן מתווכח זיין מיט אים אין א שווערער סוגיא אין ש"ס, ווען דער רב האט ערווארטעט א פלפול פונעם רב'ס זון, האט רבי מאיר נתן זיך אראפגעלאזט מיט א גרויסע שטילקייט און געזאגט, "**איך בין בלויז א לומד, מען דארף פרעגן מיין פאטער**", און דער הייליגער דברי חיים האט שפעטער געזאגט אויף דעם בזה"ל, "**מיין מאיר נתן איז גרויס אין תורה, אבער אסאך גרעסער איז זיין ביטול און ענווה**".

• • •

**אין ספר שיחות שרפי קודש ווערט דערציילט**, אז אין די יארן ווען די עסטרייכישע מלוכה האט ארויסגעגעבן גזירות איבער הויכע שטייערן אויף אידישע נכסים און אויף ספרים.

זענען די עסקנים געקומען בעטן רחמים ביים הייליגען דברי חיים זי"ע, האט דער הייליגער דברי חיים זיי געשיקט צום זוהן רבי מאיר נתן, און געזאגט, "**זיין פלאמע'דיגע תורה ביי אים אין שטוב קענען צאווארפן אלע גזירות, גייט צו אים און בעט אים ער זאל מקבל זיין אינמיטן זיין לערנען צו מתפלל זיין**".

ווען די עסקנים זענען אריין, האט רבי מאיר נתן פארמאכט דעם גמרא, אפגעזיפצט פון טיפן הארצן, און געזאגט די ווערטער, "**דער איין-איינציגער באשעפער וועט רחמנות האבן**", לפלא ביז גאר א קורצע צייט איז די גזירה בטל געווארן אויף אן אומגעווייינטלעכן אופן דורך די רעגירונגס-באאמטע.

• • •

**אין ספר עטרת שלמה ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק רבי מאיר נתן איז ליידער קראנק געווארן מיט זיין מחלה בעפאר זיין הסתלקות, האט ער מרגיש געווען מיט זיין רוח הקודש, אז זיין צייט אויף דער וועלט איז קורץ, נישט קיין סאך בעפאר זיין פריצייטיגע הסתלקות איז אים געבוירן

געוואָרן זיין זוהן, און ער האט באשלאסן אים א נאָמען צו געבן "**שלמה**", ווען מען האט אים געפרעגט איבער דעם נאָמען.

האט רבי מאיר נתן געענטפערט מיט גרויס דביקות, "**דער נאָמען 'שלמה' קומט פון דעם ווארט 'שלימות', איך וועל אליין נישט זוכה זיין צו ערציען דאס קינד מיט מיינע אייגענע הענט, אבער זיין נשמה איז גאנץ און שלום, און ער וועט מסיים זיין די עבודה וואס איך האב נישט באוויזן צו ענדיגן אויף דער וועלט**", שפעטער האט זיין פאטער דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, אליין מעיד געווען, אז זיין אייניקל רבי שלמה'לע האט טאקע ממשיך געווען די קדושה און תורה פון זיין פאטער רבי מאיר נתן אויף א שלום'דיגן און גאנצן אופן.

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז דאס איינציגסטע גשמיות'דיגע ירושה וואס דער יתום'ל רבי שלמה'לע האט באקומען פון זיין פאטער רבי מאיר נתן זי"ע, איז געווען זיין קליין "**טלית קטן**" וואס דער פאטער פלעגט טראגן בעת ער האט געלערנט ביינאכט.

ווען רבי שלמה'לע איז אלט געוואָרן קרוב צו זיין בר-מצוה, האט אים זיין זיידע דער הייליגער דברי חיים זי"ע איבערגעגעבן דעם טלית קטן און אים געזאָגט, "**קוק אויף די ציצית פון דיין פאטער רבי מאיר נתן, ער האט זיי געמאכט מיט אזא גרויסע קדושה און כוונה, אז ווען דו וועסט עס טראגן, וועט די קדושה פון דיין פאטער דיר שטיין צו הילף און דיר באשיצן פון אלע נסיונות**", און דער צדיק רבי שלמה'לע האט דעם טלית קטן אפגעהיטן ווי די שווארץ-אפל פון די אויגן זיין גאנץ לעבן, און פלעגט עס ארויסנעמען נאר ביי באזונדערע געהויבענע זמנים.

• • •

**אין ספר קדושת ציון ווערט דערציילט**, אז איידער דער צדיק רבי שלמה'לע מבאבוב זי"ע האט געפראַוועט זיין חתונה, איז ער געווען זייער אנגעוויַיטאגט און בצער איבער דעם **וואס זיין פאטער איז נישט מער בין החיים אים צו פירן אונטער דער חופה**, אין דער נאכט פאר דער חתונה איז זיין טאטע דער צדיק רבי מאיר נתן זי"ע אים נתגלה געוואָרן אין א חלום מיט א שיינעדיגע פנים, און ער האט אים געזאָגט.

"**מיין ליבע זוהן שלמה'לע, זאָלסט נישט מיינען אז דו ביזסט אליין! איך שטיי לעבן דיר, און צוזאמען מיט מיין פאטער דער הייליגער דברי חיים, און דיין שווער דעם הייליגער 'אמרי נועם', וועלן מיר דיך באגלייטן אונטער דער חופה און משפיע זיין ברכות מן השמים**", און ווען רבי שלמה'לע איז אויפגעשטאנען צופרי, איז זיין פנים געווען אנגעפילט מיט א גרויסע שמחה, און ווען ער האט דערציילט דעם חלום פאר זיין זיידן דעם הייליגען דברי חיים, האט ער אים באשטעטיגט און געזאָגט בזה"ל, "**דיין פאטער איז אמת'דיג געקומען צו פארן**".

• • •

**אינעם ספר שיחות שרפי קודש ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי שלמה מבאבוב זי"ע פלעגט תמיד מקפיד זיין צו האבן א ליכטיג און שמייכלדיג פנים צו יעדן איד, אפילו ווען ער איז געווען אין גרויסע יסורים אדער טיפע מחשבות און דביקות, איינמאל האט אים איינער פון זיינע מקורבים געפרעגט, פון וואו ער האט אנגענומען דעם מנהג תמיד צו זיין אזוי בשמחה ובמאור פנים.

האט דער צדיק וקדוש רבי שלמה'לע אים געענטפערט פאר דעם מקורב, "**איך האב געהערט פון די זקני החסידים וואס האבן געקענט מיין פאטער רבי מאיר נתן זי"ע, אז אפילו ווען ער איז געווען פארזונקען אין די הויכע עולמות און אין עבודת השם, פלעגט ער יעדן מענטש באגעגענען מיט א גרויסער אהבה און א מאור פנים, און איך פרואוו צו גיין אין זיינע הייליגע טריט**".

• • •

**אינעם ספר דרכי חיים ווערט דערציילט**, אז עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך זקני חסידי צאנז, אז דער צדיק רבי מאיר נתן פלעגט זיך אפט פארשליסן אין זיין חדר און זאגן קאפיטלעך תהילים מיט אומבאשרייבלעכע דביקות און בכיות, איינמאל זענען א גרופע חסידים געפארן אויף א וויַיטן און געפארפולן וועג, און זיי האבן זיך מזכיר געווען ביים הייליגען דברי חיים זי"ע.

האט דער הייליגער דברי חיים זיי געזאָגט, "**גייט אריין צו מיין זוהן מאיר נתן, און בעט אים ער זאָל זאגן פאר אייך א קאפיטל תהילים, זיין תהילים האט דעם כוח צו פארטרייבן אלע מזיקים און מקטרגים אויפן וועג**", דער צדיק רבי מאיר נתן

האט פאר זיי געזאגט עטליכע קאפיטלעך תהילים מיט גרויס כוונה, און די חסידים זענען צוריקגעקומען בשלום אן שום מכשול.

• • •

**אין ספר מקור חיים ווערט דערציילט**, אז אפילו דעם צדיק רבי מאיר נתן איז געווען א גאון עצום און א בקי נפלא אין די חסידישע ספרים, האט רבי מאיר נתן שטארק פיינט געהאט דאס בארימערייי און כבוד, און דערפאר פלעגט ער כסדר לערנען אין אן אומבאמערקטן ווינקל, און ווען ער האט געהערט אז עמיצער קומט אריין אין שטוב, **פלעגט ער שנעל פארדעקן זיין ספר מיט אן אנדערן פשוט'ן ספר, כדי מען זאל נישט באמערקן אין וועלכע הויכע סוגיות ער איז פארזונקען**, און זיין פאטער דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט איינמאל באמערקט די הנהגה פונעם זוהן, האט ער געזאגט פאר זיינע מקורבים, "**מיין מאיר נתן באהאלט זיין תורה פון די מענטשן, אבער אין הימל שיינט זיין תורה מיט א הייליגע גלאנץ**".

• • •

**אין ספר עטרת שלמה ווערט געברענגט**, אז עס איז באקאנט די עבודה פונעם צדיק רבי מאיר נתן זייענדיג סמוך על שולחן ביים שווער הרה"ק רבי אליעזר מדז'יקוב זי"ע, זיין שווער האט אים איינמאל געפרעגט וועגן זיין סדר הלימוד און וויאזוי ער יאגט אן צו לערנען אזויפיל שעות אן קיין מנוחה.

דער איידעם רבי מאיר נתן האט אים געענטפערט מיט גרויס ביטול, "**אז מען טראכט פונעם גרויסן באשעפער און פון דעם אמת'ן תכלית פונעם מענטש אויף דער וועלט, פילט מען נישט קיין מידקייט אין די פיס אדער אין דעם קאפ**", דער הייליגער אמרי נועם איז מורא'דיג נתפעל געווארן פון זיינע הייליגע ווערטער, און האט אים געגעבן א ברכה, **אז זיין תורה וועט בלייבן אן ענדלאזע ירושה פאר זיינע קינדער און אייניקלעך**.

• • •

**אין ספר שיחות שרפי קודש ווערט דערציילט**, אז חוץ זיין גרויסער גאונות בתורה, איז דער צדיק רבי מאיר נתן געווען בארימט און א גאון עולם מיט זיין מידת החסד פאר ארעמעלייט און אלמנות, ער פלעגט אוועקגעבן זיין אייגן געלט און אפילו זיין עסן פאר עניים וואס זענען אנגעקומען צום הויף אין צאנז.

און עס ווערט דערציילט, אז איינמאל האט ער געזען אן ארעמען איד וואס האט זיך געשעמט אריינצוגיין צום הייליגען דברי חיים זי"ע בעטן א נדבה, און דער צדיק רבי מאיר נתן אליין צוגעגאנגען צו אים, אים בארואיגט מיט א ווארעם ווארט, און אים געגעבן געלט פון זיין אייגענער קאסע, זאגנדיג, "**השי"ת זאל דיר העלפן, זאלסט וויסן אז קיין עני בלייבט נישט אן א תשועה**".

**יארצייט ט"ז אב**

**הרה"ק רבי מנחם מענדל ב"ר משה אברהם דוד**
**זי"ע, (לעזער)**
**בעל שובע שמחות, מטארנא, אב"ד סטריזוב**

ער איז געבוירן אין שטאט טארנא, **בשנת תקמ"ח**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי משה אברהם דוד** זי"ע.

ער איז געווען א איש אלקים קדוש וטהור מאוד, ער איז געווען א גאון מובהק און א בקי בכל חדרי תורה בנגלה ובנסתר, כל רז לא אניס ליה, מנורה הטהורה, חכם עצום בוצינא קדישא חסידא ופרישא, נאה דורש ונאה מקיים, ער איז געווען א געוואלדיגע בעל דרשן **און א הארציגע בעל תפלה**, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, און ער האט מיט זיינע געוואלדיגע כוחות דקדושה מעורר געווען לבם לאביהם שבשמים.

עס איז נישט באקאנט קיין סאך פון זיין משפחה, אבער ווי עס איז באוויסט איז ער געווען א איידעם ביי הרה"ח **הנגיד רבי צבי הירש גאלדהאמער מדוקלא** זי"ע, וואס איז אויך געווען דער שווער פון הרה"ק **בעל זרע קודש מרופשיץ** זי"ע.

אויפן שווער רבי צבי הירש זי"ע ווערט דערציילט, אז זייענדיג א יונג קינד ביי זיין טאטן רבי מרדכי, איז איינמאל געווען ביי זיי אין שטאט דער בעש"ט הקדוש זי"ע, און ער איז איינגעשטאנען ביי זיי אין שטוב, און ווען דער בעש"ט האט זיך געזעגנט פון דעם טאטן, האט ער געזאגט, **אז בשכר וואס ער האט זיך אזוי מטריח געווען פאר אים, וויל ער אים בענטשן**.

האט דער טאטע געזאגט, אז ב"ה עס פעלט אים גארנישט, ער האט פרנסה און אויך קינדער ערליך און געזונט, נאר איך האב איין זון **הערשעלע**, געפעלט ער מיר נישט, **ער פוצט זיך צופיעל די שטיוול**, האט אים דער בעש"ט הקדוש געזאגט בזה"ל, "**ער וועט אייך נאך אויפשטעלן א שיין גרויס דור**", און די ברכה פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע איז מקיים געווארן, ווען דער רבי צבי הירש האט געהאט גרויסע איידעמער גדולים און קדושים וואס האבן משפיע געווען תורה און עבודת השם מיט קדושה פאר כלל ישראל.

גאנץ אנפאנג האט ער געוואוינט אין שטאט טארנא, און דארט האט ער געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, און גאנץ שנעל איז ער נתפרסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע חריפות און בקיאות התורה, גרויסע חכמי הדור און גאונים בדורו האבן אים גאר שטארק מחבב געווען און מעריץ געווען, ער איז דאן געווען באוויסט אלס א בקי בש"ס ופוסקים און א געוואלדיגע חכם.

אויך איז זיין עבודת השם געווען מיט א מוראדיגע התלהבות דקדושה און א אש קודש, אסאך אידן האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און געשעפט יראת שמים און א דרך אין עבודת השם, אויך איז ער געווען שטארק באוויסט **מיט זיין מדת השמחה**, און יעדער וואס איז געקומען אין בארורונג מיט אים איז נשפע געווארן פון זיין שמחה דקדושה.

לימים האט זיך דער צדיק מדבק געווען אין די צדיקי הדור.

קודם איז ער געפארן צו הרה"ק **רבי מנחם מענדל מרימנוב** זי"ע, און ער איז געווארן פון די תלמידים מובהקים פונעם צדיק מרימנוב זי"ע, וואס האט אים גאר שטארק מחבב געווען צוליב זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און אויך זיין געוואלדיגע קדושה.

שפעטער האט ער זיך אויך מסתופף געווען בצלו פונעם **הייליגען חוזה מלובלין** זי"ע, און אויך ביים **הייליגען מגיד מקאזניץ** זי"ע, אויך ווערט געברענגט אז ער איז געווען א תלמיד און חסיד פונעם **הייליגען אוהב ישראל מאפטא** זי"ע.

ביים הייליגען מגיד מקאזניץ זי"ע האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע אהבה, ווי עס איז מעיד אויף דעם הגה"ק רבי זאב וואלף פרענקל אב"ד פשעווארסק זי"ע, אין זיין הסכמה אויפן ספר שובע שמחות בזה"ל, "**זכרתי ימים מקדם עת הייתי חופף תחת צל רבינו הקדוש רבינו מנחם זצלה"ה מרומנאב, גם כבודו היה שמה, אזני שמעה גודל הפלגת רבינו זצלה"ה אשר הפליא אותו עד להפליא, רוח ד' נשבה בו ובלבו כאש בערה לעבודת ד'**".

וויבאלד ער איז געווען באוויסט אלס א שיינע הארציגע בעל תפלה און א גאר שיינע בעל מנגן, און אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין

געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט, האט אים רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע געשטעלט **אלס בעל תפלה די ימים נוראים**.

מען דערציילט, אז די תפילות זענען צו געגאנגען מיט א מורא'דיגע ברען און א אש דקדושה, און קולות וואס האבן געשפאלטן הימלען, איין יאר ווען ער האט געדאווענט ימים נוראים פארן עמוד, און ער איז צו געגאנגען שחרית צום עמוד און געזאגט "**המלך**" מיט א **התלהבות דקדושה**, זענען געווען צוויי אייזענע שטאנגען אויפן עמוד, און מרוב התלהבות וואס ער האט זיך אין דעם אנגעכאפט, און אויך איז ער געווען א געוואלדיגע בעל כוח, **האט ער צו בויגען די שטאנגען און מען האט עס נישט געקענט צוריק בייגן**.

איין יאר נאך ראש השנה זענען א קבוצה פון חסידים פון רימנוב געפארן אויף יום הקדוש צום הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, און דער חוזה האט זיך ביי זיי נאכגעפרעגט, ווער עס האט געדאווענט ראש השנה פארן עמוד ביים צדיק רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע.

האבן די חסידים געזאגט אז, "**דער גרויסער מנדילי**", אזוי האט מען גערופן דעם הייליגען שובע שמחות זי"ע, האט דער חוזה געפרעגט, ביידע טעג האט ער געדאווענט פארן עמוד, האבן די חסידים געזאגט אז יא, האט דער חוזה געזאגט בזה"ל, "**איך האב נאר געהערט איין טאג**".

ווען די חסידים האבן דערציילט פאר רבי מענדל מטארנא וואס דער חוזה האט געזאגט, האט ער זיך פארטראכט, און דאן האט ער געזאגט, דער חוזה איז טאקע גערעכט, ווייל דעם ערשטן טאג ביים דאווענען האב איך מיך נישט אזוי שטארק אנגעשטרענגט, ווייל איך האב געוואלט לאזן אביסל כוח צו קענען דאווענען דעם צווייטן טאג אויך, און דערפאר האט דער הייליגער חוזה נאר געזען איין טאג דאווענען.

איין יאר יום הקדוש אינמיטן תפילות מוסף, ווען רבי מענדעלע מטארנא האט געהאלטן ביי דעם עבודת כהן גדול, און ער האט דאך געדאווענט אין א **מחזור על פי נוסח האר"י הקדוש זי"ע**, האט רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע **פארמאכט דעם מחזור פונעם בעל תפלה רבי מענדעלע**.

דער עולם האט זיך זייער גע'חידוש'ט אויף דעם און נישט פארשטאנען פארוואס די רבי האט פארמאכט דעם מחזור האר"י, אבער נאכן דאווענען האט דער צדיק מרימנוב געזאגט, איך האב מרגיש געווען, אז **רבי מענדעלע איז מכוון די כוונות וואס דער כהן גדול האט מכוון געווען אין קדשי קדשים יום הקדוש**, און וויבאלד ער איז נאך זייער יונג, ווייל ער איז דאן נאר געווען בערך דרייסיג יאר, האט דער צדיק מורא געהאט אז די כוונות וועט אים נאך שאטן, און דערפאר האט ער פארמאכט דעם מחזור, כדי אים צו מבלבל זיין פון די כוונות.

מען דערציילט, אז איין יאר האט ער זוכה געווען צו דאווענען פארן עמוד יום הקדוש **שחרית** ביים **הייליגען חוזה מלובלין** זי"ע, און דאס איז געווען א מעשה נפלאה וואס ווערט געברענגט אונעם קונטרס "תרי צנתרי דדהבא".

דער הייליגער צדיק דער שובע שמחות איז זייער נזהר געווען זיין גאנץ לעבן **נישט אויפצוועקן א איד פון שלאף**, ער האט קיינמאל נישט מגלה געווען דעם טעם דערפון, איין יאר איז ער געפארן אויף יום הקדוש צו זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע.

נאכמיטאג איז ער געגאנגען צו זיין אכסניא כדי צו שעפן אביסל כח פאר דעם הייליגען טאג יום הקדוש, דארט אין דעם אכסניא איז געווען א בחור וואס האט אים געבעטן, אז ער וויל גיין צוזאמען מיט אים דאווענען צום חוזה, און רבי מענדעלע האט אים צו געזאגט אז ער וועט אים מיט נעמען.

אבער בינו לבינו איז דער בחור איין געשלאפן, און ווען עס איז געקומען די צייט צו גיין דאווענען כל נדרי, האט דער צדיק נישט געוויסט וואס צו טון, ווייל ער האט דאך מבטיח געווען דעם בחור אז ער וועט אים מיט נעמען, אבער פון די אנדערע זייט האט ער נישט געוואלט אויפוועקן דעם בחור צוליב זיין מנהג פון נישט אויפוועקן קיין איד פון שלאף.

מיט א צובראכן הארץ האט זיך דער הייליגער שובע שמחות געשטעלט דאווענען דארט אין זיין אכסניא, און אזוי האט ער אפ געדאווענט דעם גאנצן דאווענען פון יום הקדוש ביינאכט, פון כל

נדרי ביז אדון עולם, נאר כדי נישט צו אויפוועקן דעם בחור פון שלאף.

יום הקדוש צופרי ווען ער איז אנגעקומען צום ביהמ"ד פונעם הייליגען חוזה מלובלין, האט ער זיך זייער געשעמט פונעם חוזה, אז ער איז נישט געקומען ביינאכט דאוונען אין ביהמ"ד, האט ער זיך איינגעהילט אין זיין טלית אריבער דעם קאפ, און זיך געשטעלט דאוונען אונטערן אויוון אין שוהל, און געהאפט אז דער חוזה וועט אים נישט באמערקן.

אבער ווי עס איז באקאנט האט דער הייליגער חוזה קיינמאל נישט צוגעגרייט קיין בעלי תפלה בעפאר יו"ט, נאר דאן ווען מען האט געברויכט צו גיין, האט ער געזען ווער עס איז ראוי צו דאווענען, און יענעם האט ער צו געשיקט צום עמוד.

מען האט געהאלטן ביי נשמת, און דער הייליגער חוזה שפאצירט אראפ אין דעם שוהל און זיכט איינעם, און דאן גייט דער הייליגער חוזה צו אונטערן אויוון, און אן אפילו קוקען ווער דאס איז אונטערן טלית, האט אים דער חוזה אן געכאפט און צו געפירט צום עמוד דאווענען שחרית.

מוצאי יום הקדוש ווען יעדער איז אריבער זיך בענטשן ביים הייליגען חוזה אז מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס, ווען רבי מענדל איז דורך, האט דער חוזה זיך אנגערופען, "**מענדעלע איך האב דיר אפגעטוהן א שיין שפיצעל**", האט ער שוין גלייך פארשטאנען אז דער חוזה האט אלעס געזען וואס האט זיך געטון די נאכט בעפאר.

און דער הייליגער חוזה האט צו געלייגט, "**אז עס איז געווען ר"ל א גרויסע גזירה אויף כלל ישראל דעם יום הקדוש, און עס איז נישט געווען קיינער וואס זאל דאס קענען מבטל זיין, אבער דער רבי מענדל, ווייל ער האט ליל יום הקדוש ביי כל נדרי געדאווענט מיט אזא צובראכן הארץ אז ער קען נישט גיין אין שוהל דאווענען, האט ער מיט דעם דאווענען מבטל געווען דעם גזירה**".

אויך איז ער געווען גאר שטארק בידידות מיט הרה"ק **רבי מרדכי דוד אונגאר מדאמבראווא** זי"ע און ער האט זיך מיט אים אסאך געשריבן שאלות ותשובות.

ער האט משמש געווען ברבנות אין שטאט **סטריזוב** פאר אפאר יאר, און אסאך אידן זענען דארט געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און מקבל געווען א דרך אין עבודת השם, ער איז געווען דאן גאר געשעצט אין דעם שטאט, און מיט זיין געוואלדיגע כח התורה און חכמה האט ער געפירט דעם קהלה אין סטריזוב, אויך האט ער דארט עוסק געווען אין שווערער הלכות און זייענדיג א פוסק מובהק האט ער דארט אויך עוסק געווען אין היתר עגונות.

שפעטער איז ער צוריק צו זיין שטאט **טארנא**, און דארט האבן זיך מדבק געווען אין אים גדולים און גאונים און אידן יראים ושלמים, ער האט גאר אסאך משפיע געווען פאר אידן סיי מיט זיין תורה און אויך מיט זיין געוואלדיגע עבודת השם, אויך זענען אסאך אידן געהאלפן געווארן מיט ברכות און ישועות פון דעם צדיק.

אבער ליידער בעוה"ר איז נישט געווען באשערט פארן דור אז דער צדיק זאל מעריך ימים זיין, **און זייענדיג נאר 43 יאר אלט איז דער צדיק וקדוש נסתלק געווארן**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה אין זיין **ספר שובע שמחות**, און אויך איז געדריקט געווארן א ספר, **שו"ת שובע שמחות** פון זיינע שו"ת.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ח **רבי בנימין זאב וואלף לעזער** ע"ה,<br>
הרה"ח **רבי משה אברהם דוד לעזער** ע"ה, וואס האט מדפיס געווען דעם הייליגען **ספר שובע שמחות**,<br>
חתנו הרה"ח **רבי מאיר פייגענבוים** ע"ה,<br>
חתנו הרה"ח **רבי מאיר רייך** ע"ה.

נסתלק לגנזי מרומים **ט"ז מנחם אב בשנת תקצ"א**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **טארנא**.

זכותו הגדול יגן עלינו<br>
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין ספר שם ושארית ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק רבי מנחם מענדל איז נאך געווען א

יונגערמאן, איז ער אנגעקומען קיין לובלין צו זיין רבין דעם הייליגן חוזה מלובלין זי"ע, זיין פאטער הרה"ק רבי משה אברהם דוד איז געווען א גרויסער גביר און א תלמיד חכם, דערציילט מען, אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט זייער ליב געהאט דעם יונגן רבי מנחם מענדל צוליב זיין גדלות בתורה און זיין גרויסע קדושה און זיין געוואלדיגע עבודת השם.

איינמאל האט דער הייליגער חוזה אים געזאגט, "**מנחם מענדל, איך קען דיר משפיע זיין גרויס עשירות און אסאך גוטס אויף די וועלט**", דער צדיק רבי מנחם מענדל האט זיך אבער אנגערופן מיט גרויס יראת שמים, "**רבי, איך בעט נישט קיין עשירות, נאר איך וויל זוכה זיין צו תורה, יראת שמים און קדושה**", דער היייגער חוזה האט זייער הנאה געהאט פון זיין תשובה און אים געבענטשט **מיט גרויס סייעתא דשמיא בתורה און חסידות**.

• • •

**אין ספר עשר עטרות ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי מנחם מענדל איז אויך געווען א גרויסע תלמיד פונעם אפטא רב דער הייליגער אוהב ישראל זי"ע, וועלכער האט גאר שטארק געהאלטן פון זיין גדלות בתורה און קדושה, און דער הייליגער אפטא רב האט גאר אסאך משבח געווען דעם צדיק מיט זיין גרויסע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט.

ווערט דערציילט אז ווען רבי מנחם מענדל איז געקומען קיין אפטא, האט דער אוהב ישראל אים מכבד געווען מיט גרויס כבוד עפעס וואס ער האט נישט געטאן פאר אנדערע יונגע רבנים, ווען די חסידים האבן זיך געוואונדערט אויף דעם, און געפרעגט דעם רבין די סיבה פארוואס ער איז אזוי מכבד דעם גאון רבי מנחם מענדל, האט דער הייליגער אפטא רב געזאגט, "**אז ער זעט אויף דעם סטריזובער רב, א גאר הויכע נשמה פון די פריערדיגע דורות, און זיין תפילה שפאלט אלע הימלען**".

• • •

**אין די הקדמה צום ספר שובע שמחות ווערט געברענגט**, אז דער ספר "שובע שמחות" איז באקאנט געווען מיט געוואלדיגע טיפקייט אין **נסתר** און אין **דרוש**, אין עס ווערט געברענגט, אז דער צדיק רבי מנחם מענדל פלעגט דאווענען מיט א געוואלדיגע התלהבות און דביקות עילאה, **ממש ווי די פריערדיגע תלמידי בעש"ט זי"ע**.

און ער פלעגט זאגן, אז די עיקר עבודה פונעם מענטש איז **צו באהעפטן די גשמיות מיט די רוחניות דורך די תפילה און לימוד התורה**, און זיין זון רבי בנימין זאב וואלף זי"ע, שרייבט אין די הקדמה צו זיין ספר "שובע שמחות" וועגן זיין פאטער'ס גרויסע מדרגות אין קדושה, ופרישות, און וויאזוי ער האט זיך ממש מוסר נפש געווען פאר יעדן איד אין זיין שטאט סטריזוב און שפעטער אין טארנא.

• • •

**אין ספר עטרות תפארת ווערט געברענגט**, אז דער צדיק וקדוש רבי מנחם מענדל זי"ע איז געווען גאר נזהר אין כבוד פון אנדערע ערליכע אידן, און אפילו פשוטע אידן האט דער צדיק מכבד געווען מיט זיין גרויס עניוות, און זיין רבי דער הייליגער אוהב ישראל מאפטא זי"ע, האט גאר שטארק געהאלטן פון זיין תלמיד'ס גרויסע כח התפילה און זיינע מדרגת דקדושה.

איינמאל איז אנגעקומען צום הייליגן אוהב ישראל מאפטא א אומגליקלעכער דארפס-איד וואס האט ליידער זיך צוזאמען געליטן גרויסע רדיפות פון דעם ארטיגן פריץ, דער פריץ האט אים געוואלט ארויסווארפן פון זיין ארעמער קרעטשמע און איבערגעבן די פרנסה פאר א צווייטן, און דער איד האט געוויינט פארן הייליגן אפטא רב מיט ביטערע טרערן אז ער זאל אים העלפן מיט א ישועה.

דער הייליגער אפטא רב האט אים אויסגעהערט מיט גרויס רחמנות און האט אים געזאגט, "**פאר קיין סטריזוב צו מיין תלמיד רבי מנחם מענדל, ער האט א כח מעורר צו זיין רחמי שמים, און וואס ער איז גוזר, טוט דער אייבערשטער**".

דער איד איז גלייך געפארן קיין סטריזוב, און ווען ער איז אנגעקומען צום צדיק רבי מנחם מענדל, האט ער זיך צעוויינט און דערציילט די גאנצע מעשה, דער צדיק רבי מנחם מענדל מיט זיין גרויסע ענווה, האט זיך פראבירט צו אפשאקלן און געזאגט פאר דעם איד, "**ווער בין איך דען אז דער רבי זאל דיך שיקן צו מיר, איך בין דאך א**

**פשוטער מענטש**", און ער האט זיך אפגעזאגט פון געבן א ברכה.

דער ארימאן איז צוריקגעפארן קיין אפטא אינגאנצן אנטוישט, און ווען ער איז אריין צום הייליגען אוהב ישראל, האט דער אפטא רב באלד דערפילט וואס עס איז געשען, און ער האט זיך צעשמייכלט און געזאגט, "**אויב רבי מנחם מענדל באהאלט זיין כח צוליב ענוה, וועלן מיר אים מוזן גוזר זיין**", און דער אפטא רב האט ארויסגעשיקט א שליח קיין סטריזוב מיט א קלארן אנווייזונג צו רבי מנחם מענדל, אז ער זאל גלייך מתפלל זיין פאר דעם איד.

ווי נאר דער שליח איז אנגעקומען, האט רבי מנחם מענדל געפראוועט א תיקון און זיך פארמאכט אין זיין חדר אויף עטליכע שעה און אריין אין א גרויסע דביקות, נאכדעם איז ער ארויסגעקומען און געזאגט פאר דעם איד, "**פאר אהיים בשלום, דער גזירה איז בטל געווארן**", ווען דער איד איז אנגעקומען אהיים, האט ער זיך דערוואוסט, אז דעמאלטס ממש יענע שעה, האט דער פריץ פלוצלינג חרטה געהאט און אים צוריקגעגעבן דעם קאנטראקט אויפן קרעטשמע מיט גאר גוטע תנאים.

• • •

**אין ספר שם ושארית ווערט געברענגט די מעשה**, אז אין די שפעטערדיגע יארן, ווען ער האט געפירט זיין עדה אין טארנא, פלעגן קומען הונדערטער חסידים און תלמידי חכמים זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק און געקומען מיטהאלטן זיינע הייליגע טישן.

איינמאל שבת ביינאכט ביי די סעודה איז געזעסן ביים טיש א גאסן-סוחר וואס איז געווען פארפלאנטערט אין א גאר שווערן עסק, ער האט זיך געמוטשעט מיט א שמועה אז מ'גייט אים אנקלאגען אין בית דין אויף א גרויסן סכום געלט וועגן א פאלשע עדות'שאפט וואס א שווינדלער האט אנטקעגן אים אויפגעמאכט, **און דער סוחר האט גארנישט געזאגט פאר קיין איין מענטש אין טארנא, נאר ער איז געזעסן ביים טיש פול מיט דאגות.**

אינמיטן זאגן תורה אויפן פסוק פונעם וואכענדיגן סדרה, האט דער צדיק רבי מנחם מענדל זיך אפגעשטעלט, ער האט ארומגעקוקט אויפן עולם און געזאגט מיט א הויכן קול, "**השם יתברך איז א שופט צדק! ווען א מענטש גייט בדרך אמת און מען פרובירט אים אומזיסט צו פעלשן מיט שקר, זאל ער וויסן, אז דער שקר האט נישט קיין פיס צו שטיין, און די אמת'דיגע ישועה וועט אים באלד אויפשיינען**".

דער סוחר האט באלד דערשפירט אז די ווערטער זענען געווען געזאגט פאר אים, ער האט באקומען א גרויס חיזוק, און זיך געשטארקט און געגלייבט, אז ישועה קרובה לבוא, בערך א וואך שפעטער, איז דער פאלשער עדות אנטפלעקט געווארן אין בית דין אלס א ליגנער, און דער סוחר איז אינגאנצן ריין ארויסגעקומען פון דעם עסק.

• • •

**אינעם ספר בית שלמה ווערט געברענגט די מעשה**, ווי באוויסט פלעגט דער צדיק רבי מנחם מענדל זי"ע דאווענען מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש און מיט א ברען וואס האט מעורר געווען יעדן וואס איז נאר געשטאנען דערנעבן, און האט אויפגעשאקלט אלע ארומיגע.

איינמאל א ערב יום הקדוש אין שטאט סטריזוב, און דער צדיק זייענדיג דער בעל תפילה ימים נוראים, פלעגט ער זיך פארגרייטן צו די תפילות מיט א מורא'דיגע פחד און יראה און מיט א געוואלדיגע התלהבות און מיט א געוואלדיגע פחד יום הדין, און די שטאט-לייט וואס זענען דאן ערב יו"ט געווען בשעת דער צדיק האט זיך פארגעגרייט צו די הייליגע תפילות זענען מעורר געווארן צו תשובה.

בשעת'ן זיך גרייטן צו די תפילות פון יום הקדוש, האט דער צדיק באמערקט, אז איינער פון די פשוטע בעלי מלאכות, א פשוטער שוסטער, **איז נישט אנגעקומען אין בית המדרש צו כפרות**, דער צדיק רבי מנחם מענדל האט אפגעשטעלט די הכנות, און געשיקט זיין משמש זוכן דעם שוסטער, עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער שוסטער איז געווען זייער ארעם און האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א טשיקן פאר כפרות, און צוליב בושה האט ער זיך באהאלטן אין שטוב.

דער צדיק רבי מנחם מענדל אליין איז געגאנגען צו זיין הויז, אים געברענגט א הינדל פאר כפרות, און געזאגט פאר דעם איד דעם שוסטער, "**איך קען נישט אריינגיין צו יום כיפור דאווענען ווען איין איד אין מיין שטאט פילט זיך אפגעפרעמדעט אדער פארשעמט**", די חסידים האבן דערציילט, אז יענעם יום כיפור איז די תפילה פונעם רבין געווען אין א דרגה וואס מ'האט נאך נישט געזען בעפאר, עס איז געווען א געהויבענע עת רצון פארן גאנצן שטאט.

**יארצייט י"ז אב**

**הרה"ק רבי אברהם מרדכי ב"ר בנימין זאב יעקב זי"ע, (הורוויץ), מפינטשוב**

ער איז געבוירן אין שטאט זימיגראד, **בשנת תקכ"ו**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי בנימין זאב יעקב אב"ד זארנאווצא/וולבראם** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי משה מבענדין** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אהרן רוקח** זי"ע, דער שווער פון הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שמואל שמעלקי מרגליות אב"ד עלקיש** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי יהושע העשיל חריף בעל מגיני שלמה מקראקא** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת שרה** ע"ה, בת הגה"ק **רבי יצחק מרגליות** זי"ע.

ער איז געווען א צדיק תמים און א איש קדוש מאוד וחסיד נשגב, ער איז געווען א גאון עצום און א גדול נפלא בתורת הנגלה והנסתר, **ער האט זוכה געווען צו משמש זיין דריי הונדערט צדיקים בעלי רוח הקודש**, און צווישן די זענען געווען אסאך תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע, און ער האט זיך מסתופף געווען ביי כמעט אלע צדיקים בדורו, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע בעל מופת און א גרויסע פועל ישועות.

ער איז געווארן א יתום זייענדיג גאר יונג ווען זיין טאטע הרה"ק רבי בנימין זאב יעקב זי"ע איז נסתלק געווארן יונגערהייט, און ער איז ערצויגען געווארן ביי זיין ברודער הגה"ק **רבי יוסף המגיד מזמיגראד** זי"ע.

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון די צוויי צדיקים וקדושים בדורו.
הרה"ק **רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק** זי"ע.

אויך האט ער משמש געווען גאר אסאך צדיקים בעלי רוח הקודש פון די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע, און די תלמידים פון הרה"ק המגיד ממעזריטש זי"ע, און ער האט בחייו גאר אסאך עוסק געווען מיטן דערציילן סיפורי צדיקים, און צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט בחייו דערציילט **בערך 1000 מעשיות פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע**, וואס ער האט אליין געהערט פון די תלמידים, און אסאך פון די מעשיות האט זיין הייליגער איידעם הרה"ק רבי אייזיק מקאמארנא זי"ע געשריבען אין זיינע ספרים.

דער הייליער צדיק רבי אברהם מרדכי האט זיך מסתופף געווען ביי רוב צדיקים בדורו און זיי משמש געווען כסדר ובתוכם.

הרה"ק **רבי משולם זושא מאניפולי** זי"ע,
הרה"ק **רבי לוי יצחק בעל קדושת לוי מבארדיטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי יעקב יצחק בעל החוזה מלובלין** זי"ע,
הרה"ק **רבי זאב וואלף בעל אור המאיר מז'יטומיר** זי"ע,
הרה"ק **בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלמה מקרלין** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה חיים אפרים בעל דגל מחנה אפרים מסדילקוב** זי"ע.

דער הייליגער צדיק מפינטשוב האט געזאגט, אז ער האט אמאל געהערט פון זיין רבין דער הייליגען נועם אלימלך מליזענסק זי"ע, **אז עס איז אים א חידוש אויף די תנאים, אז זיי האבן געזען ברוח קדשם עד סוף כל הדורות**, (מסכת סנהדרין דף צ"ז - צ"ח) אז עס וועלן קומען גזירות רעות און גרויסע יסורים אויף כלל ישראל בעפאר משיח גייט קומען, אבער ווי אזוי קען זיין, **אז זיי האבן נישט געזען אז עס וועט זיין א "רבי אלימלך" וואס וועט ממתיק זיין און מבטל זיין די אלע גזירות.**

ווי באקאנט האט ער גאר אסאך משמש געווען דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, דערציילט מען, אז איינמאל ווען ער איז געקומען משמש זיין דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, איז דארט געווען דער קינד הרה"ק רבי אייזיק'ל בעל היכל הברכה מקאמארנא זי"ע, וואס איז געווען 12 יאר אלט, און ער איז דאך געווען א יתום יונגערהייט.

און דער הייליגער חוזה האט געזאגט פאר רבי אברהם מרדכי מפינטשוב, נעם דעם קינד אייזיק'ל

פאר אן איידעם פאר דיין טאכטער די צדקת מרת גיטל ע"ה, און געזאגט, אפילו די ביסט טאקע א גרעסערע יחסן ווי דעם בחור'ס טאטע רבי סענדר'ל מקאמארנא זי"ע, אבער דער חוזה האט געזאגט בזה"ל, "**איך זעה אז דער חתן וועט פארשיינען די גאנצע וועלט**", מען האט דאן געשריבען כתב תנאים ביים חוזה מלובלין אין די ערב קבלן מצד הכלה איז געווען הרה"ק בעל מאור ושמש זי"ע און הרה"ק בעל אור לשמים מאפטא זי"ע.

ער איז געווען גאר שטארק מקורב צו הרה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע, און זיי האבן צוזאמען געלערנט בחברותא און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, איינמאל ווען רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע איז געווען ביים הייליגען זרע קודש מרופשיץ זי"ע האט ער אים געבעטן אז ער לערנט דאך מיטן הייליגען אוהב ישראל מאפטא בחברותא, ווער מיר געוואר וויא ער האלט פון מיר.

האט רבי אברהם דערציילט, אז ער האט פראבירט פאר א האלבע יאר, צו ארויס באקומען דורך אלע וועגן פונעם אוהב ישראל, וואס ער האלט פונעם הייליגען ראפשיצער רב, אבער די מדרגה פונעם הייליגען אוהב ישראל איז געווען ממש נישט צום באשרייבן, ער האט דעם מויל געהאט פארשלאסן ווען עס איז געקומען צו רעדן וועגן א אנדערן איד, נישט קיין חילוק גוטס צו שלעכטס, כדי ח"ו נישט צו ווייטאן פאר א אנדערן איד.

אסאך צדיקים בדורו פון דעם צדיק וקדוש רבי אברהם מרדכי זי"ע האבן אים פראבירט צו איבער רעדן, אז ער איז ראוי און געבעטן אז ער זאל אנעמען א רבנות פאסטן און אנהייבן פירן א חסידות, אבער דער צדיק מיט זיין גרויס ענווה האט באמת נישט געהאלטן אז ער איז ראוי צו זיין א רבי, ער האט נאר געוואלט דינען דעם באשעפער מיט א באהאלטענקייט, און עוסק זיין אין עבודת השם מיט א שלימות.

איינמאל האט אים דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע מציע געווען א רבנות און געזאגט, אויב די וואלסט געווען א מנהיג ישראל, וואלסטו געהאט אסאך מער חסידים ווי מיר, האט דער צדיק געזאגט פארן חוזה, "**אויבן הייסט מען איך זאל נישט פירן**".

אויך דער הייליגער אוהב ישראל מאפטא זי"ע האט געבעטן פון רבי אברהם מרדכי, אז ער זאל זיין דער ממלא מקום פון אום אין שטאט אפטא, און געזאגט פאר אים בזה"ל, "**לויט דיין גרויסע חריפות וואלסטו געווען א רבי אזוי ווי רבי ר' אלימלך זי"ע בדורו**", האט רבי אברהם געענטפערט, **זאלסט וויסן אז מיינע עלטערן זענען מרעיש עולמות אז איך זאל נישט ווערן קיין רבי, און בעז"ה וועל איך נישט זיין קיין רבי.**

ער איז געווען א גרויסע הצנה לכת און זיך געפירט באהאלטן, ווי ער האט אליין דערציילט אמאל, אז פאר בערך צוויי יאר איז ער געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע צוזאמען מיט זיין חבר הרה"ק השרף מסטרעליסק זי"ע, און דער הייליגער רבי שלמה מקארלין זי"ע האט נישט געוויסט ווער ער איז.

אבער אזוי ווי דער הייליגער קארלינער האט זיך דערוויסט ווער ער איז, און ער האט אים צוליב דעם מער מכבד געווען, האט דער צדיק רבי אברהם מרדכי געזאגט, איך ברויך א רבי וואס זאל רייסן שטיקער פון מיר פאר עבודת השם, און ווילאנג דער צדיק האט נישט געוויסט ווער איך בין, האב איך געהאט פארוואס דא צו זיין, אבער וויבאלד דער הייליגער קארלינער ווייסט שוין ווער איך בין, האב איך שוין נישט וואס צו זיכן דא, און ער איז טאקע אוועק פון קארלין.

ער איז טאקע נישט געווען קיין רבי, אבער אסאך צדיקי הדור און אידן יראים ושלמים האבן זיך מסתופף געווען ביי אים אין שטאט פינטשוב אין פולין, און גאר אסאך אידן זענען געהאלפן געווארן דורך זיינע ברכות, אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און קדושה.

צווישן די צדיקים וואס האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק זענען געווען אסאך צדיקים מפורסמים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד מלעלוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי מאיר בעל אור לשמים מאפטא** זי"ע,
הרה"ק **רבי קלונימוס קלמן בעל מאור ושמש מקראקא** זי"ע,
הרה"ק **רבי ירחמיאל מפשיסחא** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק מווארקא** זי"ע,
הרה"ק **רבי חיים דוד דאקטאר מפיעטרקוב** זי"ע.

זיין איידעם הרה"ק רבי אייזיק מקאמארנא זי"ע האט אמאל געזאגט, **אז דער שווער האט געהאט א ניצוץ פון נשמת ירמיה הנביא ע"ה**.

הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר מקאמארנא זי"ע האט נאך געזאגט בשם זיין טאטן רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע, אז ווען א איד איז אריין געקומען צום זיידן דער צדיק וקדוש רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע, און נאר געגעבן שלום, **האט דער זיידע שוין געוויסט דעם נאמען פון דעם איד און די מאמע'ס נאמען, אפילו דער צדיק האט יענעם איד קיינמאל נישט געטראפן בעפאר**.

הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט אמאל געזאגט, **אז ער איז מעיד, אז הימל און ערד זענען מעיד, אז רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע האט געהאט די כח צו מחיה מתים זיין**.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

**בנו יחידו** הרה"**ק רבי יוסף דוד** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי יהודה צבי ב"ר שמואל סטאבניץ** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת גיטל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי יצחק אייזיק בעל היכל הברכה מקאמארנא** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת פערל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי זאב הלוי גוטמאן** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת רבקה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אברהם מינץ** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ז מנחם אב בשנת תקפ"ד**, ומנוחתו כבוד איז אין דעם ביה"ח החדש אין שטאט **פינטשוב**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הרה"ק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע** פלעגט כסדר ארומגיין שפאצירן אין שטאט פינטשוב אינאיינעם מיט זיין זוהן זיין בן יחיד הרה"ק רבי יוסף דוד זי"ע, אויף א געוויסן פונקטביים ווינקל פון שטאט, פלעגט רבי אברהם מרדכי אנצייגן און געזאגט, **אז אויב ער וואלט דארט געבויט א הויז, וואלט עס געהאט קדושת ארץ ישראל**, דער ווערטער האט אויסגעזען פארן זוהן ווי א וואונדער.

ווען רבי אברהם מרדכי איז נסתלק געווארן ביום י"ז אב בשנת תקפ"ד, האבן אים די חברה קדישא געוואלט מקבר זיין אינעם נייעם בית החיים וואס מ'האט נארוואס מקדש געווען אין פינטשוב, אבער דער רב פון שטאט, הגה"ק **רבי זאב דוב הכהן ראפפורט** זי"ע, האט זיך שטארק געשטעלט אז מ'זאל לכבודו פון רבי אברהם מרדכי מאכן אן אויסנאם, אין מ'זאל אים נאך יא לייגן אינעם אלטן בית החיים וואו עס ליגן גדולי עולם רבני העיר פינטשוב לדורותיהם.

מ'האט געשטעלט א בי"ד דאס דן צו זיין, און דער פסק איז געווען, אז מ'קען נישט מאכן קיין אויסנאם און מ'זאל יא מקבר זיין רבי אברהם מרדכי אינעם נייעם בית החיים, ווען דער רב האט געהערט דעם פסק דין, האט דער רב וואס איז שוין געווען א זקן אנגעהויבן צו וויינען.

ווען מ'האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט ער געזאגט, אז ער אליין האט אויך געהאט חשק צו ליגן אינעם אלטן בית החיים וואו זיינע אבות ליגן, דעריבער האט ער געוואלט אז מ'זאל דארט לייגן רבי אברהם מרדכי, האפענדיג אז ביי אים וועט מען אויך מאכן דעם אויסנאם, אבער יעצט ווייסט ער אז אים וועט מען שוין אויך לייגן אינעם נייעם בית החיים.

מ'האט טאקע מקבר געווען רבי אברהם מרדכי אינעם נייעם בית החיים, האט זיך ארויס געשטעלט גאר וואונדערליך, אז מ'האט אים געלייגט פונקט ביים פלאץ וואס ער האט שוין יארן פריער געזאגט, **אז אויב וואלט ער דארט געבויט א הויז וואלט עס געהאט קדושת א"י**.

נאך זיין פטירה האבן די שטאטסלייט געמאכט אן איסור אז מ'זאל נישט מקבר זיין קיין פרעמדע אין די י"ב אמות ארום זיין קבר, אבער למעשה האט מען במשך די יארן עובר געווען אויפן איסור, און מ'האט אנגעהויבן דארט צו לייגן מענטשן.

און איינמאל איז דער צדיק הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע, דער איידעם פון רבי אברהם מרדכי, אנגעקומען צום ציון פון זיין שווער, און ער האט געזען די מצבות נאנט צום קבר פון זיין שווער, האט ער געזאגט, **אז ער זעהט אז די אלע מענטשן וואס מ'האט דארט מקבר געווען, געפינען זיך שוין נישט דארט.**

• • •

**איינמאל איז הרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע** דורך דעם שטאט פינטשוב, אבער ער האט זיך נישט אפגעשטעלט אונעם שטאט, דעם קומענדיגן טאג האט הרה"ק רבי אברהם מרדכי זי"ע געזאגט בזה"ל, "**ר' דוד'ל איז דא געווען**", און דער צדיק איז אים נאך געגאנגען און צוריק גערופן צום שטאט, און פארברענגט מיט אים דארט גייענדיג אויפן גאס אין געהויבענע ענינים.

פלוצלונג האט איינע פון די בעלי בתים פון די הייזער א גוי ארויס געשריגן צו די צוויי צדיקים, אז זיי זאלן זיך נישט דא דרייען ווייל זיי שטערן אים די מנוחה, האט זיך ר' דוד'ל אנגערופען בזה"ל, "**אפארוואהר, ר' אברהם מרדכי קרוין, לאמיר זיך נישט דרייען דא**", און אזוי ווי די צוויי צדיקים זענען אוועק געגאנגען, איז דאס גאנצע הויז איינגעפאלן, און מען האט אויף דעם פלאץ שוין קיינמאל נישט געקענט אויפבויען קיין בנין.

• • •

**איין טאג אינמיטן דאווענען** איז דער צדיק וקדוש רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע צו געלאפן צום פענסטער און דארט געשטאנען פאר א שטיק צייט, און דערנאך איז דער צדיק צוריק ווייטער דאווענען, נאכן דאווענען האט אים איינער געפרעגט פשט, האט דער צדיק געזאגט, **אז יענע צייט איז דער צדיק וקדוש דער גרויסער לייב הרה"ק רבי ליבער הגדול מברדיטשוב זי"ע אראפ געפאלן פון זיין וואגן אויפן וועג קיין קראקא, און דערפאר איז דער צדיק מפינטשוב צו געלאפן צום פענסטער, צו ראטעווען דעם צדיק**, און שפעטער איז מען געוואר געווארן, אז כך הוה ממש אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט האט פאסירט.

• • •

**איינמאל האט א פרוי אריינגעברענגט** אונעם בית התבשיל פונעם צדיק מפינטשוב א גע'שחט'ן גאנז, און פונקט דאן איז דער צדיק אריבער דעם קאך, און ער פרעגט פון דעם רעבעצין, פון ווי איז די גאנז.

האט די רעבעצין געזאגט, אז א פרוי האט דאס יעצט געברענגט, האט רבי אברהם מרדכי געהייסן מען זאל די פרוי צוריק רופען, **ווייל פון דעם גאנז קומט ארויס א קול אז עס איז נישט כשר גע'שחט'ן געווארן.**

ווען די פרוי איז צוריק געקומען און מען האט איר געפרעגט דערוועגן, האט זי געזאגט, אז דער שוחט ר' משה פון שטאט האט דאס גע'שחט'ן, האט דער צדיק געהייסן מען זאל גיין פרעגן דעם שוחט, און דער שוחט האט געזאגט אז ער קען בכלל נישט די פרוי, דאן האט די פרוי מודה געווען, **אז זי האט דא געוואלט מכשיל זיין דעם צדיק, אבער דער צדיק מיט זיין קדושה האט דאס גלייך מרגיש געווען.**

• • •

**איינמאל ביי א עריכת השלחן ביים צדיק וקדוש רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע**, האט א איד פון שטאט געברענגט א באטל וויין פארן צדיק לכבוד ראש חודש, אבער אזוי ווי דער צדיק האט גענומען דעם באטל וויין, האט ער גלייך געשריגן פארן איד, פון ווי האסטו די וויין, דאן האט זיך דער איד דערמאנט, **אז ער האט בטעות גענומען די באטל וויין פון א פלאץ ווי עס איז געלעגן וויין וואס איז געווען "סתם יינם", און דאס האט דער צדיק מרגיש געווען נאר ביים אנכאפן דעם באטל וויין.**

• • •

**איינמאל איז א איד א גרויסע חסיד** געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק מפינטשוב, אז ער האט ליידער נישט קיין פרנסה און ער איז א עני ואביון, האט אים דער צדיק וקדוש מפינטשוב געזאגט, **אז ער זאל זיך אריין לאזן אין עולם הנגינה און ער זאל פארדינגען אלס חזן, און ער וועט פון דעם האבן פרנסה**, דער איד האט געפאלגט דעם צדיק, און ער האט גאר שטארק בדרך נפלא מצליח געווען און געווארן א גרויסע עושר.

• • •

**דער צדיק האט געהאט א מנהג**, אז ווען א פייגל האט זיך געשטעלט ביים פענסטער אדער נעבן זיין שטוב און געצירפט, האט ער געהייסן, אז מען זאל אוועק שיקן דעם פייגל, איינמאל האט זיך א פייגל געשטעלט ביים פענסטער, און דער משמש האט דאס געוואלט אוועק שיקן, האט דער צדיק געזאגט, **לאז דעם פייגל ער איז מבשר א בשורה טובה, אז מיינס א קרוב הרה"ק רבי משה חריף מחמעלניק זי"ע קומט אויף שבת קודש**, און כך הוה שפעטער איז דער רבי משה טאקע אנגעקומען.

• • •

**דער איידעם הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע האט אמאל דערציילט**, אז איינמאל האט ער געוואלט פועל'ן א טובה פאר כלל ישראל, און ער האט געמאכט אן עליית נשמה, און דארט בשמי מעלה איז ער אנגעקומען צו א שיינעם היכל, וואס עס האט פון דארט ארויסגעשיינט א לעכטיקייט, און דאס איז געווען דעם היכל פון הרה"ק היוד הקדוש מפשיסחא זי"ע..

און ווען איך האב מיך איינגעבעטן פאר דעם טובה, האט מיר דער הייליגער יוד הקדוש געזאגט, אז ער קען גארנישט טון פאר דעם, ווייל עס איז א גזירה פון הימל, האב איך געבעטן אז ער זאל מיר ווייזן דעם היכל פונעם שווער רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע, **האט ער מיר געוויזן אז דער היכל פונעם שווער איז גאר אסאך העכער פון זיין היכל**, און עס איז מיר באפאלן א פחד און איך האב נישט געקענט גיין צום היכל פונעם שווער.

• • •

**הרה"ק רבי אליעזר מקאמארנא זי"ע**, האט געזאגט בשם די מאמע די צדקת מרת גיטל ע"ה, אז דער טאטע הרה"ק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע האט אנגעזאגט פארן טאכטער, **אז זי זאל קיינמאל נישט ארויסגיין אויף די גאס נישט אינדערוואכן און נישט שבת ויו"ט נאר אויב עס איז באמת לצורך גדול**, און ער האט איר געזאגט א ווארט בזה"ל "**ווער עס זיצט אונטער די מזוזה, ווערט נישט מבוזה**".

• • •

**עס ווערט דערציילט אויפן צדיק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע**, אז פון זיין יוגנט אן האט מען שוין געזעהן אז עס וואקסט דא א גדול בישראל, זיין גרויסער כוח התפילה איז שוין געווען דאן מפורסם, איינמאל איז געקומען צו אים א איד א סוחר מיט א שווער הארץ, וועמענס בן יחיד'ל איז נעבעך געלעגן אין שטוב מיט א שווערע מחלה און געווען אין א גרויסע סכנה, און די דאקטוירים האבן זיך שוין געהאט מייאש געווען פון זיין לעבן.

דער איד האט זיך צעוויינט פארן צדיק וקדוש רבי אברהם מרדכי זי"ע און געבעטן דעם צדיק זאל פועלן א ישועה פארן קינד, דער צדיק רבי אברהם מרדכי האט פארמאכט די הייליגע אויגן, און אריין אין א דביקות פאר עטליכע מינוט, און דערנאך זיך אויפגעשטעלט און געזאגט מיט גרויס בטחון, "**גיי אהיים, דער אייבערשטער האט מקבל געווען די תפילות, די גזירה איז בטל געווארן**", ווען דער איד איז אנגעקומען אהיים, האט ער געפונען דאס קינד זיצנדיג אויפן בעט, געזונט און שטארק, ווען די פיבער איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן.

• • •

**אזוי ווי רבי אברהם מרדכי איז געווען א שטארק דבוק** אין זיין רבי'ן דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, פלעגט ער כסדר משמש זיין דעם רבין מיט גרויס יראת הכבוד, ווערט דערציילט אז ווען ער פלעגט אריינגיין אל הקודש פנימה ביים חוזה, פלעגט דער חוזה זאגן אויף אים בזה"ל, "**איך זעה אויף זיין שטערן די שכינה הקדושה**", זיין גאנצע עבודה אין פינטשוב איז געווען געבויט אויף דעם דרך וואס ער האט אנגעזאפט אין לובלין, עבודת התפילה בדמעות, אהבת ישראל, און מקרב זיין יעדן איד אפילו די פשוט'סטע מענטשן.

• • •

**איינמאל איז געקומען א איד וואס איז געווען א גרויסער סוחר** און געפירט גרויסע געשעפטן, אבער ליידער האט זיך זיין מזל איבערגעדרייט און ער האט פארלוירן זיין גאנצע פרנסה און איז געבליבן אן א פרוטה פארן יום טוב, און ער האט ממש נישט געהאט מיט וואס איינצוקויפן די צרכי שבת ויום טוב פאר זיין פאמיליע, ער איז אריין מיט א צעבראכן הארץ צום רבי'ן מפינטשוב, און האט געבעטן דעם צדיק זאל אים ברענגען א ישועה.

דער רבי האט אים אויסגעהערט מיט גרויס רחמנות, און דאן האט די רבי געגעבן פאר דעם סוחר א מטבע לשמירה און אים אנגעוואונטשן און געזאגט, "**גיי אין מארק, קויף דעם ערשטן סוחר'ס סחורה וואס דו זעסט, און דער אייבערשטער וועט**

"**דיר שיקן די הצלחה**", דער איד האט אזוי געטאן, און כאטש ער האט כמעט נישט געהאט קיין געלט, האט ער זיך אנגעשטויסן אין א סוחר וואס האט אים פארקויפט א סחורה אויף בארג, און א קורצע צייט נאכדעם איז געקומען א צווייטער קונה און אפגעקויפט די גאנצע סחורה פאר מער ווי דאפעלט וואס ער האט געצאלט, **און דער איד איז א קורצע צייט נאכדעם געווארן א גרויסער עושר און האט זיך באדאנקט פארן רבי'ן זיין גאנץ לעבן**.

• • •

**אין ספר נוצר חסד ווערט געברענגט א מעשה**, וואס דער צדיק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע האט דערציילט מפי צדיקים הקודמים, אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן בעל שם טוב זי"ע און אים געפרעגט, **צי עס לוינט זיך פאר אים צו לערנען הלכות שחיטה און ווערן א שוחט ובודק**, דער בעל שם טוב האט אים געזאגט, "**קום מיט מיר ארויס אונעם הויף און קוק אויפן דאך פון מיין הויז**".

דער איד האט ארויפגעקוקט, און איז דערשראקן געווארן צו זעען, **א געשטאלט פון א מענטש וואס שטייט לעבן דעם קוימען מיט א שחיטה-מעסער אין די האנט, און ער גראזשעט און פילט דעם סכין אן אויפהער**, האט דער בעל שם טוב מסביר געווען פאר דעם איד און דערציילט, "**דער מענטש איז געווען א שוחט מיט הונדערטער יארן צוריק, ער האט גע'שחט'ן מיט א פגום'דיגע מעסער אן צו באמערקן, און זיין נשמה האט נאך אלץ נישט געפונען קיין תיקון, און מען האט אויף אים גוזר געווען, צו קומען צו מיר און מיר ווייזן א כשר'ן סכין, און ער שטייט שוין דא דריי יאר אויפן דאך און ער קען נאך אלץ נישט מתקן זיין דעם מעסער כהלכה! און דו ווילסט נאך גיין ווערן א שוחט**", פארשטייט זיך אז דער איד האט זיך גלייך אפגעזאגט פון דעם געדאנק.

• • •

**אין ספר נוצר חסד ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע האט דערציילט פאר זיין איידעם, אז אמאל אין א ראש השנה ביים הייליגן בעל שם טוב זי"ע, האט איין תלמיד אינמיטן דאווענען זיך אפגעשטעלט, **און אויפגעהויבן זיין טאבאק-פושקע וואס איז אים אראפגעפאלן אויף די ערד, און ער האט אנגעהויבן שמעקן פונעם טאבאק**, א צווייטער תלמיד וואס האט דאס געזען, האט זיך שטארק געוואונדערט אויף יענעם תלמיד און ביי זיך אין הארצן געטראכט מיט א ביטל, "**ווי אזוי קען א מענטש אפשטעלן דאס דאווענען אין אזא הייליגן טאג פאר אביסל טאבאק**".

דער בעל שם טוב הקדוש האט געזען ברוח קדשו, אז צוליב דער קפדנות איז ארויסגעגאנגען א שווערער גזר דין למעלה אויפן ערשטן תלמיד, **אז ער זאל ח"ו נישט מוצא שנתו זיין, און נפטר ווערן פון די וועלט נאך דעם יאר**, דער בעל שם טוב האט די גאנצע עשרת ימי תשובה און הושענא רבה איינגעריסן אין הימל צו מבטל זיין די גזירה, ביז מען האט מגלה געווען פון הימל פארן בעש"ט, "**אז אויב דער מקטרג אליין (דער חבר) וועט געפינען א לימוד זכות אויף זיין חבר, וועט די גזירה בטל ווערן**".

ליל הושענא רבה האט דער בעל שם טוב צוגענומען די גרויסע מדריגות פונעם קפדן'דיגן תלמיד, ביז דער תלמיד האט זיך אנגעהויבן מיישב זיין און געטראכט ביי זיך, "**פארוואס טאקע איז אזוי נתגלה געווארן אין די לעצטע דורות די ענין פון שמעקן טאבאק, מסתמא איז דא הויכע נשמות וואס זייער גאנצע תיקון אין דעם דור איז דורך דעם וואס צדיקים שמעקן דעם טאבאק**", און ער האט גלייך חרטה געהאט אויף דעם וואס ער האט אזוי מקפיד געווען אויף זיין חבר, און מיט דעם איז די גזירה טאקע בטל געווארן.

**יארצייט י"ח אב**

**הרה"ק רבי שלמה חנוך ב"ר יחזקאל הכהן זי"ע**
**הי"ד (ראבינאוויטש) בעל שבחי כהן**
**האדמו"ר האחרון מראדומסק**

ער איז געבוירן אין שטאט ראדאמסק, **בשנת תרמ"ב**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי יחזקאל הכהן ראבינאוויטש בעל כנסת יחזקאל מראדומסק** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם ישכר הכהן בעל חסד לאברהם מראדומסק** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שלמה הכהן בעל תפארת שלמה מראדומסק** זי"ע.

ער איז געווען א גאון וצדיק, און געווען זיין גאנץ לעבן **מדוכא ביסורים**, טויזענטער אידן זענען געווען דבוק אין דעם צדיק וקדוש בלב ונפש, און ער האט הונדערטער אידן געהאלפן מיט ישועות און מופתים, ער האט געהאט א מנהג, אז ווען אידן פלעגן זיך קומען מזכיר זיין בעת צרה, אדער פאר די וואס האבן זיך געברויכט שטעלן צו די מיליטער, האט ער געגעבן א סגולה, **אז מען זאל זיך בשעת מעשה מצייר זיין זיין צורה, און מען וועט זעהן א ישועה**, און הונדערטער אידן זענען דורך דעם געהאלפן געווארן.

ער איז נתחנך געווארן ביי זיין טאטן אין שטוב, און גאר אסאך תורה און קדושה מקבל געווען פון זיין הייליגען טאטן דער בעל כנסת יחזקאל זי"ע.

ער איז געווען א תלמיד פון הגה"ק **רבי אפרים צבי איינהורן בעל שארית אפרים אב"ד אמסטוב** זי"ע, און דארט אין ישיבה האט ער געלערנט צוזאמען מיט הגה"ק **רבי אריה צבי פרומר בעל ארץ צבי אב"ד קוזיגלוב** זי"ע, הי"ד.

שוין פון זיינע יונגע יארן איז ער געווען באוויסט אלס א למדן עצום, און ער האט געהאט א זכרון נפלא און א שנעלע תפיסה און א גאר טיפע הבנה בתורה, און ער איז שוין דאן געווען באוויסט אלס א בקי אין רוב מקצועות הש"ס ופוסקים, און זיינע רבי'ס האבן געזאגט, **אז ער האט באמת געלערנט תורה לשמה מיט א געוואלדיגע התמדה**.

מען דערציילט, אז איינמאל האט זיך די מאמע פונעם רבין געוואנדן צו איר הייליג מאן רבי יחזקאל זי"ע די טאטע פון רבי שלמה חנוך זי"ע, און געזאגט, אז זי איז זייער באזארגט פארן קינד, ווייל ער איז אזוי אריינגעטון אין לערנען, **אז ער קען בכלל נישט די שפראך פון די מדינה**, און עס וועט אים אפשר שאדן פארן זיין פריוואטען לעבן.

האט דער טאטע געזאגט בזה"ל, "**ער וועט זיך נישט דארפן זארג'ען אויף פרנסה**", און די ברכה פונעם טאטן איז טאקע מקיים געווארן, און כידוע איז ביי דעם צדיק מקויים געווארן, "**תורה וגדולה במקום אחד**", און ער האט קיינמאל נישט געברויכט האבן די דאגה פאר פרנסה.

ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין מקרב זיין די צובראכענע נשמות פון כלל ישראל, און זיך אפ געגעבן מיט זיי מיט א געוואלדיגע געטריישאפט, זיין שטוב איז אייביג געווען אפען פאר יעדן צובראכענע איד, ער האט עוסק געווען בצדקה וחסד אויף גאר א געהויבענע מדרגה, גרויסע סכומים האט דער צדיק אויס געטיילט פאר עניים און צובראכענע אידן.

אויך האט ער גאר אסאך לוחם געווען קעגן פירצות און אויך אויף וואס איז געווען קעגן די הלכה אדער מנהגים וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, ער האט דארט אין שטאט אויף געשטעלט א ישיבה און אליין מרביץ תורה געווען פאר די תלמידים מיט א געוואלדיגע איבער געגעבענקייט, ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת אסתר** ע"ה, הי"ד,
די טאכטער פון זיין פעטער הרה"ק **רבי משה אלימלך ראבינאוויטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם ישכר הכהן בעל חסד לאברהם מראדומסק** זי"ע.

נאך די חתונה האט ער זיך אריינגעווארפן אין לערנען און עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, און ווען זיין שווער רבי משה אלימלך זי"ע וואס איז געווען א שיינע בעל פרנסה, איז נסתלק געווארן, האט ער איבער גענומען דעם

געשעפט און פון דעם האט ער געהאט שיין פרנסה.

ער האט קיינמאל נישט געוואלט נעמען קיין פדיון ווען מען איז געקומען זיך מזכיר זיין צו אים, נאר פונקט פארקערט ער האט גאר אסאך געלט אויס געטיילט פאר ארימעלייט און צובראכענע אידן.

י"ח חשון בשנת תרע"א ווען זיין טאטע דער כנסת יחזקאל זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן די ראשי העדה געוואלט אויפנעמען דעם זון אלס ממלא מקום אין ראדומסק, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען דאס רבנות, אבער ווען די ראשי העדה האבן נישט נאכגעגעבן, איז ער אריבער געפארן צו די צדיקי הדור, ובתוכם הרה"ק **רבי ישראל פריעדמאן מטשורטקוב** זי"ע, און צו הרה"ק **רבי ישכר דוב מבעלזא** זי"ע, און אנגעפרעגט וואס ער זאל טון, און אלע האבן אים זייער צו גערעדט אן צו נעמען דאס רבנות.

דאן איז ער געווארן דער רב אין שטאט ראדאמסק זייענדיג נאר 29 יאר אלט, אבער די אידן פון שטאט האבן אים גאר שטארק מעריץ געווען, און ער האט געפירט די קהלה מיט א מוראדיגע שטארקייט.

אויך האט ער דאן מייסד געווען ישיבות "**כתר תורה**" אין גאנץ פולין און מיט די צייט זענען געווען **36 ישיבות** אין גאנץ פולין ווי עס האבן געלערנט **40,000 בחורים**.

די אלע ישיבות זענען געפירט געווארן דורך אים, און ער האט כמעט דאס גאנצע געלט אליין באצאלט, און ווי דער רבי האט זיך כמה פעמים אויסגעדריקט בזה"ל, "**דאס געלט איז נישט מיין, איך האב דאס אלעס מקדיש געווען פאר די ישיבות כתר תורה**", און דאס איבעריגע געלט איז געווען פון די נגידים הנגיד ר' שמעון שפינגארדן ז"ל, הנגיד ר' חיים אלעזר רויזענפעלד ז"ל, הנגיד ר' משה יעקב אנגלשטיין ז"ל, הנגיד ר' מרדכי בריענבוים ז"ל.

ווען עס האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה איז די רבי געווען אין שטאט לאדזש, און עס איז דאן געווען א טראנספארט וואס איז געפארן קיין וויען און דערנאך קיין ארץ ישראל, און די חסידים האבן ערלעדיגט א פלאץ אויפן באן פארן רבין.

אבער דער רבי מיט זיין אהבה צו די חסידים און די שטאט מענטשן, האט ער בשום אופן נישט געוואלט אוועק פארן, און געזאגט, "**איך וויל זיין מיט אלע אידן**".

דאן האט מען אים געפירט צוזאמען מיט אלע אידן פון שטאט צום **דעם טרויער באריכמטען ווארשא געטו**, דארט איז די רבי איינגעשטאנען אין שטוב פון הגביר **רבי נתן פנחס ערליך** ז"ל, הי"ד, און ער האט דארט ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש, ער האט דארט אפילו מיט מסירת נפש ממש געפירט טישן און אויף גענומען חסידים.

דער צדיק האט זיך מוסר נפש געווען דארט אין געטו און נישט נאך געלאזט קיין קוצו של יוד, און ער האט זיך דאן אפ געגעבן מיטן מקבר זיין די אידן וואס זענען ליידער אומגעברענגט געווארן, **און זיי געברענגט לקבר ישראל מיט א מסירת נפש ממש**, אויך האט ער זיך מוסר נפש געווען **אויפן צלם אלקים, און ער איז געבליבן מיטן בארד ביז ער איז ליידער אומגעקומען על קידוש השם**.

אבער ליידער **שבת קודש פרשת עקב י"ח מנחם אב בשנת תש"ב**, האבן די רשעים די דייטשן ימ"ש איבער געפאלן דעם דירה ווי די רבי איז איינגעשטאנען, און געהייסן פארן רבין מיט די גאנצע משפחה ארויס גיין פון שטוב, אבער די רבי האט זיך קעגן געשטעלט און געזאגט, אז ער וויל ענדערש אומקומען ביי זיך אין שטוב ווי אויף די גאס.

און דאן האבן די רשעים די דייטשן אומגעברענגט דעם רבין מיט די רעבעצין הרבנית מרת אסתר ע"ה הי"ד, זיין בת יחידה הרבנית מרת ריזל ע"ה הי"ד, אויך דער איידעם הרה"ק רבי דוד משה מקרימלוב זי"ע, הי"ד, און נאך 26 נפשות קדושים וטהורים זענען ליידער דארט אומגעקומען צוזאמען מיטן רבין, און מיט דעם האט זיך ליידער אפגעהאקט דעם שושלת ראדאמסק.

דער צדיק האט זוכה געווען צו עפעס וואס ווייניג אידן האבן דאן זוכה געווען, און במסירת נפש האט הרה"ח **רבי דוב בעריש ערליך** ע"ה, און הרה"ח **רבי ברוך קמינר** ע"ה, גענומען דעם גוף קדוש פונעם רבין, און בערדיגט **אין ביה"ח אין ווארשא**, סמוך ונראה צום קבר פון הרה"ק **רבי אלתר ישראל שמעון פרלוב מנובומינסק** זי"ע.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**תלמידים און חסידים פינעם צדיק וקדוש רבי שלמה חנוך מראדומסק זי"ע האבן דערציילט**, אז דער צדיק האט ליידער געליטן גרויסע יסורים רוב פון זיין לעבן און געלעבט א חי' צער, אבער דאס האט בכלל נישט אוועק גענומען פין זיין עבודת הקודש, דער צדיק האט בשום אופן נישט געלאזט מען זאל אים שטעלן א בענקל אין ביהמ"ד, **נאר דער צדיק איז די גאנצע דאווענען געשטאנען אויף די פיס**, און אדרבה ער האט מיט זיינע ווייעדיגע פיס געקלאפט אויף דער ערד מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש דער גאנצע דאווענען.

דער צדיק אפילו זייענדיג מדוקה ביסורים רוב פון זיין לעבן, האט מען אבער אויפן צדיק געזעהן א גרעסערע צער ווען מען איז געקומען מזכיר זיין א חולה, מען האט ממש געזעהן ווי עס טרעט צו פארן געזונט פינעם צדיק הערענדיג אז א אנדערע איד איז רח"ל נישט געזונט, און הונדערטער מעשיות האבן אידן דערציילט, ווי דער צדיק האט גע'פועל'ט גרויסע ישועות פאר אידן מיט זיינס א ברכה, און צדיקים בדורו האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט זיך ממש מוסר נפש געווען פאר אידן זיין גאנץ לעבן.

דאס עסן ביים צדיק איז געווען ממש מיט א מסירת נפש, צוליב זיין קראנקייט האט דער צדיק כמעט נישט געמעגט עסן, **איבערהויפט האט מען געזעהן דאס מסירת נפש פינעם צדיק, ביים טרינקען ווין ביי קידוש שבת קודש**, יעדע וואך עקסטער האט מען געברויכט ריפן דעם דאקטאר וואס זאל העלפן פארן צדיק מיט זיינע יסורים פין דאס ביסל ווין וואס ער האט געטרינקען ביי קידוש, און דער דאקטאר איז ליידער געווען א איד וואס איז געווען פארקראכן, אבער נאכן באדינען דעם רבין אפאר יאר איז ער זייער נתעורר געווארן און מחזיר בתשובה געווען.

• • •

**ווי באקאנט איז ביי דעם צדיק רבי שלמה חנוך זי"ע** מקיים געווארן "תורה וגדולה במקום אחד", ווייל ער האט איבער גענומען דעם שווערס געשעפטן נאכדעם וואס זיין שווער איז ליידער נפטר געווארן יונגערהייט, אבער דער צדיק האט פון די געלט ווייניג הנאה געהאט, ער האט עוסק געווען בצדקה וחסד אויף א גאר געהויבענע מדרגה.

סוף ימיו בערך בשנת תרצ"ז האט דער צדיק מקדיש געווען זיין גאנצע געלט פאר זיינע ישיבות, און יענע צייט האט ער באפוילען, אז ווער עס קומט מיט א קוויטל צו אים, זאל מען אנהייבן דעם קוויטל בזה"ל, "**לכבוד הגזבר ישיבות כתר תורה**", ווייל דער צדיק האט בכלל נישט מחשב געווען אז מען ריפט אים רבי, עס איז געווען ביי אים אסאך מער חשוב אז ער איז דער גבאי צדקה פאר די ישיבה.

• • •

**הרה"ג רבי יחזקאל בעססער זי"ע האט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי שלמה חנוך מראדומסק זי"ע האט ליידער אסאך געליטן יסורים בחייו, און דערפאר פלעגט ער אסאך פארן קיין בערלין צו גרויסע דאקטורים, איינמאל ווען ער איז דארט געווען איז נפטר געווארן איינע פון די חסידים פינעם צדיק וואס דער צדיק פלעגט כסדר איינשטיין ביי דעם חסיד ווען ער איז געווען אין בערלין הרה"ח רבי הירש לייב קושיצקי ז"ל און ער האט איבער געלאזט א אלמנה און קינדער, איז דער צדיק געגאנגען מחזק זיין די אלמנה.

ווען דער צדיק איז דארט געווען, האט די אלמנה דערציילט פאר דעם צדיק, אז זי האט א טאכטער וואס איז ליידער קראנק געווארן און איז ליידער פארלאזירט געווארן און זי קען אפילו

נישט רעדן, און די אלמנה האט געבעטן אז די רבי זאל פועל'ן א ישועה פאר די טאכטער וואס ליידער האבן די דאקטורים שוין אויף געגעבן אויפן מיידל.

דער צדיק האט בשעת מעשה גארנישט רעאגירט, אבער שפעטער ווען די רבי איז אריבער באזיכן דאס מיידל אין שפיטאל, האט מען נאכאמאל דערציילט די מצב פארן רבין, האט די רבי געזאגט בזה"ל, "**זארגט זיך נישט, זי וועט נאך געזונט ווערן און נאך האבן געזונטע קינדער**".

אפאר טאג שפעטער איז די מצב ביים מיידל געווען זייער ביטער, איז די פעטער הרה"ח רבי יחזקאל קושיצקי ז"ל וואס איז געווען גבאי ביים רבין אריין צום צדיק, און נאכאמאל מזכיר געווען די מצב פינעם מיידל ביים צדיק און אז די דאקטורים האלטן נישט אז מען קען די מיידל ראטעווען.

האט דער צדיק געהייסן מען זאל ריפן א סופר וואס זאל שרייבן א קמיע, און די רבי האט זיך אויס געגומען צוויי תנאים, **איינס אז די קמיע זאל ווערן פארבינדן אויף איר פיס און מען זאל דאס קיינמאל נישט אראפ נעמען פין די פיס, און דאס צווייטע איז געווען, אז מען זאל קיינעם נישט דערציילן פון דעם, ווייל מיט די קמיע געט ער אוועק פון זיין לעבן פאר דאס מיידל, און אויב וועט מען דערציילן פאר איינעם דערוועגן מאכט מען חוזק פון מיין לעבן**.

מען האט טאקע אויס געפאלגט וואס דער צדיק האט געהייסן טון, און לפלא נישט לאנג נאכדעם איז דאס מיידל אינגאנצן געזונט געווואר כאחד האדם, און זי האט חתונה געהאט מיט א קרוב פינעם צדיק הרה"ח רבי אברהם יעקב ראבינאוויץ מקשאנוב זי"ע, וואס איז געווען א תלמיד חכם און א עילוי נפלא, און זי האט אויף געשטעלט א דור ישרים ומבורך, **אלעס מיט א ברכה און סגולה פינעם צדיק מראדומסק זי"ע**.

• • •

**הרה"ג רבי יחזקאל בעסער זי"ע האט דערציילט**, אז איין טאג איז די שוועסטער פון זיין מאמע קראנק געווארן מיט א רויז אויף די פיס, בימים ההם איז א רויז געווען עפעס וואס מען האט נישט געקענט היילן און עס איז געווען ממש סכנת נפשות, און דאקטורים אין שטאט ברעסלוי האבן געזאגט, אז כדי צו ראטעווען איר לעבן וועט מען רח"ל ברויכן אראפ נעמען די פיס.

זיין טאטע איז דאן געווען אין שטאט סאסנאוויצא ביים צדיק רבי שלמה חנוך מראדומסק זי"ע, האט מען אים געבעטן, אז ער זאל שנעל אריין גיין מזכיר זיין די חולה ביים צדיק, ער איז טאקע אריבער צום צדיק און דערציילט די מעשה וואס גייט פאר און געבעטן דעם רבין פאר א ברכה, האט דער צדיק געזאגט, **אז מען זאל די פיס באשמירן מיט אויל וואס איז געבליבן פין די חנוכה ליכט, און בעזהשי"ת וועט די רויז אוועק גיין**.

די טאטע האט גלייך געלאזט וויסן וואס דער צדיק האט געהייסן טון, און מען האט גלייך אריבער געטראגן א פלעשל פין די אויל פון ביי זיי אין שטוב קיין ברעסלוי, אבער די חולה האט נישט געוואלט מען זאל שמירן די אויל אן פרעגן דעם דאקטער, ווייל דער דאקטער האט זיך שוין געגרייט צו מאכן די אפעראציע רח"ל אראפ צו נעמען דעם פיס די קומענדיגע טאג.

ווען מען האט געפרעגט דעם דאקטער וואס ער זאגט, האט ער זיך געגומען שרייען, איר זענט אינגאנצן משוגע, איר ווילט שמירן די שמיציגע אויל אויפן פיס וואס דאס קען ח"ו ברענגען א שווערע אינפעקציע, האט מען געזאגט פארן דאקטער, אז די רבי האט דאס געהייסן טון, און אויך פלאנט מען סיי ווי סיי אראפ צו נעמען די פיס, איז וואס שטערט אייך אז מען פראבירט דאס אויס, די דאקטער האט בלית ברירה מסכים געווען, און מען האט די פיס באשמירט מיט די אויל פון חנוכה.

לפלא דעם קומענדיגע טאג ווען מען האט אריין געפירט די חולה צום אפעראציע, האט דער דאקטער געזען אז די גאנצע רויז איז נעלם געווארן און מען ברויך שוין נישט מאכן קיין שום אפעראציע, פארשטייט זיך אז דאס האט געמאכט א גרויסע קידוש השם זעענדיג דעם גרויסן כח פינעם צדיק.

ווען מען האט דערציילט פארן צדיק אז ב"ה די חולה איז געווארן געזונט, האט דער צדיק געזאגט מיט א פשטות און עניוות, איר מיינט טאקע דאס איז מיין מופת, בכלל נישט, נאר אין די

זמירות פון חנוכה זאגט מען "**וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים**", וואס דאס מיינט, אז פון די איבעריגע אויל איז געווארן א נס, "**לַשּׁוֹשַׁנִּים**" וואס דאס מיינט "**רויז**", און דאס איז געווען די סגולה וואס האט געברענגט די רפואה.

• • •

**אין ספר תפארת שבת ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אריין אל הקודש פנימה פונעם צדיק רבי שלמה חנוך מראדומסק זי"ע א חסיד א גרויסער ארימאן, און זיך שטארק אויסגעוויינט פארן רבי'ן אויף זיין שווערן מצב הפרנסה, אז ער האט פשוט נישט מיט וואס צו ברענגען ברויט פאר די קינדער אין שטוב.

דער הייליגער ראדאמסקער רבי זי"ע, וואס איז כידוע געווען גאר א גרויסער מבין און פארשטעהער צו מסחר, האט אים געפרעגט, "**מיט וואס באשעפסטו זיך צו מאכן פרנסה**", האט דער חסיד געענטפערט, **אז ער פרובירט צו האנדלען מיט תבואה ווי קארן און ווייץ**, אבער ער האט קיין מזל נישט און יעדע געשעפט ענדיגט זיך מיט גרויסע שאדן, דער צדיק רבי האט זיך פארטראכט א מינוט און אים געזאגט, "**פון היינט אן, ריר נישט צו צו תבואה, גיי און הויב אן האנדלען מיט האלץ**".

דער חסיד איז געבליבן שטיין ערשטוינט, ער האט דאך מעולם נישט פארשטאנען צו האלץ, און ער האט אפילו נישט געהאט קיין פרוטה צו אנהויבן א נייע געשעפט, האט דער רבי ארויסגענומען פון זיין טאש א גרויסע סומע געלט, אים דאס געגעבן אלס הלוואה, און געזאגט, "**נעם דאס געלט פון מיר, און דו וועסט זען אי"ה גרויס סייעתא דשמיא**".

דער חסיד האט געפאלגט דעם רבינ'ס באפעל, און ער האט אנגעהויבן האנדלען מיט האלץ, און אין א קורצע צייט איז ער געווארן פון די גרעסטע עשירים אין דעם געגנט, שפעטער האבן די חסידים געפרעגט דעם רבי'ן, וויאזוי האט די רבי געוואוסט אים צו שיקן דווקא צו האלץ-האנדל, האט דער רבי געענטפערט ברוב ענוותנותו, "**ווען ער האט אזוי געוויינט פאר מיר איבער זיין מצב הפרנסה, האב איך געזען אין זיין נשמה אז זיין חיוניות און פרנסה קומט פון בחינת 'עץ החיים', דערפאר האט ביי אים די תבואה געשעפטן נישט מצליח געווען, אבער אין עץ (האלץ) האט ער געפונען זיין תיקון**".

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער ראדאמסקער רבי זי"ע איז געווען פון די גרעסטע מחזיקי תורה אין זיין דור, ער האט פון זיין אייגענעם טאש אויפגעשטעלט און אויסגהאלטן די גרויסע ישיבות "**כתר תורה**" וואס האט זיך געציילט צווישן די גרעסטע ישיבות איבער גאנץ פולין און גאליציע מיט טויזנטער בחורים און 36 סינופים אין אלע געגענטער אין פולין.

איז אמאל געשען, בשעת דער רבי איז געפארן אויף א רייזע פאר זיינע גרויסע ביזנעסער, האט ער זיך געטראפן מיט גרויסע גבירים און סוחרים אידן וואס זענען ל"ע נישט געווען קיין שומרי תורה ומצוות, זיי האבן געזען דעם רבינ'ס אומגלויבליכע חכמה און שארפקייט אין מסחר און זיינע איידעלע מנהגים, האבן זיי זיך געוואונדערט און געזאגט, "**אזא גרויסער מוח און פארשטענדעניש אין ביזנעס, עס איז ממש א שאד ער פארברענגט זיין גאנצן כח און צייט צווישן די חסידים און ישיבה בחורים**".

ווען דער רבי דער צדיק מראדומסק האט דאס געהערט, האט ער שמייכלענדיג געענטפערט מיט זיין באקאנטער פיקחות, "**איר מיינט אז איך בין א ביזנעסמאן וואס גיט אראפ אביסל צייט פאר תורה, איר האט א טעות! איך בין א ישיבה-מאן און א תלמיד חכם, וואס מאכט פון צייט צו צייט ביזנעס כדי צו האבן מיט וואס אויסצוהאלטן די טויזנטער בחורים אין ישיבת כתר תורה, מיין גאנצע מסחר איז נאר א הילף-מיטל, אבער די תורה פון די בחורים, דאס איז מיין גאנצער לעבן**".

• • •

**אין ספר קדושת הכהן ווערט דערציילט**, אז דער רבי דער הייליגער ראדומסקער זי"ע האט אנגעפירט מיט גרויסע צדקה צוועקן, בפרט פאר תלמידי חכמים און עניים, אבער ער האט געהאט אן אויסערגעווענליכע זהירות נישט צו פארשעמען קיין איין איד, איינמאל איז געווען א יונגערמאן א תלמיד חכם וואס האט ליידער פארלוירן זיין פרנסה און איז געווארן אן עני ואביון, אבער ער האט זיך שרעקליך געשעמט צו בעטן

אדער נעמען צדקה, דער רבי האט זיך דערוואוסט פון זיין מצב, אבער ער האט געוואוסט, אז דער יונגערמאן וועט בשום אופן נישט מסכים זיין צו נעמען קיין מתנת חנם.

וואס האט דער הייליגער צדיק מראדומסק געטאן, ער האט אים גערופן צו זיך אין שטוב און געזאגט, "**איך האב געהערט אז דו פארמאגסט אן אלטן ספר/כתב יד, איך בין זאפארט גרייט דאס צו קויפן פון דיר פאר א גאר גרויסע סומע געלט**", דער יונגערמאן האט אים געברענגט דעם ספר, וואס איז אין אמת'ן געווען א גאנץ פשוט'ער ספר וואס מען האט געקענט קויפן פאר עטליכע גראשן, דער רבי האט אים באצאלט דערפאר א גאנצן אוצר מיט גאלדענע מטבעות, גענומען דעם ספר מיט גרויס יראת הכבוד און דאס ארייגעלייגט אין זיין שרייב טיש.

ווען די מקורבים האבן שפעטער געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס ער האט באצאלט אזא עקסטרעמע סומע פאר א פשוט'ן ספר, האט דער רבי געענטפערט, "**דער ספר איז מיר ווערט אלע געלטער פון דער וועלט, ווארים דורך דעם קנין האב איך מציל געווען א ערליכן תלמיד חכם פון חרפת און בושות און אים ארויסגעהאלפן מיט פרנסה אן אים פארשעמען, און דערפאר איז דער ספר אזוי סאך ווערט**".

• • •

**אין ספר אלה אזכרה ווערט דערציילט**, אז ווען די צווייטע וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן, האבן די חסידים אין אמעריקע און אין ארץ ישראל באוויזן צו שאפן פארן רבי'ן סערטיפיקאטן און וויזעס ארויסצוּפארן פון פוילן און זיך ראטעווען פונעם נאצישן גיהנום.

אבער דער צדיק מראדומסק זי"ע האט זיך אפגעזאגט פון נעמען די וויזעס און נישט געוואלט אפילו הערן פונעם פלאן איבערצולאזן זיין קהילה, און ער האט געזאגט די היסטארישע הייליגע ווערטער, "**וויאזוי קען איך איבערלאזן מיינע חסידים און מיינע ברודער אין אזא שווערע צייט, אויב איז נגזר געווארן א גזירה מן השמים, וויל איך זיין צוזאמען מיט אלע אידן**", ער איז טאקע געבליבן אין ווארשא געטו, און די גאנצע צייט האט דער צדיק מחזק געווען די צעבראכענע הערצער, צעטיילט זיין לעצטן שטיקל ברויט פאר הונגעריגע קינדער, און האט ממשיך געווען מרביץ תורה צו זיין במסירות נפש ביז זיין הייליגע פטירה על קידוש השם הי"ד.

• • •

**אין ספר קדושת הכהן ווערט געברענגט**, אז איינמאל פאר פסח איז אנגעקומען אן אלמנה מיט א יתום'ל צום רבי'ן אין הויף, די אלמנה איז געווען גאר צעבראכן און האט געוויינט פארן רבי'ן, אז זי האט נישט קיין פרוטה צו קויפן מצה און וויין פאר די יום טוב, און דאס קינד שפירט זייער פארשעמט פון זיינע חברים אז זיי האבן נישט קיין געלט אריינצוברענגען דעם יו"ט, און אויך האט ער ליידער נישט א טאטע וואס זאל זיך מיט אים אפגעבן און אים גרייטן אויפן יו"ט.

דער רבי האט גלייך אהין געגעבען **א גרויסע סומע מעות חטים פאר די אלמנה מיט גרויס כבוד**, אבער דערמיט איז דער צדיק נישט געווען באפרידיגט, נאר דער צדיק האט זיך צוגעבויגן צום קליינעם יתום, אים ארומגענומען מיט גרויס ליבשאפט, און געזאגט פארן יתום, "**וויסן זאלסטו, אז ביים הייליגן ליל הסדר וועל איך דיך געדענקען, ווען איך וועל מאכן דעם אפיקומן און פראפראווען די כוס של אליהו, וועל איך אינזין האבן מיין טייערן ידיד**".

אויף מארגן, נאכן דאווענען, האט דער רבי גערופן זיין גבאי, און אים געגעבן **א שיינע מתנה א קליינעם הגדה של פסח שיין איינגעבינדען**, און אים באפוילן דאס גלייך אריבערטראגן צום הויז פונעם יתום, כדי דאס קינד זאל פילן ווי ער איז דער חשוב'סטער אורח פונעם רבי'ן, און די מקורבים האבן מעיד געווען, אז ביים ליל הסדר, אין מיטן די געהויבענע מאמענטן, ווען אלע חסידים זענען געשטאנען מיט יראת הכבוד, האט דער רבי דערמאנט דעם יתום'ל במפורש און געזאגט, "**מיר דארפן זיכער מאכן אז יעדער אידיש קינד פילט זיך ווי א בן מלך ביים סדר**".

• • •

**אין איינע פון די ראדומסקער ספרים ווערט געברענגט**, אז ווי באקאנט איז דער הייליגער ראדאמסקער רבי געווען א גרויסער עושר און האט זיך באשעפטיגט מיט גרויסע מסחרים אין די הויפט-שטעט פון אייראפע ווי וויען, בערלין און

ווארשא, ער האט זיך געטראפן מיט די גרעסטע גוי'אישע און פרייע בראקערס און אגענטן.

איינמאל האט א גרויסער פראנצויזישער ביזנעסמאן זיך באגעגנט מיטן רבין, וועגן א גרויסער קאנטראקט פון עטלעכע מיליאן זלאטעס, דער גוי האט באמערקט, אז במשך די גאנצע שעה פון דעם פארהאנדלונג, כאטש דער רבי האט געענטפערט מיט גרויס חכמה און קלארקייט אויף יעדער פראגע, האט דער רבי אבער קיין איינמאל נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו קוקן אויף די ארומיגע שיין-אויסגעפוצטע בילדער אדער אויף די מענטשן אין צימער, נאר געהאלטן זיינע אויגן אראפגעבויגט מיט גרויס קדושה און טהרה.

נאך די אסיפה האט דער גוי דער סוחר געזאגט פאר זיינע געהילפן, "**איך האב געזען פילע גרויסע סוחרים אין מיין לעבן, אבער דער מענטש איז נישט קיין געווינליכער ביזנעסמאן, ער איז א מלאך אלקים וואס זיין גוף איז דא, אבער זיין גייסט איז גאר אין אן אנדערער, הייליגער וועלט**", זיינע חסידים האבן געוואוסט, אז אפילו ווען ער איז געווען טיף איינגעזונקען אין די גרעסטע פינאנציעלע ענינים, האט זיין מח און מחשבה נישט מסיח דעת געווען פונעם גרויסן באשעפער פון די וועלט און די הייליגע תורה.

• • •

**אין ספר אלה אזכרה ווערט דערציילט**, אז אין די שווערע טעג ביי די צווייטע וועלט מלחמה אין די טרויעריגע בארימטע ווארשא געטו, ווען דער הונגער האט געבושעוועט און מענטשן זענען רח"ל געפאלן אין די גאסן ווי פליגן, האט דער רבי זיך אומגעקוקט אויף יעדן איינציגן איד וואס ער האט נאר געקענט דערגרייכן, איין טאג האט דער רבי באקומען מיט גרויס פראטעקציע א קליין שטיקל טרוקן ברויט, א מציאה וואס איז אין געטו געווען גלייך צו גאלד און האט געקענט האלטן א מענטש ביים לעבן פאר עטליכע טעג.

דער רבי האט אבער געזען ווי אן אלמנה מיט א קליין קינד שטייען אין עק הויף און וויינען פון גרויס הונגער, אהן קיין שום צווייפל אדער פארזוימינג האט דער רבי גענומען דאס גאנצע שטיקל ברויט, עס איבערגעגעבן פאר דער אלמנה און געזאגט מיט א שמייכל, "**נעם דעם שטיקל ברויט פאר דיר און דיין קינד, איר דארפט דאס מער ווי מיר**", ווען די שטוב-מענטשן האבן געזאגט פאר רבין, אז ער בלייבט דאך אליין אהן קיין שום עסן, האט ער זיי געענטפערט ברוב קדושתו, "**דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די חיות צו לעבן, און די אמת'ע חיות פונעם איד קומט נישט פונעם ברויט, נאר פון טאן די מצוה פון אהבת ישראל און מציל זיין אן אידישע נשמה**".

• • •

**אין ספר אלה אזכרה ווערט דערציילט**, אז אין די פינסטערע טעג אינעם ווארשא געטו, האבן די נאצישע רשעים ימ"ש דורכגעפירט **אכזריות'דיגע אקציעס** אין די גאסן, יעדער איד וואס איז געכאפט געווארן **אן א ארבעטס-פאס ("שיין")**, איז גלייך אוועק געפירט געווארן גלייך צו די ביטערע לאגערן און פון דארט זענען ליידער רוב קיינמאל נישט צוריק געקומען.

איין טאג האט א יונגער ישיבה-בחור פון זיין ישיבת "כתר תורה" זיך באהאלטן אין הויף פונעם רבינ'ס דירה אויף רוחאמסקע / נאוואליפקי גאס, פונקט דאן זענען די דייטשע רשעים אריינגעפאלן אין הויף פונעם רבין און אנגעהויבן זוכן פאר אומליגאלע חברה, דער רבי, זעענדיג פון פענצטער די סכנה וואס שוועבט איבערן בחור'ס קאפ, האט נישט מורא געהאט פאר זיין אייגן לעבן, נאר ער איז ארויסגעגאנגען פאראויס צום דייטשן אפיציר, **און אים אנגעהויבן באשעפטיגן מיט פשוטע דיבורים און האנדלונגען כדי אוועקצונעמען די אויפמערקזאמקייט אויף זיך**.

און דורך דעם וואס דער רבי האט זיך אליין אריינגעלייגט אין א דירעקטע סכנה, האבן די דייטשע רשעים ימ"ש זיך פארקוקט, און דער בחור האט זיך באוויזן צו באהאלטן און איבערלעבן יענעם טאג, ווען די שטוב-מענטשן האבן געציטערט פארן רבינ'ס לעבן און אים געפרעגט, וויאזוי ער האט זיך אריינגעשטעלט אין כמעט זיכערע סכנה, האט ער געענטפערט מיט א פשטות בזה"ל, "**איינער פון די יסודות פון כלל ישראל איז 'כל ישראל ערבים זה לזה', ווען א אידיש קינד איז אין סכנת נפשות, עקזיסטירט נישט קיין חשבון פון אייגענעם כבוד אדער סכנה**", דאס איז געווען זיין אמת מסירת נפש פאר א אנדערן איד.

• • •

**אין ספרי בית ראדומסק ווערט געברענגט**, אז פאר דער מלחמה איז דער רבי געווען פון די גרעסטע גבירים אין פוילן, ער האט פארמאגט נכסים, הייזער און גרויסע סומעס געלט אין די גלאבאלע באנקען, ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן און טויזנטער פליטים זענען אנגעקומען קיין ווארשא אהן קיין בגדים אדער שטיקל ברויט, האט דער רבי ארויסגענומען זיינע אלע געלטער און עס פארטיילט ביזן לעצטן גראשן, און ער האט נישט איבערגעלאזט פאר זיך גארנישט אויף שפעטער.

ווען די מקורבים האבן אים געזאגט, "**רבי, מיר ווייסן דאך נישט ווי לאנג די מלחמה וועט דויערן, מען דארף דאך איבערלאזן עפעס א רעזערוו פארן רבי'נס אייגענער משפחה צו קויפן די געברויכן**", דער רבי דער צדיק האט זיי אנגעקוקט מיט א הייליגן בליק און געזאגט, "**וויאזוי קען איך האלטן געלט אין טאש פאר מארגן, ווען היינט שטייט א איד פאר מיר און חלש'ט פאר הונגער, די אידן זענען מיין אייגענע משפחה, און אויב זיי האבן נישט, האב איך אויך נישט**", דער צדיק האט כסדר אנגעפירט א געהיימע חלוקה פון קאשע און ברויט פאר הונדערטער משפחות, און אליין זיך באגנוגט מיט די קלענסטע שיעורים ממש.

• • •

**אין ספר אלה אזכרה ווערט געברענגט**, אז די גרעסטע גבורה און מסירות נפש פונעם צדיק דער הייליגער ראדומסקער זי"ע פאר א אנדערן איד, האט זיך ארויסגעוויזן **אין זיין לעצטן טאג עלי אדמות י"ח באב בשנת תש"ב**, ווען די רשעים זענען אריינגעלאפן אין זיין דירה אויף נאוואליפקי 33, זענען מיט אים געווען זיין איידעם הרה"ח רבי דוד משה מקרימלוב זי"ע, זיין טאכטער, און נאך עטליכע חסידים, די דייטשן האבן באפוילן פאר אלע איינוואוינער זיך אראפצווארפן אויף דער ערד און זיך גרייטן פאר זייער טויט.

דער רבי האט באמערקט, ווי די ארומיגע אידן זענען איינגעהילט אין א שרעקליכן פחד, ער האט זיך אויפגעשטעלט גראד, זיך אומגעקוקט אויף זיי מיט גרויס רחמנות און חיזוק, און אויסגערופן צו זיי מיט א רואיגקייט, "**אידן! האלט אייך שטארק, מיר גייען יעצט מקיים זיין די הייליגסטע מצוה פון קידוש השם**", און דער רבי האט זיך אפגעזאגט צו פאלגן די באפעלן פון די נאציס זיך אומצווארפן אדער אויסצוציען, נאר ער איז געשטאנען אויף די פיס פאר זייערע ביקסן, מוסר נפש געווען זיין כבוד און זיין לעבן צו געבן א גייסטיגע גבורה פאר די אנדערע אידן אין צימער, ביז ער האט אויסגעשריגן "**שמע ישראל**", **און אזוי מיט א מסירת נפש איז דער צדיק וקדוש אומגעקומען על קידוש השם, הי"ד**.

• • •

**אין ספר קדושי פולין ווערט דערציילט**, אז אין די טעג זייענדיג אין די ווארשא געטו אונטער די נעגל פון די רשעים די דייטשן ימ"ש, האבן די נאציס ימ"ש דורכגעפירט אכזריות'דיגע "רעוויזיעס" זוכונגען אין די הייזער, און אויב מען האט געפונען ביי איינעם אומלעגאלע זאכן, ווי שפייז אדער תשמישי קדושה, איז דער עונש געווען א מיתה משונה אויפן פלאץ רח"ל.

איינמאל האבן די רשעים געמאכט א פלוצלונג'דיגע רעוויזיע אין דעם הויז וואס דער רבי האט זיך אויסבאהאלטן, אין דעם זעלבן הויז האט זיך באהאלטן אן אנדערער איד, א פשוט'ער קראנקער בעל הבית, וואס האט געהאט ביי זיך **א קליינע סכום פארבאטענע מעדיצין און אביסל שפייז וואס ער האט באהאלטן פאר זיין משפחה**, ווען די דייטשן האבן זיך דערנענטערט צו זיין צימער, איז דער איד כמעט געפאלן פון פחד, וויסנדיג אז מען גייט אים אויפן ארט כאפן מיט די אומליגאלע סחורה און רח"ל הרג'נען.

דער ראדאמסקער רבי, וואס האט געזען דעם איד'ס גרויסן פחד, האט דער צדיק אפילו נישט געטראכט פאר א רגע, **ער האט אנגעכאפט די חפצים פונעם איד, עס אריינגעשטעקט אין זיין אייגענעם טלית-און-תפילין בייטל, און זיך אוועקגעזעצט לערנען מיט א מורא'דיגע רואיגקייט**, ווען די נאציס ימ"ש זענען אריינגעקומען אין רבינ'ס צימער, האבן זיי געזען זיין הייליגע צורה און זיינע הייליגע אויגן, האבן זיי דורכגעזוכט די עקן פונעם צימער, אבער נישט געוואגט צו רירן דעם רבינ'ס פערזענליכע תשמישי קדושה, **דער רבי האט מיט דעם איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן ממש, כדי צו ראטעווען אן אנדערן איד פונעם זיכערן טויט**.

• • •

**אין ספר אלה אזכרה ווערט דערציילט**, אז אינעם קראנקנהויז פונעם געטו ווי דער הונגער און די מחלות האבן געברענט, זענען די תנאים געווען שרעקליך, וואסער איז געווען א יקר המציאות, און מענטשן זענען געשטארבן פון דורשט, איין טאג האט די רבי דער צדיק מראדומסק באקומען דורך א מקורב **א קליין פלעשל ריין וואסער**, עפעס וואס איז אין יענע טעג געווען שווערער צו באקומען ווי גאלד, און איז געווען נחוץ פארן רבינ'ס אייגענער חלישות און געזונט.

אין דעם זעלבן צימער איז געלעגן אן אומבאקאנטער איד וואס האט געליטן פון א הויכן פיבער און האט געשריגן פאר גרויס יסורים, "**וואסער! גיט מיר א טרופן וואסער**", איידער די שטוב-מענטשן האבן געקענט צוריקהאלטן דעם צדיק, האט דער רבי גענומען דאס פלעשל, זיך צוגעבויגן צום קראנקן איד, און אים אריינגעגאסן דאס וואסער אין מויל, ביז דער איד האט זיך בארואיגט.

ווען מען האט געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס ער לאזט זיך נישט איבער קיין איין טראפן פאר זיך אליין, האט דער רבי געענטפערט מיט א פשטות, "**פיקוח נפש פונעם צווייטן איד שטייט איבער אלעם, וויאזוי קען איך טרינקען וואסער ווען אן אנדערער איד שרייט פון יסורים**".

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז איידער די מלחמה, ווען דער רבי האט אויפגעשטעלט די ישיבות "כתר תורה", זענען געווען שווערע פאליטישע און פינאנציעלע גזירות פון די פוילישע רעגירונג וואס האבן געוואלט פארמאכן די ישיבות אדער ארויפלייגן אסטראנאמישע שטייערן אויף די בנינים.

דער רבי האט געוואוסט, אז אויב ער באצאלט נישט די ריזיגע סומעס, וועט מען ארעסטירן די מנהלים און פארמאכן די סניפים, דער רבי האט דעמאלט דורכגעמאכט א שווערע עקאנאמישע קריזיס אין זיינע אייגענע ביזנעסער, אבער ער האט גענומען גרויסע הלוואות אויף זיין אייגענעם הויז און אויף אלע זיינע פערזענליכע פארמעגנס, כדי צו קענען באצאלן די גרויסע שטייערן פון די ישיבות פאר די רעגירונג.

זיינע יועצים און באקאנטע האבן אים געווארנט, אז ער קען חלילה בלייבן אן א דאך איבערן קאפ און גיין אין תפיסה פאר חובות, האט דער רבי געענטפערט מיט אן אומגלויבליכע מסירות נפש, "**אויב עס איז נגזר געווארן אז איינער זאל ליידן פאר די תורה פון די בחורים, זאל איך ליידן! מיינע נכסים זענען נישט מיינע, זיי זענען נאר געגעבן געווארן כדי צו ראטעווען די נשמות פון די יונגע בחורים**", און דער צדיק האט אוועק געגעבן זיין גאנצן אייגנטום ביז ער האט געראטעוועט די ישיבות, און בסייעתא דשמיא איז ער שפעטער ניצול געווארן פון דעם באנקראט.